YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv21i4

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 21 Issue 4
April 1939

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 21, Iss. 4)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/662

אונזערע בילדונגס טעטיגקייטען

פון פאניא מ. קאהען
סעקרעטאר עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל

די ארבייטער באוועגונג האט אלע מאל פאר זיך א פראבלעם ווי אזוי צו שאפען אקטיוויטעט פאר דער גרויסער צאל יונגע מיטגלידער. אין אונזער יוניאן, צום ביישפיל, האבען מיר יונגע מענשען, וועלכע באזיצען ענערגי, ענטוזיאזם, א באגער צו טאן עפעס און זיך אנזען. פילע פון זיי זיינען נאך אבער צו־יונג אנצוטרויען זיי די פאראנטווארטליכקייט פון טעטיגקייטען וואס האבען צו טאן מיט דער פאליסי פון דער יוניאן. מען מוז אבער געווינען זייער צוטרויען און זיי ערציען פאר די פליכטען.

דערפאר האט די פירערשאפט פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט זיך אלע מאל באצויגען מיט פולען ערענסט צו אונזערע יונגע מיטגלידער און באהאנדעלט זיי מיט רעספעקט און ארבייט אונערמידליך צו אנטוויקלען זייערע איינגעבארענע פיהיגקייטען, אייגענשאפטען און כאראקטער און העלפט זיי באקומען דאס נייטיגע וויסען.

פאר דעם צוועק האבען מיר באשאפען דעם סטודענט קאונסיל וועלכער גייט איצט אונטערן נאמען „סטודענטס פעלאושיפ". צוזאמען מיטן עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, ארגאנזירען די יונגע מענשען פארשידענע אונטערהאלטונגען, טעאטער פארטיעס און אנדערע אונטערנעמונגען און, וואס איז וויכטיג, זיי ציען אריין אין דער טעטיגקייט טויזענדער מיטגלידער לערנענדיג אזוי ארום ווי אזוי צו טאן זאכען, אנטוויקלען זייער ארגאניזאציאנס פיהיגקייטען און פאראנטווארטליכקייט.

עס קלינגען אונז נאך אין די אויערען די פרייליכע, גליקליכע שטימען פון די הונדערטע מיטגלידער אונזערע פון ניו יארק און די ארומיגע שטעט וועלכע האבען זיך באטייליגט אין דער אונטערהאלטונג פון דער סטודענט פעלאושיפ. ביי דער פייערונג און טאנץ וואס איז פארגעקומען אין סענטער האטעל איז געווען א צוזאמענקונפט פון די געוועזענע סטודענטען, לערער און פריינט. עס זיינען זיך דארט צוזאמענגעקומען די עלטערע מיטגלידער, איינגעוואנדערטע פון דער אלטער וועלט פון פארשידענע לענדער און פעלקער מיט די יונגע, אמעריקאנער ארבייטער.

אונזערע מיטגלידער האבען באוויזען, אז זיי קענען ניט נאר קעמפען אויפן פיקעט־לאין, שטודירען אין די קלאסען און אין לעקטשור האלס, נאר זיי קענען זיך אויך אמוזירען, טאנצען און זיך אונטערהאלטען. אלע האבען זיי געטאנצט. די פירער און די רענק און פיילער, אונטער די באגייסטערענדע טענער פון אן אויסערגעוויינליך פיינעם ארקעסטער.

עס איז דארט אויך געוויזען געווארען די ספעציעל געשאפענע מאוווי־בילד אין וועלכער עס האבען זיך באטייליגט הונדערטע מיטגלידער פון 22 לאקאל יוניאנס. די איינציגע שטערונג איז געווען וואס עס איז קאליע געווארען דער פראזשעקטאר און די מאווי איז דעריבער געוויזען געווארען שפעט ביי נאכט.

אונזער סטודענט פעלאושיפ קאמיטע וועלכע האט ארגאנזירט די אונטערנעמונג דארף באגריסט ווערען מיט דעם שיינעם אופן ווי זיי האבען אלעס צוגעגרייט און דורכגעפירט.

אונזערע בילדונג סענטערס

די טעטיגקייטען אין אונזערע בילדונג סענטערס גייען ווידער אן נאך דעם קורצען אפרו וואס מיר האבען געהאט. די דיסקוסיע גרופען ווערען אנגעפירט פון פיהיגע לערער. עס ווערען אויפגענומען אזוינע געגענשטאנדען ווי די געשיכטע, סטרוקטור און פונקציעס פון אונזער יוניאן, די געזעלשאפטליכע און פאליטישע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען; די באדייטונג פון אמת'ער דעמאקראטיע און דער ביי־טראג פון דער ארבייטער באוועגונג צו דעם, די סאציאלע אויסטייטשונג פון ליטעראטור און ענליכע געגענשטאנדען.

אין די צענטערס ווערט געלערענט טאנצען, גימנאסטיק, בעסקעט באל און אנדערע ספארט שפילען פון קאמפעטענטע לערער. אלע אונזערע מיטגלידער דארפען באזוכען די סענטערס, וועלכע געפינען זיך אין מאנהעטען, הארלעם, ברוקלין און בראנקס.

באקענט זיך מיט דער שטאט

אלץ מער מיטגלידער פאראינטערעסירען זיך און באטייליגען זיך אין די שפאצירען וואס אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ארגאנזירט רעגעלמעסיג צו פארשידענע אינטערעסאנטע פלעצער אין שטאט. היינטיגען מאנאט וועלען מיר האבען צוויי אזוינע שפאצירען: שבת, דעם 4טען מארטש, 2 אזייגער בייטאג, באזוכען מיר די „האל אוו פעים" אין ניו יארקער אוניווערזיטעט. דאס איז א מוזעאום פון בארימטע אמעריקאנער פערזענליכקייטען, אין 179טע סטריט און סעדזשוויק עווענױ. נעמט די דזשעראם עווענױ סאבווי אדער 9טע עווענױ „על", סטאפט אין בוירנסייד עווענױ סטיישאן. מיר טרעפען זיך ביים ארויסגאנג פון דער סאבוויי.

שבת, דעם 11טען מארטש, 2 אזייגער בייטאג — די „היספאניק סאסייעטי", אין 155טע סטריט און בראדוועי. אן אויסשטעלונג פון קונסט זאכען און היסטארישע איבערבלייבעכץ פון די שפאניש שפרעכענדע פעלקער. נעמט בראדוועי 7טע עווענױ סאבווי ביז 157טע סטריט סטעישאן. מיר טרעפען זיך אין לאבי פון מוזעאום.

„פינס און נידעלס" טעאטער פארטיס

ארראנדזשמענטס זיינען געמאכט געווארען צו פארקויפען טיקעטס פאר „פינס און נידעלס" צו מיטגלידער פאר רעדוצירטע פרייזען. שטעלט זיך אין פארבינדונג מיט דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

$5,000 פאר דער אידישער ארבייטער־דעלעגאציע פון פוילען דורך פרעזידענט דוד דובינסקי.

פרעזידענט דובינסקי, וועלכער שטיצט כסדר די אידישע ארבייטער באוועגונג אין פוילען, דעם „בונד", די אידיש־וועלטלעכע שולען, די מעדעם־סאנאטאריע, די יוניאנס, האט געמאלדען דער אידישער ארבייטער דעלעגאציע, אז ער איז גרייט אקטיוו מיטצוהעלפען די ארבייטען פון דער דעלעגאציע. ער האט אויך געמאלדען, אז אלס אויסדרוק פון אנערקענונג פון דער וויכטיגקייט פון די אויפגאבען פון דער דעלעגאציע, וועט ער איר איבערגעבען, חוץ אלע אונטערשטיצונגען, וואס די אידישע ארבייטער און פאלקס־אינסטיטוציעס אין פוילען באקומען ביז איצט דורך דער אינטערנעשאנעל, א ספעציעלע סומע פון פינף טויזענט דאלער.

די מיטגלידער פון דער דעלעגאציע, עמנואל נאוואגרודסקי און ב. טאבאטשינסקי האבען אויסגעדריקט דעם הארציקסטען דאנק פרעזידענט דובינסקי'ן פאר זיין ווארעמער פארשפרעכונג און פאר זיין שטענדיגער זארג פאר די נויטען פון דער אידישער ארבייטער און קולטור באוועגונג אין פוילען.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
718 Bergen Ave., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. WAtkins 9-6868

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XXI. No. 3. March, 1939

Entered as Second Class Matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 25, 1919.

טיקעטס פאר

פינס ענד נידעלס

אויף געשניטענע פרייזען

בלויז פאר מיטגלידער

צו באקומען אין „לעיבאר סטעידזש" ביז דעם 15טען מארטש פאר פארשטעלונגען ביז דעם 30טען אפריל.

אווענטען (אויסער שבת) ספעציעלע פרייזען	אווענטען (אויסער שבת) רעגולערע פרייזען	מאטינעעס (מיטוואך און שבת) ספעציעלע פרייזען	מאטינעעס (מיטוואך און שבת) רעגולערע פרייזען
.75	1.10	.40	.55
.85	1.65	.75	1.10
1.10	2.20	.85	1.65
1.50	2.75	1.10	2.20

נייע לידער, סקעטשעס און טענץ

3 נייע נומערען פארפאסט פון דעם וואונדערבארען קאמפאזיטאר האראלד דזש. ראם „פאפא לואיס און מאמא גרין"; „איך האב מוט זיך צו פארליבען", און „צוריק צו דער ארבייט".

יעדער וואס האט שוין איין מאל געזען פינס און נידעלס" מוז עס זען נאך אמאל!

פארלירט ניט די געלעגענהייט

For Reduced Rates to "Pins and Needles"

Fill out and present this coupon at LABOR STAGE BOX OFFICE, 106 West 39th Street. Have your Union book with you. You are entitled to the discount for only yourself and members of your immediate family. SHOP CHAIRMEN and EDUCATIONAL DIRECTORS may arrange for parties of up to 50 people. The offer is good until March 15 only for performances until April 30. The rule is: first come, first served. When available tickets are exhausted, the offer will be withdrawn.

Name of Member ____________

Local No. ____________ Ledger No. ____________

שניידט אויס דעם קופאן און ברענגט עס אין „לייבאר סטיידזש" צוזאמען מיט אייער יוניאן בוך און קריגט טיקעטס צו די ביליגע פרייזען.

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Volume XXI. No. 4. **Jersey City, N. J., April, 1939** **Price: 10 Cents**

א רעקאָרד אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנעל

די אינטערנעשאָנעל האָט געקראָגען א נייעם באַווייז ווי שטאַרק אירע מיטגלידער זיינען צוגעבונדען צו איר און ווי טייער עס איז ביי זיי זייער יוניאָן. דאָס קען מען זען פון דעם לעצטען פינאַנץ־באַריכט, וואָס דער אָפיס פון דער אינטערנעשאָנעל האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו די לאָקאַלס.

אין דעם בריוו, וואָס איז בייגעלייגט געוואָרען פון פרעזידענט דובינסקי צו דעם פינאַנץ־באַריכט, ווערט באַמערקט, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אינטערנעשאָנעל האָט אין יאָר 1938, צוליב דער גרויסער אַרבייטסלאָזיגקייט אין דער פרויען־באַקליידונג אינדוסטריע, פאַרלאָרען 7 און א האַלב פּראָצענט פון אירע מיטגלידער אין פאַרגלייך מיט'ן יאָר 1937, איז אָבער דאָך דער פּראָצענט פון דיוס־צאָלענדע מיטגלידער געשטיגען מיט 11 און א האַלב פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט'ן יאָר 1937.

עס איז געוויס א גרויסער פאַרדרוס, וואָס צוליב דער גרויסער אַרבייטסלאָזיגקייט זיינען אין דעם יאָר 1938 אַרויסגעפאַלען פון דער אינטערנעשאָנעל 18 טויזענט און 821 מיטגלידער און אַנשטאָט די 253 טויזענט און 646 מיטגלידער וואָס זי האָט געהאַט צום סוף פון יאָר 1937 האָט זי געהאַט 234 טויזענד און 825 צום סוף פון יאָר 1938, אָבער זי האָט געהאַט דערפאַר די גרויסע קאָמפּענסאַציע, וואָס די צאָל פון גוטשטייענדיגע מיטגלידער האָט זיך פּראָצענטועל באַדייטענד פאַרגרעסערט. דער פינאַנץ באַריכט ווייזט, אַז אין יאָר 1937 זיינען 74 פּראָצענט פון די מיטגלידער געווען גוט־שטעהענד אין צאָלען דיוס, בעת אין יאָר 1938 זיינען עס געווען 85 און א האַלב פּראָצענט. דאָס איז, באַמערקט פרעזידענט דובינסקי, דער העכסטער רעקאָרד פון גוט־שטייענדע מיטגלידער, וואָס די אינטערנעשאָנעל האָט ווען עס איז געהאַט אין איר געשיכטע.

עס איז נויטיג דערביי צו באַמערקען, אַז די אינטערנעשאָנעל האָט ניט קיין „טשעק אָף סיסטעם" פאַר דער צאָלונג פון דיוס, ווי דאָס איז דער פאַל מיט מאַנכע אַנדערע יוניאָנס. מען נעמט ניט אַראָפּ ביי די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנעל קיין דיוס פון זייער געצאָלט, וואָס זיי קריגען אין שאַפּ. זיי צאָלען זייער דיוס פריי־ווילליג און דאָס מאַכט נאָך וויכטיגער דעם פאַקט און שטרייכט אונטער נאָך שטאַרקער די צוגעבונדענקייט און די פליכטען־טרייהייט פון די מיטגלידער צו דער אינטערנעשאָנעל.

און מען דאַרף האָבען אין זינען, אַז די גרעסטע צאָל מיטגלידער זיינען נאָך פאַרהעלטניסמעסיג ניי אין דער יוניאָן. עס זיינען געווען א סך צווייפלער ביי אונז, וואָס האָבען ווייניג געגלויבט, אַז די גרעסטע צאָל רעקרוטען, וואָס זיינען מיט אַמאָל אַריינגעקומען אין דער יוניאָן, וועלען זיך אין איר האַלטען. זיי האָבען אָבער איין מאָל און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל באַוויזען, אַז זיי זיינען געקומען אין דער יוניאָן צו שטיין אין איר און אַז זיי וועלען זיין טריי און איבערגעבען צו איר. און עס איז ניט קיין וואונדער. זיי האָבען פון דער יוניאָן א סך געקראָגען. די יוניאָן האָט ניט בלויז פאַרגרעסערט זייערע פאַרדינסטען, פאַרקירצט זייער אַרבייטס־צייט, פאַרבעסערט זייערע אַרבייטס־באַדינגונגען, נאָר האָט זיכערער געמאַכט זייער לעבען, האָט איינגעפירט פאַר זיי פאַרשידענע בענעפיטס, האָט זיך באַמיהט זיי צו געבען מער בילדונג און צו מאַכען זייער לעבען אינטערעסאַנטער און אינהאַלטסרייכער. עס איז א געגענזייטיגע באַציאונג. די מיטגלידער זיינען צופרידען און שטאָלץ מיט זייער אינטערנעשאָנעל און די אינטערנעשאָנעל איז צופרידען און שטאָלץ מיט אירע מיטגלידער.

דער זיג פון דער דרעסמאַכער יוניאָן

דער זיג פון דער דרעסמאַכער יוניאָן אין איר קאַמף מיט די טראַק־אייגענטימער איז פון אַן אונגעהייער גרויסער וויכטיגקייט פאַר די דרעסמאַכער, און ברודער דזשוליוס האָכמאַן, דזשענעראַל מענעדזשער פון דער דרעסמאַכער יוניאָן, איז פולשטענדיג באַרעכטיגט צו זיין שטאָלץ מיט דעם אַגרימענט, וואָס ער האָט אונטערגעשריבען.

די איינצעלהייטען פון די געווינסען פון די דרעסמאַכער אין זייער קאַמף מיט די טראַק־אייגענטימער ווערען איבערגעגעבען אין אַן אַנדער פּלאַץ אין דער „גערעכטיגקייט". דאָ ווילען מיר בלויז זאָגען, אַז דער וויכטיקסטער טייל פון אַגרימענט איז זיין דורכפירונג אין לעבען און צו דעם גרויסען קרעדיט פון דער דרעסמאַכער יוניאָן דאַרף געזאָגט ווערען, אַז זי האָט ניט בלויז געפירט אַן ענערגישען קאַמף דעם אַגרימענט צו געווינען, נאָר זי האָט זיך אויך גענומען מיט איר גאַנצער ענערגיע דעם אַגרימענט צו פאַרווירקליכען און אַז די פּונקטען, וואָס זיינען אין אים פאַרשריבען זאָלען אָפּגעהיט ווערען.

מיר ווייסען, אַז די אויפגאַבע צו באַשיצען די פּאָזיציע, וואָס די דרעסמאַכער האָט איצט געוואונען, איז ווייט ניט קיין לייכטע. עס איז אָפט שווערער צו באַשיצען אַן אַגרימענט, איידער אים צו געווינען. נאָר מיר פאַרלאָזען זיך אויף דער ענערגישער און קאַמפּס־פעאיגער דרעסמאַכער יוניאָן, אַז זי וועט גוט אויפפּאַסען, אַז דער אַגרימענט זאָל ווי געהעריג אָפּגעהיט ווערען.

❧

די צייטווייליגע נייע פאַרוואַלטונג פון קלאָוק דזש. באָארד

מיר מוזען זיך מודה זיין, אַז מיר זיינען ניט שטאַרק באַגייסטערט פאַר דער אידעע צו האָבען א קאָמיטע פון פיר מענעדזשערס פאַר'ן דזשאָינט באָארד אַנשטאָט איינעם. דער קלאָוק דזשאָינט באָארד דאַרף האָבען א דזשענעראַל מענעדזשער, וואָס זאָל האָבען די אויפגאַבע און אויך די אַמביציע צו מאַכען דעם דזשאָינט באָארד פאַר די העכסטע קערפּערשאַפט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן ניט בלויז אין נאָמען, נאָר אויך אין דער דעה און אין איינפלוס.

נאָר עס שיינט אונז, אַז קיינער איז ניט באַגייסטערט פאַר דער אידעע פון פיר מענעדזשערס אַנשטאָט איינעם. די נייע איינפירונג ווערט אין דער ווירקליכקייט באַטראַכט בלויז פאַר א צייטווייליגער און בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט ניט געקענט קריגען דעם מענעדזשער, וואָס מען האָט געוואָלט. עס הייסט, אַז עס האַנדעלט זיך ניט וועגען מאַכען א נייעם עקספּערימענט אין דער פאַרוואַלטונג פון דזשאָינט באָארד, נאָר וועגען אויספילען צייטווייליג א פּלאַץ, וואָס איז געבליבען ליידיג.

און זאָל מען אונז ניט פאַלש פאַרשטעהן. מיר באַטראַכטען די קאָמיטע פון די פיר מענעדזשערס פאַר א העכסט פעאיגער, און מיר גלויבען, אַז דער דזשאָינט באָארד איז איבערגעגעבען געוואָרען אין גוטע הענט. אונז איז דאָ ניט נויטיג אויסצוטיילען קאָמפּלימענטען. די נעמען ברעסלאַו, נאַגלער, סאָרקין און מאָליסאַני זיינען גוט באַקאַנט ניט בלויז אין אונזער יוניאָן, נאָר אויך אויסער די גרענעצען פון אונזער יוניאָן. מיר האָבען דאָ בלויז געוואָלט זאָגען, אַז דער דזשאָינט באָארד דאַרף האָבען א י י ן מענעדזשער, וואָס זאָל אינגאַנצען באַלאַנגען אים און וואָס זאָל האָבען די אַמביציע צו מאַכען פון דעם דזשאָינט באָארד מער ווי ער איז איצט. און דער דזשאָינט באָארד דאַרף האָבען מער דעה און מער מאַכט און ער דאַרף זיין, ווי שוין געזאָגט, די העכסטע קערפּערשאַפט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ניט בלויז אין נאָמען.

די קלאָוק מאַנופעקטשורערס אַסס'ן פאַרלאַנגט עפּעס פון פּרעז. דובינסקי

די קלאָוק מאַנופעקטשורערס אַססאָסיאיישאָן האָט צוגעשיקט צו פּרעזידענט דובינסקי א בריף, אין וועלכען זי פאַרלאַנגט א פּאָר רעפאָרמען. ערשטענס, פאַרלאַנגט זי, אַז אין אַ ל ע קלאָוקשעפּער זאָל עקזיסטירען אַן איינהייטליכע סיסטעם פון אַרבייט. עס זאָל זיין אין אַלע שטיק־אַרבייט, אָבער ניט אין איינעם שטיק־אַרבייט און אין דעם אַנדערען וואָך־אַרבייט. צווייטענס, זאָלען די פּרייזען פון אַרבייט געסעטעלט ווערען פאַר'ן גאַנצען גאַרמענט און ניט אין באַזונדערע טיילען פאַר אָפּערייטאָרס, פּרעסערס און פינישער.

נו, וואָס איז שייך צו דער פאָדערונג וועגען סעטלען פּרייזען, קענען מיר זיך פאָרשטעלען, אַז עס וואָלט געווען פאַר די מאַנופעקטשורערס בעסער אָפּצוסעטלען דעם גאַנצען גאַרמענט מיט אַמאָל, איידער אין באַזונדערע טיילען. הגם, וואָס איז שייך צום פּרייז גופא, ווייסען די מאַנופעקטשורערס ווי צו באַרעכענען, אַז עס זאָל זיי ניט קאָסטען מער. זיי מאַכען דאָך דעם חשבון סאַי ווי סאַי פאַר'ן גאַנצען גאַרמענט און זיי האָבען דעם חשבון אין זינען, ווען זיי דינגען זיך שפּעטער מיט די אָפּערייטאָרס, מיט די פּרעסערס און מיט די פינישערס. און אויב עס איז בלויז א פראַגע פון באַקוועמליכקייט דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז עס איז אַן אַלטער קלאָוקמאַכערישער מנהג, אַז יעדער טייל פון דער אַרבייט זאָל געסעטעלט ווערען באַזונדער. און ברעכען אַן אַלטען מנהג איז זעהר שווער.

וואָס איז אָבער שייך צו דער ערשטער פאָדערונג וועגען אַן איינהייטליכער סיסטעם פון אַרבייט, עס הייסט, אַז עס זאָל זיין בלויז שטיק־אַרבייט אין אַלע שעפּער און וואָך־אַרבייט זאָל ניט ערלויבט ווערען, וועלען, דאַכט זיך, די מיטגלידער פון דער מאַנופעקטשורערס אַססאָסיאיישאָן גאַנץ שטאַרק קעמפען געגען דעם.

אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז שוין מערערע מאָל פאַרהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען אַן איינהייטליכער סיסטעם פון אַרבייט אין גאַנצען קלאָוק טרייד, ווייל די יוניאָן גלויבט, אַז דאָס וואָלט געווען בעסער פאַר די אַרבייטער. אָבער עס זיינען גראָד פאַראַן מערערע מאַנופעקטשורער וואָס פּראָדוצירען דעם טייערערען סאָרט קלאָוקס, וואָס ווילען דווקא אַנהאַלטען די סיסטעם פון וואָך־אַרבייט און זיי זאָגען, אַז לויט'ן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן האָבען זיי א רעכט דערצו. אגב איז עס ניט בלויז א פראַגע פאַר די מאַנופעקטשורערס, וואָס פּראָדוצירען דעם בעסערען גראַד קלאָוקס, נאָר אויך פאַר די דזשאָבערס, וואָס פּראָדוצירען דעם ביליגען גראַד קלאָוקס און גיבען אַרויס זייער אַרבייט צו קאָנטראַקטאָרס, וואָס אין זייערע שעפּער ווערט געאַרבייט פון וואָך.

די פראַגע פון איינפירען אַן איינהייטליכע סיסטעם פון שטיק־אַרבייט אין גאַנצען קלאָוק־טרייד האָט אייגענטליך די מאַנופעקטשורערס אַססאָסיאיישאָן געדאַרפט אויפנעמען ביי זיך מיט אירע מיטגלידער און ניט מיט דער יוניאָן. ווייס דאָך די מאַנופעקטשורערס אַססאָסיאיישאָן, אַז די יוניאָן שטערט ניט די מאַנופעקטשורערס וואָס אין זייערע שעפּער עקזיסטירט נאָך די סיסטעם פון וואָך־אַרבייט איינצופירען די סיסטעם פון שטיק־אַרבייט. די יוניאָן היט איר אָפּמאַך. זי האָט ערלויבט איינצופירען שטיק־אַרבייט.

❧

פּרעז. רוזוועלט'ס באַמיאונגען פאַר שלום צווישען א.פ.אָ.ל. און ס.אַי.אָ.

דער לאַנג־ערוואַרטעטער רוף פון פּרעזידענט רוזוועלט פאַר א שלום צווישען דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר און דער סי. אַי. אָ. איז ענדליך געקומען און די האָפנונגען אויף א נאָענטען פרידען אין דער אַמעריקאַנער

ארבייטער באוועגונג האבן ווידער אויפגעלעבט.

מיר האבן שוין ביי א פריערדיגער געלעגנהייט ערקלערט, אז רוזוועלט האט א פאליטישען אינטערעס אין א פאראייניגטער ארבייטער באוועגונג. רוזוועלט האט זיך די גאנצע צייט פון זיין אדמיניסטראציע ארויסגעוויזען פריינדליך צו די ארבייטער און די ארבייטער האבן עס אנערקענט און זיי זיינען געווען פריינדליך צו אים. רוזוועלט האט געהאט צו פארדאנקען זיין ריזיגע מאיאריטעט אין די וואלען פון 1936 די אמעריקאנער ארבייטער מאסען, וועלכע האבן אין זייער גאנץ גרויסער איבערוועגענדער מערהייט געשטימט פאר אים. די וואלען צום קאנגרעס אין 1938 ווידער זיינען צום גרויסען טייל ארויסגעקומען ניט גינסטיג פאר רוזוועלט'ן צוליב דער שפאלטונג אין די ארבייטער־רייען. דער שטרייט צווישען דער א. פ. אוו ל. און דער סי. אי. א. איז שטארק אויסגענוצט געווארען אין די וואלען און אין פילע ערטער זיינען א סך ארבייטער־שטימען אפגעגעבען געווארען פאר געגנער פון דער רוזוועלט אדמיניסטראציע. פרעזידענט רוזוועלט איז דעריבער פאראינטערעסירט אין א פאראייניגטער ארבייטערבאוועגונג, ווייל דאס וועט זיין א גרויסע מאכט, אויף וועלכער ער וועט זיך קענען שטיצען.

און ניט דאס אליין. א געשפאלטענע ארבייטער באוועגונג איז א גרויסע שטערונג פאר דער דורכפירונג פון רוזוועלט'ס פראגראם פון סאציאלער געזעצגעבונג. די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר, וואס באקעמפט אזוי שטארק דעם וואגנער ארבייטער־געזעץ אין זיין איצטיגער פארם, וואלט ניט געהאט קיין אורזאך עס צו טאן, ווען עס וואלט געווען א פאראייניגטע טרייד־יוניאן באוועגונג אין לאנד.

רוזוועלט איז אויך אונטער דעם איינדרוק, אז דער קאמף אין די ארבייטער רייען ברענגט ניט בלויז שאדען די ארבייטער, נאר עס שטערט אויך דעם נארמאלען גאנג פון ביזנעס און אינדוסטריע. רוזוועלט האט דעריבער ניט בלויז אפעלירט צו די שטרייטענדע צדדים, אז זיי זאלען מאכען שלום, נאר ער האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע דעם געוואונשטען שלום צו ברייגנען.

וועט רוזוועלט זיין ערפאלגרייך אין זיינע באמיאונגען? וועט זיך אים איינגעבען צו ברייגנען דעם שלום, וואס אנדערע, פריער פאר אים, האבן געזוכט צו ברייגנען און זיינען געווען ערפאלגלאז? וועט זיך אים איינגעבען צו באזיגען די שוועריגקייטען, וואס אנדערע האבן ניט געקענט?

פאר פרעזידענט רוזוועלט איז דער פרידען אין די ארבייטער רייען מער א פאליטישע פראגע, ווי דאס איז שוין פריער באמערקט געווארען, פאר די ארבייטער פירער אבער איז עס אין דער ערשטער ליניע אן עקאנאמישע פראגע. עס איז א שטרייט ווי אזוי עס איז בעסער פאר די אמעריקאנער ארבייטער וואס זיי פארטרעטען, צו זיין ארגאניזירט; וועלכע ארגאניזאציאנס־פארם איז די בעסטע פאר זיי. פאר פרעזידענט רוזוועלט איז עס קיין אונטערשייד ניט אויף וואס פאר א באזיס עס זאל געמאכט ווערען שלום,, צי אויף די באדינגונגען פון דער א. פ.אוו ל. אדער אויף די באדינגונגען פון דער סי. אי. א. פאר די ארבייטער פירער איז עס אבער א גרויסער אונטערשייד.

עס איז אמת, אז וואס איז שייך צו דער פרינציפיעלער פראגע, וועגען וועלכער דער שטרייט איז אויסגעבראכען אין דער אמעריקאנער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג, שטעהען די שטרייטענדע צדדים איצט א סך נענטער איינער צום אנדערען, ווי אין דער צייט, ווען דער שטרייט האט זיך אנגעפאנגען. די פירערשאפט פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר איז דעמאלט געווען א סך שטארקער אויסגעשפראכען געגען דעם אינדוסטריעלען יוניאניזם ווי היינט. איצט איז זי א ביסעל נאכגעביגער אין דעם פרט. די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר איז ניט בלויז געווען גרייט צו מאכען גרויסע קאנצעסיעס צום אינדוסטריעלען יוניאניזם ביי די ערשטע פרידענס־פארהאנדלונגען מיט דער סי. אי. א. מיט א יאר צוריק, נאר זי האט אליין אין מעררערע פאלען זיך גענומען ארגאניזירען די ביז איצט ניט ארגאניזירטע ארבייטער אויף אינדוסטריעלע יסודות. נאר אויב די צווי שטרייטענדע צדדים זיינען היינט נענטער איינער צום אנדערען וואס איז שייך צו דער פרינציפיעלער זייט פון דעם שטרייט, איז אבער דער פערזענליכער עלעמענט אין דעם שטרייט שטארקער געווארען. דאס איז דער פאל מיט יעדען קאמף וואס ווערט אנגעפירט א לענגערע צייט, בפרט נאך מיט א ברודער־קאמף. אחוץ דעם פאנגט אויך אן שפילען א ראלע דער ארגאניזאציאנעלער פאטריאטיזם. מיט א פאר יאר צוריק איז דער ארגאניזאציע פאטריאטיזם נאך געווען שוואך אנטוויקעלט ביי דער סי. אי. א. ערשטענס איז די ארגאניזאציע נאך געווען גאנץ יונג און צווייטענס האט מען איר באטראכט בלויז פאר א צייטווייליגע. איצט איז זי אבער עלטער געווארען און זי איז געווארען פערמאנענט.

און ערגער ווי אלץ איז די יוריסדיקציע פראגע, אדער ריכטיגער די דאפעלטע יוניאנס וואס זיינען געשאפען געווארען אין די זעלביגע אינדוסטריען אין דער צייט פון שטרייט. דאס איז אייגענטליך די שווערסטע פראגע ביי די איצטיגע שלום־פארהאנדלונגען.

אויב איינער צווייפעלט, אלזא, אין דעם ערפאלג פון די שלום־פארהאנדלונגען האט ער א גוטען גרונד דערפאר. די פירער פון ביידע זייטען האבן לעצטענס ניט ארויסגעוויזען קיין גרויסען חשק פאר שלום. לואיס, דער פירער פון דער סי. אי. א., האט געדענקט, ווי מען קען זיך פארשטעלען, אז איצט איז פאר אים ניט קיין גינסטיגע צייט צו פירען שלום פארהאנדלונגען, ווייל זיין ארגאניזאציע האט אין לעצטען יאר א סך פארלארען און איז שוואך געווארען. עס איז דעריבער גלייכער פאר אים אפצולייגען די שלום־פארהאנדלונגען ווען זיין ארגאניזאציע וועט זיך געפינען אין א בעסערען צושטאנד. די פירער פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר ווידער מעגען גלויבען, אז די סי. אי. א. וועט וואס ווייטער אלץ שוואכער ווערען און עס איז דעריבער גלייכער, אז דער שלום זאל אפגעלייגט ווערען.

עס איז אבער קיין צווייפעל ניט, אז דער וואונש פאר שלום איז ביי די ארבייטער מאסען — די רענק ענד פאיל, ווי מען רופט עס — איצט א סך שטארקער ווי פריער. דאס איז דער פאל ביי ביידע שטרייטענדע צדדים. די ריזיגע צאל בריף און טעלעגראמעס, וואס זיינען אנגעקומען צו רוזוועלט'ן, זיינען די בעסטע עדות. עס קען זיין, אז רוזוועלט וועט אט דעם פאקט אויסנוצען, ווען ער וועט זעהן, אז די פירער קענען זיך ניט איינינגען. עס איז אנגעגעבען געווארען פון די צייטונגס־רעפארטערס אין וואשינגטאן, אז רוזוועלט איז גרייט צו באנוצען א „דובינע”, א „ביג־סטיק” איבער די קעפ פון די פירער, אז זיי זאלען ברייגנען צו א שלום. מיר וויסען ניט וואס פאר א „ביג־סטיק” רוזוועלט האט. אבער מיר קענען זיך פארשטעלען איינס פון דאס צווי: אדער ער וועט אפעלירען צו די מיטגלידער פון די ביידע ארגאניזאציעס איבער די קעפ פון זייערע פירער, אדער ער וועט די פירער, וואס האבן זיך ניט געקענט איינינגען, אויפפאדערען איבערצוגעבען דעם שטרייט צו ארביטריישאן. מיר זיינען גענייגט צו דענקען, אז ער וועט גיכער באנוצען דעם צווייטען מיטעל, איידער דעם ערשטען. דער צווייטער מיטעל קען זיין ווירקזאמער, ווייל דער צד, וואס וועט זיך אפזאגען פון ארביטריישאן, וועט האבען געגען זיך די עפענטליכע מיינונג און אין דעם פאל איז די עפענטליכע מיינונג באזונדערס וויכטיג. ביידע צדדים וועלען דעריבער זיך פילען געצוואונגען אנצונעמען ארביטריישאן, ווען רוזוועלט וועט עס פאדערען.

מען האט דעריבער א גוטען גרונד צו האפען, אז די שלום־פארהאנדלונגען וועלען אויף אזא אופן אדער אן אנדערען ענדליך פירען צו א פאראייניגונג אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

פאבלען

פון נחום יוד

דער גערטנער

מיט רויזען ערשט פון גארטען פריש,
באצירט א גערטנער האט א רייך־געגרייטען טיש;
און דארט אין זעלבען צימער פון דער ווייטען, —
ביי ביידע זייטען
פון די פארפוצטע מירמעל־טרעפ, —
געשטאנען זיינען אין די הויכע בלומענטעפ
געקינסטעלטע, פון זייד געקלעפטע בלומען.
דער פארווער, ווי געוויינליך מענשען פון זיין פאך,
וואס האט זיך ליב געהאט צו חקר'ן א סך,
האט מיט דעם גערטנער זיך אין געשפרעך פארנומען:
— „וואס פאר אן אונטערשייד עס איז, אין תוך גענומען,
פון די ביז יענע בלומען!
און דאך . . . אט קומט זיי אויס
צוגלייך די הויז די זעלבע צו באצירען...
און נאכמער — ווען די אמת'דיגע רויז
וועט א פארוועלקטע אפשר פרירען
וואר־ערגעץ אויפ'ן מיסט”...
— „וואס פלוידערסטו דו אומזיסט, —
האט אים זיין דרוש דער גערטנער ניט געלאזט דערפירען, —
דיין שפאגעל־ייער און באלערנדער געדאנק
איז שוין פיל עלטער פון די עלטער־זיידעס טאטעס,
נאר ווער פארגלייכט דאס רויזען — גאט'ס געשאנק —
צו אנגעפארבטע שמאטעס!”

די גאנז און דער האז

א גאנז האט זיך אין פעלד געפאשעט אויפ'ן גראז
מיט אירע געזונטע די קליינע;
פון ערגעץ־וואו ארויסגעשפרונגען איז א האז
אזוי־זיך, אנצוקוקען בלויז די וועלט די שיינע:
ארום איז אזוי גרין געווען,
און ווארעם . . .
ווי נאר די גאנז האט פון דערווייטען אים דערזען, —
גרגר, האט זי דאס אויפגעהויבען דארט א ליארעם!
האט אויסגעשטרעקט איר לאנגע האלז אין גאנצער גרויס,
און מיט רציחה זיך אווארף געטאן צו אים פארויס,
גענומען שיפען גלייך ווי מען וואלט זי געשניטען,
דערביי געארבעט מעשים מיט איר קורצען עק,
א שרעק —
דער אויבערשטער זאל היטען!
דער האז, פארשטייט זיך, איז דארט באלד
א טויט־דערשראקענער אין וואלד אנטלאפען...
נאר אונזער גאנז איז אלץ נאך מיט א גוואלד,
און גרויסער העלדישקייט, אים נאכגעלאפען.

— „וואס יאגסט דו, נארישע, זיך נאך דעם האז? — האט איר
פון פעלד א פויער נאכגעשריען, —
ער איז א שטילע, אומשולדיגע בריאה
וואס ציטערט גאר פאר דיר!
גענוג שוין דיר דיין האלז צו ציען
און איינרלייגען אזוי די וועלט, —
ווייל בלויז דעם שוטה
קאן איינפאלען צו זיין א העלד
וואו ס'איז גאר ניט נויטיג”...

פון צייט צו צייט

פון צביון

עס איז שווער איצט צו טראַכטען וועגען אַנדערע זאַכען ווי וועגען דעם גרויסען וועלט-אומגליק, וואָס הייסט היטלער. אַלץ אַנדערש קוקט אויס קליין און נישטיג. די גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט געפינט זיך איצט אין אַ שרעקענס-צושטאַנד. קיינער ווייס ניט וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפע דער מאָרגען וועט ברענגען. אָבער די נאַטור פון מענשען ענדערט זיך ניט. ער פאַרגעסט ניט אינגאַנצען זיינע אייגענע צרות צוליב די צרות פון דער גאַנצער מענשהייט. די גרויסע וועלט באַשטייט פון אַ גאַנצער ריי קליינע וועלטעלעך און די אינטערעסען פון אָט די קליינע וועלטעלעך פאָדערן זייער ענטפער, זייער באַפרידיגונג, ווען אַפילו די גרויסע וועלט געפינט זיך אין אַ קאַטאַסטראָפאַלען צושטאַנד און די אינטערעסען פון דער גאַנצער מענשליכער ציוויליזאַציע שטייט אין קאָן.

און אין אונזער קליינער וועלטעל איז טאַקע אויך ניט פריילאַך.

* * *

ווען איך האָב מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געשריבען, אַז מען קען זיך ניט העלפען און מען מוז אָנערקענען דעם פאַקט, אַז סעקשאָן ארבייט פאַרשפּרייט זיך [illegible]ן מער אין דעם קלאָוק טרייד און די קלאָוקמאַכער [illegible]זען זיך מיט דעם פאַקט רעכענען און זיך זעהען צוצופּאַסען צו אים, האָב איך באַקומען אייניגע גאַנץ שטאַרקע בריוולאַך מיט גאַנץ האַרבע ווערטער געגען מיר. אַ פּאָר פון זיי, די שאַרפערע, זיינען געווען געדרוקט אין דער „גערעכטיגקייט". פון די בריוולאַך איז אויסגעקומען, אַז איך האָב אָנגעשריבען אַ שרעקליכע אַפּיקורסות און אַז דאָס קען ברענגען גרויס אומגליק פאַר די קלאָוקמאַכער.

איצט הער איך, אַז אין דעם דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט מען גערעדט די זעלביגע אַפּיקורסות און נאָך אויף אַ מער אויסגעשפּראָכענעם אופן. מען האָט דאָרטען גערעדט אָפען און קלאָר, אַז מען דאַרף אַראָפּנעמען דעם איסור פון סעקשאָן ארבייט, ווייל דער עיקר פאַר די ארבייטער איז ניט די סיסטעם פון דער ארבייט, נאָר די פאַרדינסטען און די ארבייטסצייט. עס הייסט, אַז אויב מען קען ביי סעקשאָן ארבייט פאַרדינען אויף אַן אנשטענדיגען לעבען, ארבייטענדיג קורצע שטונדען איז עס כשר.

דאָס איז אָהן אַ צווייפעל אַ ריכטיגער געדאַנק. די מעשה איז אָבער, וואָס די קלאָוקמאַכער, וועלכע זיינען געגען אָנערקענען סעקשאָן ארבייט, זאָגען, אַז מען קען ביי סעקשאָן ארבייט ניט פאַרדינען אויף אַן אנשטענדיגען לעבען, ארבייטענדיג קורצע שטונדען. זיי זאָגען, אַז סעקשאָן ארבייט וועט זייער לאַגע ערגער מאַכען אַנשטאָט פאַרבעסערען. עס הייסט, אַז אויך זיי זאָגען, אַז ניט די סיסטעם איז דער עיקר, נאָר די פאַרדינסטען און די ארבייטס-צייט.

איך גלויב דעריבער, אַז די פראַגע דאַרף בעסער אָוועקגעשטעלט ווערען אַזוי: מיר נעמען אָן אַז די סעקשאָן סיסטעם איז אַ. שלעכטע פאַר די קלאָוקמאַכער און ממילא זיינען די קלאָוקמאַכער פולשטענדיג באַרעכטיגט צו זיין געגען אָט דער סיסטעם און אים באַקעמפען. אָבער וואָס טוט מען ווען די געגנערשאַפט העלפט ניט און דער קאַמף ברענגט קיין רעזולטאַטען? און נאָך ערגער: וואָס טוט מען, ווען דער קאַמף געגען סעקשאָן ארבייט פאַרטרייבט די ביליגערע קלאָוקס פון ניו יאָרק?

אגב, ווען מען רעדט וועגען סעקשאָן ארבייט, דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אַז אין אַלע טיילען פון קלאָוק טרייד, אויסער ביי די אָפּערייטאָרס, עקזיסטירט דאָך שוין סעקשאָן ארבייט פון לאַנג. ביי די פּרעסערס איז שוין די ארבייט פון אַ סך יאָרען געווען צוטיילט אין דריי אָדער פיר טיילען. איך געדענק נאָך, אַז מיט 25 אָדער 27 יאָר צוריק זיינען געווען טיילען פּרעסערס (מען פלעגט עס רופען „פּיעסע-פּרעסערס"), אונטער-פּרעסערס און אויבער-פּרעסערס. און איך שטעל זיך פאָר, אַז זיי זיינען נאָך געווען פריער, איידער איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. און זינט עס זיינען איינגעפירט געוואָרען די פּרעס-מאַשינען אין קלאָוק טרייד איז דאָך די ארבייט פון די פּרעסערס צוטיילט געוואָרען אין נאָך מער טיילען. אויך פינישינג איז צוטיילט אין אייניגע טיילען. עס איז אויך ניט קיין אויסנאַם ביים צושניידען (קאַטינג). אויך דאָרטען איז די ארבייט צוטיילט אין עטליכע טיילען. די איינציגע אויסנאַם זיינען די אָפּערייטאָרס. עס הייסט, אַז דעם קאַמף געגען סעקשאָן ארבייט דאַרפען אָנפירען די אָפּערייטאָרס אַליין און דאָס מאַכט ממילא דעם קאַמף פיל שווערער.

אין דער ווירקליכקייט זיינען אויך ניט אַ ל ע אָפּערייטאָרס אַזוי פאַראינטערעסירט אין דעם קאַמף געגען סעקשאָן ארבייט. די אָפּערייטאָרס, וואָס זיינען באַשעפטיגט ביי גאָר גוטער ארבייט, האָבען זיך ניט וואָס צו שרעקען פאַר סעקשאָן ארבייט, ווייל אין זייערע שעפער וועט עס ניט קומען. די אָפּערייטאָרס, ווידער, וואָס ארבייטען שוין אין שעפער, וואו די סעקשאָן סיסטעם איז שוין איינגעפירט, זיינען אויך ניט פאַראינטערעסירט אין דעם קאַמף. אין געגענטייל, זיי וואָלטען בעסער וועלען, אַז די סעקשאָן סיסטעם זאָל פון דער יוניאָן לעגאַליזירט ווערען, ווייל דעמאָלט וועלען זייערע שעפער געשטעלט ווערען אונטער דער קאָנטראָל פון דער יוניאָן און זייערע ארבייטס-באַדינגונגען און פאַרדינסטען וועלען פאַרבעסערט ווערען. איצט זיינען אָט די קלאָוק שעפער אין ניו יאָרק פאַררעכענט ביי דער יוניאָן פאַר ממזרים, און זיי זיינען פאַראַן, ווי איך הער, אַ רעכט ביסעל. פאַראינטערעסירט אין דעם קאַמף געגען סעקשאָן ארבייט זיינען הויפּטזעכליך די אָפּערייטאָרס, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין די שעפער, וואו עס ווערט געמאַכט דער מיטעלער סאָרט ארבייט און וואו עס איז מעגליך, אַז סעקשאָן ארבייט זאָל איינגעפירט ווערען, ווייניגסטענס אין אַ געוויסער טייל פון זיי, ווען די יוניאָן וועט אַראָפּנעמען איר פאַרבאָט. אָט די אָפּערייטאָרס וועלען דערפון זיכער ליידען און זייער געגנערשאַפט איז דורכאויס אַ פאַרשטענדליכע און אַ באַרעכטיגטע. די פראַגע איז אָבער: קענען זיי זייער קאַמף געווינען? און נאָך אַ פראַגע: איז די יוניאָן אלס אַ גאַנצע פאַראינטערעסירט אָנצופירען דעם קאַמף?

עס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז דער קאַמף געגען סעקשאָן ארבייט ווערט אַלץ שווערער. דער פאַקט איז, אַז סעקשאָן ארבייט פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער און מער אין דעם קלאָוק טרייד. עס רעדט זיך ניט בלויז וועגען אויט אָוו טאָון, נאָר אויך וועגען ניו יאָרק. פריהער האָט מען געמיינט, אַז די סוטס מיט דעם מענערשען פאַסאָן זיינען בלויז אַן איבערגאַנג. עס וועט זיך איבערקאָכען די מאָדע און מען וועט פון זיי פּטור ווערען. מען האָט אָבער ניט געטראָפען. עס איז גראַד אומגעקערט: זיי זיינען אַלץ מער אריין אין דער מאָדע. און נאָך ערגער: זיי האָבען אָנגעפאַנגען אַנשטעקען אויך די קלאָוקס. מען האָט שוין אָנגעפאַנגען אויך מאַכען קלאָוקס מיט מענישע פאַסאָנען. און אויב מען מאַכט זיי אין אַמאָלגאַמייטעד שעפער, ווערען זיי דאָך געמאַכט דורך סעקשאָן ארבייט פונקט ווי די סוטס.

דער קאַמף געגען סעקשאָן ארבייט פאַרטרייבט אַ גרויסע מאַס ארבייט פון די ניו יאָרקער קלאָוק שעפער און אויט-אָוו-טאָון איז אין דעם פרט ניט דאָס ערגסטע, ווייל אויף די קלאָוק שעפער אויט-אָוו-טאָון האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן פון ניו יאָרק אַ געוויסען קאָנטראָל. ערגער איז עס, ווען די ארבייט ווערט אַריינגעטריבען אין שעפער פון ניו יאָרק אויף וועלכע די יוניאָן האָט קיין קאָנטראָל ניט.

דער לאַנגער קאַמף, וואָס די יוניאָן האָט אָנגעפירט געגען סעקשאָן ארבייט איז געווען ניט קיין אומזיסטער. ווען ניט דער קאַמף וואָלט סעקשאָן ארבייט זיך פאַרשפּרייט אין קלאָוק-טרייד אַ סך פריהער און די ארבייטס-באַדינגונגען וואָלטען געווען ערגערע. עס איז דאָס זעלביגע, וואָס מיט די פּרעס-מאַשינען אין די קלאָוק-שעפער, געגען וועלכע די פּרעסערס האָבען געקעמפט אַ לאַנגע צייט. די פּרעס-מאַשינען זיינען טאַקע ענדליך איינגעפירט געוואָרען, אָבער דער קאַמף האָט דאָך געבראַכט דערצו, אַז די ארבייטס-באַדינגונגען אונטער זיי זאָלען זיין בעסערע.

ווען די יוניאָן זאָל נעמען די סעקשאָן ארבייט לעגאַליזירען, מיינט עס נאָך בשום אופן ניט, אַז זי האָט איר לאַנג-יאָריגען קאַמף געגען אָט דער סיסטעם פאַרלאָרען. זי האָט אַלע מאָל געדאַרפט וויסען, אַז אַ סיסטעם, וואָס ווערט אַרויסגערופען פון דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק און וואָס איז פּראָדוקטיווער, קען ניט אָפּגעשטעלט ווערען. דער קאַמף קען בלויז פאַרלאַנגזאַמערען די איינפירונג פון דער נייער סיסטעם. און וואו די יוניאָן גיט-נאָך ניט צו זיין אַזוי שטרענג, קריגט זי דערפאַר אַ געוויסע קאָמפּענסאַציע. דאָס אַלץ האָט די יוניאָן דערגרייכט מיט איר ביז איצטיגען קאַמף. איצט איז געקומען די צייט, ווען אַנשטאָט צו פירען אַן אומקאָמפּראָמיסלאַכען קאַמף געגען דער סעקשאָן סיסטעם, דאַרף זי איר אַרונטערנעמען אונטער איר קאָנטראָל און איר רעגולירען. און אין דעם רעגולירען וועט אויך דאַרפען אָנגעפירט ווערען אַ קאַמף. סעקשאָן ארבייט גופא קען אויך זיין פאַרשידען און עס קענען אויך געמאַכט ווערען געוויסע גרעניצען פאַר סעקשאָן-ארבייט.

יעדענפאַלס איז בעסער האָבען אַ יוניאָן-קאָנטראָל אויף דער סעקשאָן סיסטעם, איידער איר לאָזען לויפען אינגאַנצען פריי, ווייל מען וויל ניט אָנערקענען איר עקזיסטענץ.

* * *

די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער ביוראָ, וואָס האָט איר הויפּט-קוואַרטיר אין זשענעוואַ, שווייץ, פאַרנעמט זיך די לעצטע צייט מיט אַן אונטערזוכונג וועגען די דיסקרימינאַציעס געגען עלטערע ארבייטער און שוין פון דעם מאַטעריאַל, וואָס זי האָט ביז איצט צונויפגעקליבען קען מען זעהן, אַז די פראַגע פון עלטערע ארבייטער איז ניט קיין לאָקאַלע, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע.

ראָבערט דזש. וואַט, דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער צו דער קאָרפּערשאַפט, האָט ערקלערט, אַז אָט די פראַגע איז פון גאָר אויסערגעוויינליכער וויכטיגקייט פאַר אַמעריקע, וואו 40 פּראָצענט פון באַשעפטיגטע ארבייטער זיינען איבער 40 יאָר אַלט.

פרעדריק לעגעט, דער בריטישער פאַרטרעטער, האָט אויפגעפאָדערט דער קאָרפּערשאַפט, אַז ניט נאָר זאָל זי אָנפירען אַן אונטערזוכונג, נאָר זאָל אויך זעהן געפינען אַ מיטעל צו אָפּשטעלען אָט די ברוטאַלע דיסקרימינאַציע, צווישען וועמענס רייען עס וואַקסט שטענדיג די צאָל פון ארבייטסלאָזע. ער האָט אויך ערקלערט, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט זיין גרייט אַרויסצוהעלפען אין אַלע פּלענער וועלכע די ביוראָ וועט שאַפען, וואָס וועט העלפען לייזען אָט די אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעם.

איז אָבער די פראַגע: וועלכע פּלענער קען די ביוראָ שאַפען? וואָס קען מען טאָן אין אונזער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַן אונטערנעמער, וואָס וויל ניט אָנשטעלען קיין עלטערע ארבייטער? עס איז נאַטירליך, אַז ווען דער אונטערנעמער האָט אַ פרייען אויסוואַל צווישען יונגע און עלטערע ארבייטער, וועט ער גיכער נעמען יונגע, וועלכע קענען לייכטער ווערען אַ טייל פון דער מאַשין און ממילא פּראָדוצירען מער. און דער אויסוואַל איז אַ גרויסער. עס עקזיסטירט אַ ריזיגע ארבייטסלאָזע אַרמיי.

בלויז די רעגירונגס-מאַכט קען אין דעם עפּעס טאָן. אָדער זי קען שטעלען אַלע, אָדער די וויכטיגסטע אינדוסטריען אונטער איר קאָנטראָל און זיך נעמען דאָס רעכט צו רעגולירען דאָס אָנשטעלען פון ארבייטער, אָדער די רעגירונג דאַרף אינגאַנצען איבערנעמען געוויסע אינדוסטריען, למשל, די וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם געזעלשאַפטליכען באַדאַרף — דאָס וואָס מען רופט ביי אונז „פּאַבליק יוטיליטיס" — און זי וועט דעמאָלט קענען באַזאָרגען אַ סך פון די עלטערע ארבייטער מיט באַשעפטיגונג. עס קען אָבער קיין זאַך ניט געטאָן ווערען ווי לאַנג די אונטערנעמער וועלען זיין פולשטענדיג פריי צו געבען באַשעפטיגונג בלויז וועמען זיי ווילען.

* * *

די רוזוועלט-אַדמיניסטראַציע האָט די לעצטע וואָכען זיך זעהר שטאַרק באַמיהט צו געווינען דעם צוטרוי פון די באַלעבאַטים און צו שאַפען ביי זיי אַ פרייליכערע שטימונג. גאַנץ באַזונדערס האָט זיך אין דעם אויסגעצייכענט דער נייער האַנדעלס-מיניסטער, סעקרעטערי אָוו קאָמערס, הערי האָפּקינס. די בעלי-בתים האָבען פון אים געהערט אַ פּאָר פריינדליכע ווערטער, האָפנונגספולע פאַרשפּרעכונגען. עס זיינען אויך געקומען דערמוטיגענדע ווערטער צו די באַלעבאַטים פון דעם פינאַנס מיניסטער, סעקרעטערי אָוו דהי טרעזשורי הענרי מאָרגענטוי. די ווערטער זיינען געווען וועגען קלענערע שטייערען, וועגען קלענערע רעגירונגס הוצאות און וועגען באַמיהונגען צו באַלאַנסירען דעם בודזשעט פון דער רעגירונג. קורץ און גוט, עס איז אַלץ געטאָן געוואָרען אַרויסצורופען ביי די באַלעבאַטים אַ פרעהליכערע שטימונג, כדי זיי זאָלען קריגען מוט און זאָלען אויך זיין וויליג אונטערצונעמען נייע געשעפטען אָדער צו פאַרגרעסערען זייערע אַלטע געשעפטען. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. די אונצופרידענע שטימונג ביי די באַלעבאַטים האָט זיך

ניט געענדערט און עס האט זיך אויך אין אלגעמיין ניט געענדערט דער עקאנאמישער צושטאנד אין לאנד. און אויף וויפיל עס האט זיך געענדערט איז עס געווען צום ערגערן. די צאל ארבייטסלאזע האט זיך נעמליך פארגרעסערט. לויט דער סטאטיסטיק פון דעם „נעשאנאל אינדאסטריעל קאנפערענס באארד" איז סוף יאנואר די צאל פון ארבייטסלאזע אין אמעריקא געווען 10 מיליאן און 645 טויזענד. און עס איז דאך די צאל פון ארבייטסלאזע מיט וועלכער מען מעסט די גאנצע צייט דעם עקאנאמישען צושטאנד פון לאנד.

דער קריזיס אין זיין איצטיגען צושטאנד איז גאנץ אנדערש ווי ער איז געווען אין די ערשטע יארען, ווען ער האט זיך אנגעפאנגען. אין די ערשטע יארען פון קריזיס האבען געליטען פון אים ניט בלויז די ארבייטער, נאר אויך די באלעבאטים און אפילו די גאנץ גרויסע. עס זיינען פארגעקומען אן אונגעהויער גרויסע צאל באנקראטען, עס האבען געקראכט באנקען, די גרויסע קאמפאניעס האבען געארבייט מיט גרויסע דעפיציטען, מען האט ניט געצאלט קיין דיווידענדען, מען האט פארמאכט פאבריקען, אויפגעגעבען גרויסע געשעפטליכע אונטערנעמונגען — קורץ און גוט, עס איז געווען א קריזיס פאר אלעמען. און עס איז געווען א מאמענט, ווען די גרויסע באלעבאטים זיינען געווען אזוי איינגעשראקען, אז זיי האבען געמיינט, אז די גאנצע קאפיטאליסטישע סיסטעם האט צוזאמענגעבראכען און אז דער הימעל לאזט זיך אראפ אויף דער ערד און עס ווערט א סוף פון דער וועלט. איצט אבער איז עס גאנץ אנדערש. די גרויסע באלעבאטים לײדען ניט פון קריזיס. אין געגענטייל, זיי מאכען גאנץ גוטע געשעפטען. מערערע פון זיי באשעפטיגען טאקע ווענינגער ארבייטער ווי פריהער, אבער זיי האבען זיך איינגעשאפט נייע ארבייטס־שפארענדע מאשינען און זיי מאכען גאנץ גרויסע פראפיטען. פון קריזיס לײדען די ארבייטער און א גרויסער טייל פון מיטעל־קלאס.

אין די ערשטע פאר יאר פון קריזיס, ווען די גרויסע באלעבאטים זיינען געווען אזוי צושראקען און צוטומעלט, מיינענדיג, אז די וועלט פאלט איין, האבען זיי געלאזען רוזוועלט'ען טאן וואס ער וויל אבי ער זאל נאר ווי עס איז ראטעווען פון א פולשטענדיגען צוזאמענברוך. אמת, ווי נאר זיי האבען אפגעכאפט א ביסעל דעם אטעם און די ערשטע גרויסע שרעק איז א ביסעל אריבער, האבען זיי אנגעפאנגען אויסצודריקען זייער אומצופרידענהייט מיט די נייעסען, וואס רוזוועלט האט איינגעפירט. פון אנפאנג אין דער שטיל און וואס ווייטער אלץ העכער. אבער זיי זיינען דאך, ווי מען קען זאגען, געגאנגען אין שפאן. זיי האבען זיך געבריקעט אבער דאך געגאנגען. די מורא פאר א פולשטענדיגען צוזאמענברוך איז נאך ניט געווען אין גאנצען פארריבער. דער גרויסער קראך אין וואל סטריט איז נאך געווען פריש אין זכרון און זיינע קרבנות זיינען נאך געווען פאר די אויגען. איצט אבער איז שוין אלץ פארגעסען. דער גרויסער קראך אין וואל סטריט, די פאניק פון די באנקען, דאס פאלען פון ריזען — דאס אלץ באלאנגט צו געשיכטע. וואל סטריט געהט אן מיט אירע געשעפטען ווייטער, די באנקען האבען גענוג געלד, עס זיינען צוגעקומען נייע מיליאנערען, די גרויסע אונטערנעמונגען מאכען גרויסע פראפיטען און צאלען גרויסע דיווידענדען און די קאפיטאליסטישע סיסטעם קוקט אויס צו זיין נאך גאנץ פעסט. די גרויסע באלעבאטים זיינען דעריבער איצט אין גאנצען געגען רוזוועלט'ס רעפארמען און זיין „ניו דיל". עס האנדעלט זיך מער ניט ביי זיי וועגען קריגען קאנצעסיעס פון רוזוועלטן, וועגען קאמפראמיסען, נאר זיי ווילען דעם גאנצען רוזוועלט ניט. און ווי לאנג ער מוז שוין בלייבען אין ווייסען הויז, זאל ער ווענינגסטענס אפשאפען דעם „ניו דיל" זיינעם.

און עס איז ניט צוליב דעם וואס רוזוועלט מיט זיין „ניו דיל" שטערען זיי צו טאן ביזנעס און מאכען פראפיטען. די אלע פאדערונגען, אז די רוזוועלט אדמיניסטראציע זאל דערמוטיגען ביזנעס זיינען דאך ניט מער ווי געשמאטען האמד אין די אויגען פון אמעריקאנער עולם. ווארום ווען האט די רוזוועלט אדמיניסטראציע ניט דערמוטיגט ביזנעס? האט דאך די רוזוועלט אדמיניסטראציע פאר דער גאנצער צייט פון איר עקזיסטענץ געארבייט צו העלפען ביזנעס. דער גאנצער אינהאלט פון „ניו דיל" איז דאך פאר'ן צוועק צו העלפען ביזנעס און אינדוסטריע. האט דאך רוזוועלט אין זיין יעדער רעדע עס באטאנט. רוזוועלט'ס גאנצע „אויסברייגעריי", די ביליאנען דאלאר, וואס ער האט אויסגעגעבען, איז דאך געווען פאר דעם צוועק, אז די גרויסע פאלקסמאסען זאלען האבען מיט וואס צו קויפען און אז ביזנעס און אינדוסטריע זאלען קענען אנגעהן.

פרעזידענט רוזוועלט פרעגט דאך אין זיין ספעציעלען מעסעדזש צום קאנגרעס וועגען די 150 מיליאן דאלאר רעליף געלד א דורכאויס לאגישע פראגע זיינע געגנער: וועט ביזנעס אין לאנד בעסער ווערען, ווען אנדערהאלבען מיליאן מענשען, וואס צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס זיינען עס 4 מיליאן, וועלען פארלירען זייער באשעפטיגונג ביי די ארבייטס־פראיעקטען פון דער רעגירונג און וועלען פארלירען אויך די קויף־קראפט, וואס זיי האבען איצט? קען אימיצער פון רוזוועלט'ס געגנער געבען אן ענטפער אויף דער דאזיגער לאגישער רוזוועלט־פראגע? ווער, אלזא, שטערט די אויפלעבונג פון ביזנעס?

נאר עס איז קלאר פאר יעדען איינעם, אז עס האנדעלט זיך ניט וועגען ביזנעס נאר וועגען פאליטיק. די גרויסע באלעבאטים זיינען געגען דער גאנצער פאליטיק פון דער רוזוועלט אדמיניסטראציע. זיי ווילען ניט, אז די רעגירונג זאל זיי זאגען וועלכע עס איז דעות. די אויפגאבע פון דער רעגירונג, לויט זייער מיינונג, דארף זיין זיי צו העלפען האלטען די פולע עקאנאמישע און פאליטישע מאכט אין זייערע הענד, ווי דאס איז געווען אין די אמאליגע גוטע צייטען פון הארדינג און קולידזש.

די אונטערשטע שורה איז, אז די גרויסע באלעבאטים זארגען זיך ניט פאר ביזנעס, זיי האבען גאנץ גענוג פאר זיך און זיי זארגען זיך זיכער ניט פאר דער גרויסער ארמיי פון די ארבייטסלאזע. זאלען די ארבייטסלאזע פון זייערטוועגען גיין בעטלען אדער שטארבען פון הונגער. פאר זיי איז בלויז פארהאן איין וויכטיגע פראגע: זיך באפרייען פון רוזוועלט'ן און פון זיין „ניו דיל".

און ווען מען נעמט אט דאס אין באטראכט פארשטעהט מען פאר וואס די גרויסע באלעבאטים, דורך זייערע פארטרעטער אין קאנגרעס, האבען אזוי שטארק געקעמפט צו שניידען די סומע געלד, וואס פרעזידענט רוזוועלט האט פארלאנגט פאר דער דאבעליו. פי. איי. אין די גרויסע סומען געלד, וואס די אמעריקאנער רעגירונג גיט אויס, האט 150 מיליאן דאלאר ניט קיין גרויסען באטרעף. עס האט זיך אבער ניט געהאנדעלט וועגען איינשפארען 150 מיליאן דאלאר, נאר וועגען מאכען אן אטאקע אויף דער רוזוועלט אדמיניסטראציע. די אטאקירער האבען זיך אוועקגעשטעלט אין דער פאזיציע פון איינשפארער און רוזוועלט'ען אין דער פאזיציע פון אן אויסברייינגער. דאס איז א גוט אויסגערעכענטע סטראטעגיע.

און עס פארשטעהט זיך אויך, אז ווען עס וועט זיך איינגעבען רוזוועלט'ס געגנער יעדעס מאל צו שניידען די סומען געלד, וואס ער פאדערט פאר דער דורכפירונג פון זיין פראגראם וועלען זיי צום גרויסען טייל האבען זייער קאמף געגען אים געוואונען.

מײן שטילער שכן

פון מאני לייב

איך האב א שטילן שכן,
ער וואוינט די צווייטע טיר,
און ניט איך רייד צו אים,
און ניט ער רעדט צו מיר.

מיר זיינען נאר צוויי שכנים,
באקאנט און ניט באקאנט;
אונז טיילט די פרעמדקייט אפ,
און אויך די קאלטע וואנט.

מיר טרעפן זיך גאר זעלטן —
אמאל נאר אויף די טרעפ,
א גריס נאר אויפן וואונק,
א נייג נאר מיט די קעפ.

מיר גייען זיך פאנאנדער
ווי ווילד און פרעמדע לייט;
ער גייט זיך אין זיין זייט,
איך גיי מיר אין מיין זייט.

דאך האב איך אין מיין שכן
באמערקט ביים ערשטען בליק
אן אומרואיק געזיכט
פון צער — און ניט פון גליק;

א ראק א ריין געפרעסטען
און נאך איין קליינע זאך:
א נאדעל אין זיין לאץ —
א צייכען פון זיין פאך...

מיין שכן איז א שניידער,
דאס אלץ איז וואס איך ווייס;
איך ווייס ניט ווי ער הייסט,
ער ווייס ניט ווי איך הייס.

איך ווייס נאר פון מיין שכן:
ער איז אן ארימאן,
אזעלכע דא אין הויז
א סך זיינען פארהאן...

נאר איינמאל האט געטראפן
אזוינס — אז ניט געדאכט:
מיך רופט א קול און רופט
און וועקט מיך אין דער נאכט.

איך שפרינג פון מיין געלעגער, —
מיין שלאף איז שוין אוועק;
איך שטיי און הער זיך איין,
איך טרייסעל זיך פון שרעק.

און עפעס פון א כח
איך ווער אין גאנצען וואך:
אן אומגליק איז געשען,
דא, דא אונטער מיין דאך.

און קלאר איז מיר געווארן:
אז נאנט דא לעבן מיר
דאס אומגליק איז געשען
הינטער מיין שכנ'ס טיר.

און פון דעם שרעק צוטרייסעלט,
איך ווייס ניט ווי — איך לויף
און פראל מיין שכנ'ס טיר,
ערשט ער — הענגט אויף א שלייף.

ער הענגט זיך אזא שטילער
פון באלקען אויף א שטריק;
עס ברענען אלע ליכט
און בלענדען אזש דעם בליק...

און ער — ער הענגט זיך רואיג
א ווייסער אין דעם ליכט;
די נאדעל אין זיין לאץ,
די רו אויף זיין געזיכט.

און עלענט פון אן מענשען
און ארעמקייט פארשייט
אין ברענענדיגען ליכט
פון יעדען ווינקעל שרייט.

און אויס'ן טיש דעם הוילן,
אין עלענט פון די ווענט,
בלענדט ראזיק א — „פינק סליפ",
מיט טויטען פייער בלענדט.

דאָס אידישע לעבען אין פוילען

פון עמנואל נאָוואָגרודסקי

א...יך גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אַזאַ טעמע קען נישט אויסגעשעפּט ווערען אין איין אַרטיקעל. איך פאַרמעסט זיך גאַרנישט אַזוי ברייט. איך וויל בלויז אַ ביסעל העלפען דער אידישער אַרבעטענדיגער אַמעריקע זיך צו דערוויסען דעם גאַנצען אמת וועגען ...ידישען לעבען אויף יענער זייט ים. אַפילו אַזאַ אויפ־ ...בע איז נישט פון די לייכטסטע. דאָס ווירקלאַכע ...עבען איז דאָך אַ סך רייכער ווי בלויז שוואַרץ, אָדער ...לויז ווייס. שוואַרץ און ווייס זיינען נישט על פּי צו־ ...אַל — קאָלירען פון טויט. דאָס אמת'ע לעבען איז ... סך פאַרביגער, אַ סך קאָמפּליצירטער. אויך דאָס ...ידישע לעבען אין פוילען איז היינט צונויפגעפלאָכטען ...ן אַ סך מאָטיוועןאון טענער, פון אַ סך ליכטיגע און ...ינסטערע מאָמענטען, פון טרערען און פרייד, פון מפּלות ...ן דערגרייכונגען. אין געוויסע הינזיכטען איז דאָס ...עבען דאָרט פאַרביגער אידער אין די זאַטערע אידישע ...שובים מחוץ פוילען. אין אַ סך אַנדערע הינזיכטען — ...רגער, פּיינליכער, שמערצליכער...

...היינט וויל איך בלויז לייכט סקיצירען, ברענגען ...יניגע שטריכען, איניגע בילדלאַך און באַאָבאַכטונגען ...עגען דעם דאָזיגען לעבען. אויספירונגען — זאָל זיך ...דערער אַליין מאַכען.

⁂

לאָמיר אָנהויבען פון אַ פּשוט'ן ענין: די צאָל פון ...ידען אין פוילען.

אידען אין פוילען זיינען פאַראַן צווישען דריי מיט ... האַלבען מיליאָן ביז 4 מיליאָן. אַן אייגענע סטאַ־ ...סטיק, וואָס זאָל האָבען אין זינען בלויז פעסטצושטע־ ...ען זייער ווירקלאַכע צאָל איז נישטאָ. די אָפיציעלע ...ילונג האָט אָבער אַ סך פּאָליטישע סיבות נישט צו ...ין צו פּינקטלאַך...

אָבער אַזוי אָדער אַנדערש, עס איז אַ פאַקט, אַז די ...ידען בילדען גאַנצע צען פּראָצענט פון דער באַפעלקע־ ...נג אין פוילען. אין דייטשלאַנד, למשל, האָט די אידי־ ...ע באַפעלקערונג אויסגעמאַכט בסך הכל ווייניגער ווי ... פּראָצענט. אין איטאַליע, אין ענגלאַנד אָדער אין ...ראַנקרייך — נאָך ווייניגער. אין סאָוועט־רוסלאַנד באַ־ ...רעפט די אידישע באַפעלקערונג אַן ערך 2 פּראָצענט. ...ין אַמעריקע — ארום 3 און אַ האַלב פּראָצענט. אָבער ...ין פוילען איז יעדער צענטער איינוואוינער אַ איד. ...וין צוליב דעם אַליין איז די אידישע באַפעלקערונג ...ן פוילען וואָגיגער ווי וואו־נישט־איז. איר צאָל גופא ...ז — אַ כח. עס איז נישט אַזוי לייכט אַרויסצוואַר־ ...ען פון חשבון יעדען צענטען בירגער. עס איז נישט ...אַ פּשוטער ענין יעדען צענטען בירגער צו אַנטרעכ־ ...ען, אָפּצונעמען ביי אים זיינע עקזיסטענץ־מעגלאַכקיי־ ...ען, באַהאַנדלען אים ווי אַ פרעמדען. אויסשליסען ...עדען צענטען בירגער פון ווירטשאַפטלאַכען, פון גע־ ...עלשאַפטלאַכען לעבען איז אַלענפאַלס אַ טריט, וואָס איז ...אַרבונדען מיט אַ געוואַלדיגער צורודערונג פאַר'ן לע־ ...ען פון פוילען בכלל.

דערביי דאַרף מען אָבער ניט פאַרגעסען נאָך אַ דייער ...וויכטיגען מאָמענט.

די פוילישע אידען זיינען טאַקע נישט מער ווי 10 ...ראָצענט פון פוילען'ס באַפעלקערונג. אָבער פוילען ...יז אַ טיפּיש אַגראַר־לאַנד. 70 פּראָצענט פון איר באַ־ ...עלקערונג זיינען פּויערים, וואָס לעבען אין דאָרף. איר ...טאָטישע באַפעלקערונג מאַכט אויס בלויז 30 פּראָ־ ...ענט. עס איז באַרעכענט, אַז אין אַלע שטעט און ...טעטלאַך פון פוילען לעבען נישט מער ווי 10 מיליאָן ...ענשען. אָבער די דריי מיט אַ האַלבען, אָדער די פיר, ...יליאָן אידען פון פוילען זיינען דאָך אַ שטאָטישע באַ־ ...עלקערונג. דאָס באַדייט, אַז יעדער דריטער בירגער ...ן די פוילישע שטעט איז אַ איד. דער דאָזיגער מאָ־ ...ענט פאַרשטאַרקט דאָרט נאָך מער די וואָגיגקייט פון ...ער אידישער באַפעלקערונג. יעדערער, וואָס זוכט דעם ...נטפער אויף דער רעטעניש, פאַרוואָס דער אַנטיסעמי־ ...ישער, דער פאַשיסטישער לאַגער אין פוילען, קען זיך ...ך אַלץ ניט באַשליסען צו גיין אין די דרכים פון ...היטלער־דייטשלאַנד צו פאַרוואַנדלען די אידישע באַפעל־ ...רונג אין אַ רעכטלאָזע, פאַרשקלאַפטע מאַסע, דאַרף זיך ...גוט אַריינטראַכטען אין דעם דאָזיגען מאָמענט. פּרו־ ...בירט איך פאַרשטעלען, וואָס וואָלט געוואָרען פון ניו ...ָרק, פון די אַמעריקאַנער שטעט בכלל, ווען יעדער ...דריטער בירגער פון זיי וואָלט אַנטרעכטעט געוואָרען, וואָלט באַזייטיגט געוואָרען פון דער פּראָדוקציע, פון האַנדעל, פון ביזנעס, פון ווירטשאַפטלאַכען לעבען בכלל. איר וועט דאַן אָנהויבען צו באַגרייפען מיט וואָס פאַר אַ געוואַלדיגער סכנה און אויפטרייסלונגען פאַר דער מלוכה איז פאַרבונדען אַזאַ אָפּעראַציע...

אָביעקטיוו איז אַזאַ לאַגע, אַז מען קען נישט אין פוילען אַרויסרייסען לעבעדיגע שטיקער פלייש פון איר אידישער באַפעלקערונג און דערביי נישט טיף פאַרוואונדען פוילען בכלל.

די אויפגאַבע איז דאָרט — צו פאַרוואַנדלען דעם דאָזיגען נאַטירלאַכען, פּאַסיווען כח פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַן אַקטיווען, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלאַכען פאַקטאָר.

לאָמיר בעסער וועגען דער אויפגאַבע איצט נישט רעדען. עס וואָלט מיר אַראָפּגעפירט פון דעם וועג, וואָס איך האָב זיך אָנגעצייכענט פאַר דעם היינטיגען אַרטיקעל.

⁂

דער נאַטירלאַכער צוואוקס פון אידען אין פוילען מאַכט אויס קרוב 40.000 מענשען אַ יאָר.

יעדען יאָר דאַרפען זיך, אַלזאָ, נייע דרייסיג ביז פערציג טויזענט אידען איינאָרדנען, געפינען פאַר זיך אַרבעט, באַקומען זייער חלק פון לעבען.

אָבער דאָס אידישע לעבען אין פוילען איז ענג, שווער. אפשר מיט דער צייט וועלען די צוגעקומענע שאַפען נייע עקזיסטענץ מעגלאַכקייטען נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די עלטערע דורות. אַזאַ זאַך טרעפט... דערוויל, אָבער, מוזען די עלטערע נאָך מער זיך איינקוועטשען, כדי אָפּרייניגען אַן אָרט פאַר די צוגעקומענע.

איז טעאָרעטיש פאַראַן אַן אַנדער אויסוועג — עמיגראַציע.

עס איז צו באַוואונדערען ווי וועניג די אידען פון פוילען האָבען חשק צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקען אין האַנט. איך האָב נישט דערביי אין זינען די לעצטע עטלאַכע יאָר, ווען עס זיינען פאַרקלאַפּט געוואָרען אַלע טירען פאַר אידישער עמיגראַציע. ווען עס איז נישטאָ וואו צו פאָרען אָדער וואו צו לויפען... איך וויל נישט מאַכען פון נויט אַ טוגענד.

אָבער עס זיינען דאָך געווען אַ סך יאָרען ווען די פוילישע אידען האָבען געקענט פאַרלאָזען דאָס לאַנד. פון יאָר 1919 ווען עס איז אונטערגעשריבען געוואָרען דער ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט ביז מיט אַ יאָר 5—6 צוריק, אַן ערך 15 יאָר, האָבען אידען פון פוילען געקענט פריי, כמעט אָן קיין שום באַגרענעצונגען, זיך באַזעצען אין פּאַלעסטינע. עס איז געווען דער פרילינג, די בלי־צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דער ציוניסטישער טרומייטער האָט אָן אויפהער געהילכט. גערופען צו פאַרלאָזען די אַלטע היים, צו שאַפען די אידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע. געוואַלדיגע קאַפּיטאַלען זיינען מאָביליזירט געוואָרען, כדי אַזאַ אידישע עמיגראַציע אין פּאַלעסטינע פאַנאַנדערצוביגדען, צו פאַרלייכטערען, צו סטימולירען. אָבער . . . די אידישע באַפעלקערונג אין פוילען האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַפילו אין די עטלאַכע יאָרען פון דער גרעסטער ציוניסטישער עליה איז פאָרט די צאָל עמיגראַנטען אין פּאַלעסטינע געווען קלענער ווי דער יערלאַכער נאַטירלאַכער צוואוקס פון אידען אין פוילען.

איז אפשר דעמאָלסט צו גוט געווען די אידען אין פוילען? זינט פוילען איז אויפגעריכט געוואָרען צו אַ נייעם, זעלבסטשטענדיגען מלוכה־לעבען פעלט אידען פּרנסה אָבער נישט צרות. שוין דער באַגינען פון דער נייער פוילישער אומאָפּהענגיגקייט, די ליקווידאַציע פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז באַגלייט געוואָרען מיט אַנטי־אידישע „עקסצעסען". מען פלעגט זיך נאָך דאַן באַנוצען מיט דעם דאָזיגען שעמעוודיגען אויסדרוק. באַלד נאָך דעם — די האַלערטשיקעס, וואָס פלעגען רייסען אידישע בערד אין די גאַסען, אויף די באַנען און אַזוי ווייטער. נאָכהער — די אַנטיסעמיטישע פּעריאָדע. דער ווירטשאַפטלאַכער באָיקאָט פון אידישער אַרבעט — און אַזוי איז די אידען געגאַנגען אין פוילען אַן אַן אויפהער, אַן אַ סוף.

אָבער די אידישע באַפעלקערונג אין פוילען איז געבליבען אויף איר אָרט. דער קליינער ברוך־טייל פון איר, וואָס האָט עמיגרירט, איז געפאָרען אין פראַנקרייך, וואו אין פּאַריז איז פאַר די יאָרען אויסגעוואַקסען אַ אידישער ישוב, וואָס איז אַזוי גרויס ווי דער לאָדזשער. געפאָרען אין בעלגיען, אין דרום אַמעריקע, אין די פאַראייניגטע שטאַטען. אָבער נישט געפאָרען אין פּאַלעסטינע. פאַר וואָס?

ווייל דער „נאָרמאַלער" אידישער עמיגראַנט פון פוילען איז ווי צווי טראָפּענס וואַסער ענלאַך צום אוקראַאינישען, צום ווייס־רוסישען, צום פוילישען עמיגראַנט. ער פאַרלאָזט זיין היים, ער זוכט אויס פאַר זיך אַ ניי אָרט, בלויז כדי צו פאַרלייכטערען זיך זיין שווערען, האָרעפּאָשנעם לעבען. ער האָט נישט דערביי קיינע אַנדערע אַמביציעס. ער שטעלט זיך נישט קיין אויפגאַבען פון אַ פּיאָנער, וואָס וויל דעראָבערען נייע מקומות. ער איז נישט געטריבען דורך אַ מלוכה־שעפערישען דראַנג ער וויל בלויז איין זאַך — אַן אָרט, וואו ער זאָל קענען אַרבעטען, האָבען ברויט צו דער זאַט, קענען דערציען זיינע קינדער.

איז ער געפאָרען אין פראַנקרייך, איז ער געפאָרען אין בעלגיען, איז ער געפאָרען אין אַ רייע לענדער, וואו ער האָט געהאָפט צו מאַכען אַ לעבען. ער איז אָבער נישט געפאָרען אין פּאַלעסטינע, הגם גאַנצע 15 יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער פראַנק און פריי געקעמפט אַריינצוּוואַנדערען אין לאַנד פון זיינע אבות.

עס קען זיין, אַז נישט איינער, וואָס וועט אָדורכלייענען די דאָזיגע שורות, וועט ווערען פאַרוואונדערט. אָבער אַ פאַקט בלייבט אַ פאַקט. ער איז אַ שטיק פון אונזער ווירקלאַכקייט.

אָבער די אידישע עמיגראַציע איז בכלל אַ קליינע. דער רוב מנין און רוב בנין פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פוילען האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די דאָזיגע עקשנות — אויסצוהאַלטען, אָדורכצוהאַלטען — איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע שטריכען פון איצטיגען אידישען מאַסען־לעבען אין פוילען.

⁂

מיר אַלע, וואָס לעבען און לעבען זיך אויס אין דער סביבה פון אידישען אַרבעטס־מענש, פון אידישען מאַסען־מענש, האָבען זיך אויף טריט און שריט באַגעגענט מיט דעם דאָזיגען שטריך. די שטאַרקסטע פון אונז זיינען נישט זעלטען גערירט געוואָרען ביז טרערען פון דעם אינערלאַכען ווילען נישט אָפּצוטרעטען פון דער דאָזיגער שטילער אָפּפערוויליגקייט, וואָס אָפּשירט זיך נישט, וואָס שרייט נישט, וואָס רייסט נישט די אויגען...

אין די פּיינפולסטע מאָמענטען פון אונזער איצטיגען לעבען אין פוילען פלעגט זי אונז דערקוויקען, באַפליגלען.

נישט זעלטען פלעגען מיר זיך אַליין שטעלען די פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיגע וואונדערבאַרע איינשטעלונג פון אידישען מאַסען־מענש? שטילער, באַהאַלטענער, עכטער העראָאיזם? אַ געזונטער, שטאַרקער אינסטינקט פון אַ גע'רודפ'טען פאָלק? און אפשר ביידע מאָמענטען צונויפגעשמאָלצען, צונויפגעפלאָכטען?

איך קען זיך נישט אָפּזאָגען פון דעם פאַרגעניגען צו ברענגען אייך אַן אילוסטראַציע. אין ביישפּיל פון אַ סך:

אין דער צייט פון „פּשיטיק", פון „בריסק", פון „טשענסטאָכאָוו", אין יענע פינסטערע וואָכען און מאָנאַטען ווען די אַנטיסעמיטישע כחות האָבען פּרובירט פון אַלע פיר עקען אונטערצינדען דאָס אידישע לעבען פון פוילען, איז דער טשיזשעווער פּאָוויאַט פון דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדסטוואָ געווען באַזונדערס שטאַרק פאַרפליצט מיט דעם אַנטיסעמיטישען סם. די פּאָגראָם־מגפה האָט דאָרט געבושעוועט מיט אַ באַזונדער רציחה. דער פּויער איז אין יענעם געגענט אַ מער פאַרמעגלאַכער, אַ רייכער. די אַנטיסעמיטען איז געלונגען אים צו פאַרטומלען און אָנרייצען אויף אידען. אין דעם געפערלאַכסטען פּונקט פון דער דאָזיגער געפערלאַכער זאָנע, אין אַ דערפעל, וואָס האָט ממש געקאָכט און געזידט מיט אידען־האַס, האָט געלעבט און געוואוינט איין־איינציגער איד. זיין פאָטער, זיין זיידע זיינען שוין דאָרט געווען שמידען. ער איז אויך — דער איינציגער שמיד אין דעם אומגעגענד. זיין דירה און זיין קוזניע געפינען זיך צוזאַמען אין אַן אייגענער הייזקע, וואָס שטייט ווייט פון שכנים, ביים וועג.

ווען עס זיינען געקומען די געשעענישען, האָבען די אַרומיגע פּויערים, זיינע גוטע פריינט און אַלטע קונדען,

אים געוואָרענט: יאַסקע, טראָג זיך אָפּ פון דאָרף. עס איז נישט פאַר דיינע כחות אויסצוהאַלטן. וועסט ליידן... האָסט אַ פרוי, קינדער... ביאַליסטאָק איז נישט ווייט. ביזט אַ גוטער בעל־מלאכה. פאַרקויף דיין הייז־קע... וועסט אומעטום מאַכן אַ לעבן.

די עצה איז נישט געקומען פון שונאים, אָדער פון נישט פאַרגינער. זי איז דיקטירט געוואָרן פון אַן אויפריכטיגן סענטימענט. צו אַן אַלטן גוטן פריינט. אָבער דער איד, דער איינציגער איד אין דאָרף, איז געווען אַ שמיד אַן עקשן. וואָס הייסט איך וועל פאַר־קויפן מיין האָב און גוטס, די קוזשניע, וואָס האָט נאָך געשפייזט מיין זיידן? וואָס הייסט — איך וועל פאַר־לאָזן דאָס אָרט, וואו מיר וואוינען שוין פון דורות לאַנג?

ער איז געבליבן אויף זיין אַלטן אָרט — ווי אַן איינגעוואקסענער בוים. די טעג זיינען נאָך געווען צו דערליידן. ערשטענס האָט מען געהאַט אַ ביסעל דרך־ארץ פאַר זיין פיזישער גבורה. ער וואָלט זיך דאָך מיט נישט איינעם פון די חוליגאַנעס געקענט אַן עצה געבען. צווייטענס, האָבען די עלטערע פויערים אָפּגע־האַלטען די היציגע יונגוואַרג פון טאָן אָפּען רשעות זייער שמיד, דעם איד יאַסקע, וואָס זייערע פאָטערס און זייערע זיידעס פלעגען נאָך ביי זיין פאָטער און ביי זיין זיידען אונטערשמידען פערד, רעדער, וועגענער.

אָבער — די נעכט! ווי נאַר עס פלעגט ווערען פינסטער אין דרויסען פלעגט זיך אָנהויבען די קאַנאָ־נאַדע! שטיינער זיינען געפלויגען אין די פענסטער. אמת, די פענסטער זיינען ביי דער נאַכט פאַרשטעלט מיט פעסטע לאָדענס. זיי וועלען אויסהאַלטען, די לאַ־דענס, זיי זיינען סאָלידע, שטאַרקע, אייגענע אַרבעט. אָבער יעדער קלאַפּ פון אַ שטיין אין לאָדען אריין פלעגט אָפּהילכען אין דער פינסטערער נאַכט ווי אַ דונער. לאַנגע נעכט נאָכאַנאַנד האָט ער מיט זיין גאַנצער פאַ־מיליע נישט צוגעמאַכט אַן אויג. אַ קאַנאָנאַדע פון פינ־סטערע כחות אין מיטען דער נאַכט. ער שטרענגט זיך אָן, כדי צו דערקענען די הענט, וואָס שליידערן די שטיינער. אומזיסט. ער הערט בלויז פון צייט צו צייט אַ הילכיגען, אַ פיינטלאַכען געלעכטער.

זיינען ווידער צוגעשטאַנען צו אים די עלטערע פויערים: „יאַסקע, פאַרלאָז דעם דאָרף, עס וועט זיין שלעכט"... מיר ראַטען דיר ווי גוטע פריינט...

אָבער דער איד איז איינגעשפּאַרט...

אַ בוים, וואָס איז איינגעוואָרצעלט אין דער ערד, טראָגט איבער נישט אין בייזען שטורעם...

איין מאָל אין דער פרי געפינט יאַסקע, אַז זיין הויז איז אויסגעשמירט מיט אַ פּאַס שוואַרצע סמאָלע...

עס איז אים נישט געפעלען געוואָרען דער עסק. אָבער ער האָט געשוויגען און זיך גענומען צו זיין שמי־דערישער אַרבעט. אַ מענטש דאַרף נישט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט...

דעם זעלביגען בייטאָג קומען צו אים געסט... אַ גרופּע עלטערע פויערים זיינען אריין אין זיין קוזשניע, אים אָפּגערופען אָן אַ זייט און אים געוואָרענט:

יאַסקע, מען וויל דיר אונטערצינדען. עס איז גע־פאַלען אַ באַשלוס. אַ פייער זאָל פאַרניכטען דעם איינ־געקשנ'טען איד. יאַסקע, לאָז וויסען, אַז די פאַר־קויפסט די שטוב, אַז דו פאַרלאָזסט אונזער דאָרף. אַזוי ארום וועסטו זיך ראַטעווען.

יאַסקע האָט האַרציג געדאַנקט זיינע אַלטע גוטע פריינט. ער האָט זיי צוגעזאָגט זיך מישב זיין... ביי זיך האָט ער אָבער ווידער באַשלאָסען:

ער רירט זיך נישט פון אָרט, ער בלייבט!

עס זיינען ווידער אוועק עטלאַכע פיינפולע וואָכען. עטלאַכע מאָל אין מיטען דער נאַכט פלעגט דער שמיד ארויסגיין פון בעט אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך. אייניגע מאָל האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיין וואָכען איז נישט אומזיסט... ער האָט געהערט טריט פון מענשען וועלכע אַנטלויפען.

ווי לאַנג אָבער קען מען זיך אויסהיטען? די פיינטלאַכע אַגיטאַציע איז אַלץ געוואַקסען. די יונגוואַרג האָט געקאָכט מיט שנאה צום איד. בעלנים אויף דעם אידענ'ס קוזשניע האָבען זיך שוין געריבען די הענט פון פרייד...

אין אַ פינסטערער הערבסט־נאַכט איז פּלוצלונג אין שטוב פון אידישען שמיד „ליכטיג" געוואָרען. שטי־קער פייער שלאָגען אין די פענסטער. אַ ביטערער, פּרעסענדיגער רויך פילט אָן די שטוב. עס ברענט, אַ שרפה. די הויז איז פאַרברענט געוואָרען. קוים ארויס־געראַטעוועט זיך אַליין, די פרוי, די קינדער. געבליבען נאַקעט און באָרוועס אין דער פינסטערער הערבסט־נאַכט...

ווען דער איד האָט אונז מיושב'דיג, פאַמעלאַך דעם גאַנצען ענין דערציילט, האָט נישט איינער פון אונז געהאַט אויף די ליפּען די פראַגע: וואָס האָט איר אַזוי לאַנג געוואָרט? וואָס האָט איר באַצייטענס זיך נישט אָפּגעטראָגען?... מיר האָבען אָבער נישט געוואָגט אים די פראַגע צו שטעלען. זיין גאַנצער אויסזען, די הענט, די קנייטשען אויף זיין פנים, דער גאַנצער געשטאַלט האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ דעמב, עפּעס פון שוואַרץ ערד. גיי פרעג אַן איינגעבאָרענעם פון דורות־לאַנג פעלז פאַרוואָס ער רירט זיך נישט...

וואו רעכענט איר איצט אַוועקפאָרען? האָט איר אַ פּלאַן, אַן אָרט? — פרעגען מיר דעם איד.

ער גיט עפּעס אַ מאָדנעם קוק אויף אונז:

— איך בין געקומען איך בעטען, עס פעלט מיר אַ פאַר הונדערט גילדען. וואו קען איך זיי באַקומען? איך האָב געהערט, אַז עס זיינען פאַראַן אידישע געזעל־שאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס העלפען אין אַזעלכע פאַלען. איך בוי זיך דאָך... איך מוז צוריק אויפבויען מיין הויז, מיין קוזשניע...

מיר זיינען געבליבען אַ לאַנגע ווילע זיצען ווי פאַרשטומטע. עס האָט אונז אַ ריר געטאָן ביים האַרצען.

דער שמיד יאַסקע איז געבליבען אויף זיין אַלטען אָרט אין זיין אַלטען דאָרף.

„אָוט אָוו טאַון"

(דערציילונג)

פון ז. שטיין

דריי חדשים האָט זיך געצויגען דער סטרייק אין זיידען פאַבריק, וואָס די צוויי אידישע באָסעס פון פּעטער־סאָן האָבען אריבערגעבראַכט אינם קליינעם שטעטעל אין קאָנעקטיקוט. די ערשטע פאַר וואָכען זיינען די אַר־בעטער ניט אָפּגעטראָטען פון „גייט". די יונגע שיקסעס וועלכע האָבען געאַרבעט פאַר דריי דאָלער אַ וואָך זיינען געשטאַנען און געהיט. זיי זיינען געווען פריילין, גערעדט צווישען זיך הויך אויפ'ן קול, געלאַכט, ווי זיי וואָלטען געווען זיכער אַז זיי וועלען זייערס קריגען. זיי וועלען ניט צולאָזען קיין פרעמדע אַרבעטער. די באָסעס וועלען מוזען נאָכגעבען.

אינמיטען טאָג איז מיין סטריט געווען פול מיט אַרבעטער. זיי זיינען געשטאַנען לעבען פּאָסט אָפיס, לעבען גרינעם זייגער פון צען סענט סטאָר. גרופּעס־ווייז, מיט רעקלאַך אויף די הענט זיינען זיי געשטאַנען און גערעדט. זיי האָבען געטרונקען ביר ביי גרינ'ען אין סאַלון, געגאַנגען צוזאַמען אין „איטאַליען האָל" וואו אַ רעדנער פון ניו יאָרק האָט גערעדט פאַר זיי און וואו זיי האָבען דערוואָרט צוהערען באַריכטען פון די אונ־אונטערהאַנדלונגען וואָס גייען אָן מיט די באָסעס. קיינ־מאָל איז אויף מיין סטריט ניט געווען אַזוי יום טוב'דיג ווי די ערשטע פאַר וואָכען ווען דער סטרייק האָט אויס־געבראָכען. די קרעמער זיינען געשטאַנען פאַר די טירען, געריכערט ציגאַרען, געשמייכעלט צו די אַר־בעטער ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען. זיי האָבען די צוגעגעבען מוט, און גערעדט שלעכטס אויף די צוויי אידישע באָסעס. אין האַרצען זיינען אָבער די קרע־מער ניט געווען צופרידען מיט'ן סטרייק. די לייזונג איז ביי זיי געוואָרען שוואַכער. די אַרבעטער האָבען ניט פאַרדינט, האָבען זיי ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפען. האָבען זיי געציטערט די קרעמער אַז די באָסעס זאָלען איינגאַנצען ניט אָוועק. דאָס שטעטעל וועט דאַן בלייבען ביי גאָרניט. די אַרבעטער וועלען זיך צעפאָרען, און די סטאָרס וועלען ווידער אָנהייבען פּוסטעווען. צו וואָס דאַרפען זיי סטרייקען? ס'איז דאָך בעסער וויפיל מען פאַרדינט אידער גאָרניט.

אין די פאַרבאָרגענע שמייכלען מיט וועלכע די קרעמער האָבען נאָכגעקוקט די אַרבעטער איז געלעגען ביטול.

די גאַנצע שטעטעל איז אריינגעצויגען געוואָרען אין סטרייק. אַלע האָבען געוואָלט אַז דער סטרייק זאָל זיך אַמאָל ענדיגען און מען זאָל זיך ווידער שטעלען אַרבעטען. ס'האָבען געציטערט די קרעמער. ס'האָבען געציטערט די פאַר אידישע טאַטעס אָרעמע לייט וועל־מעס זין ס'האָבען ניט לאַנג צוריק געקראָגען אַרבעט אין זיידען פאַבריק און וועלכע זיינען ביז די פאַבריק איז געקומען ארומגעגאַנגען ליידיג.

אָבער מער פון אַלעמען האָט געציטערט די מרס. גרין, דעם סאַלון קיפּער'ס ווייב, אַ אידענע אין די פופ־ציגער מיט אַ געל זינדיג פנים, אַ ברייטע אַ רויט־האָריגע מיט קורצע דיקע פיס. מיט דער פלושענער היטעלע אַן אַ זייט, מיט'ן קורצן אָפּגעטראָגענעם מאַנטעל האָט זי געהאַלטען אין איין לויפען איבער מיין סטריט. זי האָט געוואָלט וויסען וואו עס האַלט אין דער וועלט. זי האָט אָנגעשטעלט די דיקע קורצע אויערען לעבען יעדער גרופּע וואָס איז געשטאַנען און גערעדט. די גרינע אויגען האָבען נאָכגעקוקט יעדען אַרבעטער. די אַרבעטער זיינען איצט געווען אירע שונאים. יאָרען לאַנג האָבען די זעקס הייזער אירע אויף מיין סטריט געפּוסטעוועט. ערשט מיט'ן אָנקומען פון דער זיידען־פאַבריק האָט זי זיי פאַרדונגען. די אַלע זעקס הייזער זיינען געווען פאַרנומען. זי האָט אַלע חודש געקראָגען רענט. און מיט אַמאָל האָבען זיי זיך צעווילדעוועט די פּוסטעפּאַסניקעס. אַ, זיי וועלען גוט באַצאָלען פאַר דעם! ס'האָט געברענט אין איר די רציחה. זי האָט באַ־דאַרפט דאָס געלט. צוויי זין אירע גייען אין ניו יאָרק אין קאָלעדזש. זי האָט זיי געוואָלט ווייזען די רייכע קאָנ'ס פון די „פיר הונדערט" וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט חבר'ן מיט איר, אַז זי וועט אויך האָבען „גע־ענדיגטע" זין. זיי וועלען אויך האָבען אָפיסעס אויף מעין סטריט פונקט ווי די קאָנ'ס, ווי די אייזענבערגס. אַ, זי וועט זיי ווייזען!

האָט דעריבער די מרס. גרין ניט געקענט רוען, ניט געקענט איינזיצען אין „סאַלון". זי איז אַלע ווילע ארויס פאַר'ן טיר, צוגענומען ביי די אַרבעטער די לעצ־טע פעניס זייערע פאַר דירה געלט. זאָלען זיי איר נאָר צוויי וואָכען ניט צאָלען וואַרפט זי זיי ארויס!

פאַרנאַכט איז דער אינטערעס צום סטרייק געווען שטאַרקער ווי בייטאָג. מען האָט געוואָרט אויף די רעזולטאַטען פון טאָג. די אַרבעטער האָבען זיך דאַן געפונען אין „איטאַליאַן האָל". און כאָטש זיי האָבען ניט אריינגעלאָזט קיין פרעמדע מענטשען האָט מען אָבער אין שטעטעל געוואוסט וואָס גייט דאָרט פאָר, ווי עס האַלט מיט'ן סטרייק. די קרעמער זיינען גע־ווען נייגעריג צו וויסען וואו עס האַלט אין דער וועלט. ס'איז זיי שוין ניט געלעגען אינזינען צו גיין „באָלינג" נאָך סאַפּער. ס'איז זיי שוין ניט געלעגען אינזינען זיך אריבערצוכאַפּען הינטער'ן שטאָט אין האָטעל „טרייסי" וואו די בלאָנדע גינאַ טאַנצט. זי וויקעלט זיך די, גינאַ, פריער אין שלייערען, דערנאָך בלייבט זי שטיין פאַר זיי אַ ווייסע, אַ נאַקעטע. ס'איז זיי שוין גאָר ניט גע־לעגען אינזינען, די קרעמער. אַפילו צו די בני ברית מיטינגען זיינען זיי ניט געגאַנגען. מיט אויסגעלאָשענע ציגאַרען אין די מיילער, מיט אַ געפאַלען געמיט זיינען זיי געשטאַנען און שטיל גערעדט צווישען זיך. זיי האָבען געקוקט אויף די אַרבעטער'ס פנימ'ער, ווען זיי זיינען ארויס פון האָל. זיי האָבען געוואָלט דערטאַפּען וואו ס'האַלט אין דער וועלט. זיי האָבען פּרובירט אויס־פרעגען די עטליכע פאַרלייט, וועלכע האָבען זיך אויך ארומגעדרייט מיט די סטאָרקיפּער, און וועלכע האָבען געהאַט גוטע פריינד צווישען די אַרבעטער, וואָס פלעגען באַלד קומען און זיי אַלץ אויסדערציילען. מען האָט אָבער אויף זיכער גאָרניט געקענט אויסגעפינען. זיי האָבען בלויז געפילט די קרעמער, גייענדיג שפּעט אַ היים אַז ס'איז ניט גוט. די רייסערייען צעפלאַקערען זיך. און ווער ווייס ווי לאַנג ס'וועט נאָך דויערען?

און דער קאַמף האָט זיך טאַקע צעפלאַקערט. די צוויי באָסעס האָבען בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען. קיינער וועט זיי ניט קומען דיקטירען וויפיל זיי זאָלען צאָלען. זיי האָבען ניט געוואָלט גיין צום טיש מיט די ניו יאָרקער יוניאָן־פירער, וועלכע זיינען געקומען און אויפגערייצט די אַרבעטער. ווען ניט אָט די העצער וואָלט אַלץ געווען שטיל, רואיג. זיי וועלען ניט עפענען די פאַבריק. זיי קענען זיך פאַרגינען האַלטען איר צו־געמאַכט אַ גאַנץ יאָר. און אויב עס וועט האַלטען שלעכט, צעשרויפען זיי די מאַשינען און פּעקלען זיי אריבער אין דער סאַוט. דאָרט וועט זיי אַפילו טעקסעס

פונ'ם אינטערנציאנאלען ארבייטער-לעבען

פון דר. יוסף קיסמאן.

קאפיטאל און ארבעט אין ענגלאנד אין יאר 1938

אין ענגלאנד איז דאס פארגאנגענע יאר, 1938, איינגאנצן געשטאנען אין צייכען פון מלחמה-צוגרייטונגען, ספעציעל איז באלד נאכן שענדלעכען אפמאך פון מינכען פארגרעסערט געווארן דער באוואפענונגס-בודזשעט מיט פאנטאסטישע ציפערען. עס איז מעגלעך, אז איצטער, נאכדעם ווי היטלער האט איינגעשלונגען דעם רעשט פון טשעכאסלאוואקיע, וועלען נייע ביליאנען אויסגעגעבן ווערן פאר שאפען געווער. נאך יעדן נייעם פארראט פון דער אייראפעאישער דעמאקראטיע פילען די ענגלישע טאריס א באדערפעניש, צו פארזיכערן זייער געוויסן מיט פריש געווער און פרישער אמוניציע.

איז — מזל און ברכה ביי די וואפן-מאנופעקטשורערס, ביי די קאפיטאליסטען.

אנדערש — ביי די ארבעטער.

אין יאר 1938, אין דער אייגענער צייט, ווען די ענגלישע וואפן-אינדוסטריע האט איבערגעלעבט אזא גרויסען „בום", איז צוריקגעגאנגען די באשעפטיגונג אין א ריי אנדערע אינדוסטריעס, ספעציעל אין בילדינג-טרייד. וואס ס'איז שייך דעם קאמף פאר בעסערע ארבייטס-באדינגונגען, האבן די יוניאנס באגעגענט אין פארגאנגענעם יאר דעם שארפסטען ווידערשטאנד, זינט 1932. לויט די סטאטיסטישע אויסרעכענונגען איז אין יאר 1938 געוואקסען דער ארבעטסלוין, אין דורכשניט בלויז מיט 2 שילינג, 3 פעניס א וואך פאר יעדען ארבייטער. בשעת אין יאר 1937 איז דערגרייכט געווארן א דורכשניטליכע לוין-העכערונג פון 3 שילינג א וואך.

דאס יאר 1939, וואס האט זיך אנגעהויבען אין שאטען פון א דראהענדיגער מלחמה, וועט מעגליך ברענגען פארשארפטע ארבעטער-קאמפען. עס באווייזען זיך טענדענצען, פון וואקסענדיגער ארבעטסלאזיגקייט. די קאפיטאליסטען ווייזען ארויס חשק אויף געגען-אנגריף געגען די דערגרייכונגען פון די יוניאנס. אין קורצען דארפען אנטשידן ווערן, דורך ארביטריישאן, יוניאן-פאדערונגען פון אן ערך 2 מיליאן ארבעטער — רעיל-ראוד, אינזשינירינג און טעקסטיל ארבעטער — און די ארבעטער זיינען גרייט, ארויסצוטרעטען אין קאמף, אויב עס וועלען ניט נאכגעגעבן ווערן זייערע מינימאלע פאדערונגען.

דער קאמפעין פון דער ענגלישער לייבאר-פארטי געגען דער קאנסערוואטיווער רעגירונג

מיט גרויסע ענערגיע פירט איצט די ענגלישע לעיבאר-פארטי דעם קאמף געגען דער קאנסערוואטיווער רעגירונג. דער קאמפעין טראגט דעם כאראקטער פון א מאסען-אקציע, וואס רודערט אויף דאס גאנצע לאנד. פארשטייט זיך, אז היטלער'ס נייע פראוואקאציע אין אייראפע האט נייעם אימפעט צוגעטראגען צו דעם קאמף פון דער לעיבאר-פארטי, אבער ניט בלויז אויפן אויסען-פאליטישען פראנט האט באנקראטירט די טארי-רעגירונג אין ענגלאנד, אויך אין דער אינערליכער ווירטשאפטליכער פאליטיק איז אט די רעגירונג א קללה פאר די מאסען.

די צאל ארבעטסלאזע אין ענגלאנד באטרעפט בערך 1 מיליאן מיט 800 טויזענט און זי האלט נאך אין וואקסען. מיט פארביטערונג ווייזט אן די לעיבאר-פרעסע, אז פאר די ארבעטסלאזע ווערט ניט געזארגט. שאפענדיג געווער פאר מלחמה, האט די קאנסערוואטיווע רעגירונג אין זין נאר דעם טעכנישען באוואפענונגס-מאטעריאל און זי פארגעסט לחלוטין דעם מענשען-מאטעריאל, וועלכער איז וויכטיגער ווי אלץ, אין פאל אויב עס זאל טאקע קומען צו א מלחמה-קאטאסטראפע.

די לעיבאר-פארטי שטעלט ארויס, אין איר קאמפעין, א ריי קאנקרעטע פאדערונגען, וועלכע קענען דערגרייכט ווערן נאר דאן, ווען עס וועט אראפגעווארפען ווערן די איצטיגע רעגירונג און עס וועט געשאפען ווערן אן ארבעטער רעגירונג. זי פאדערט ספעציעל, אז די לאנד-פארטיידיגונג זאל רעארגאניזירט ווערן, צוזאמען מיט די אנדערע דעמאקראטישע לענדער זאל אויפגעבויט ווערן אן ערליכע קאלעקטיווע פארזיכערונג געגען אנגרייפערס. ווייטער ווערן ארויסגעשטעלט פאדערונגען וועגען שאפען ארבעט פאר ארבעטסלאזע, פאדערונגען פאר ביליגע לעבענסמיטלען, וואוינונגען און אנדערע.

א יאר היטלער-הערשאפט אין עסטרייך

דעם 13טען מערץ, 1938, איז היטלער איינגעמארשירט אין עסטרייך. די פרייהייט פון דער עסטרייכישער רעפובליק איז ליקווידירט געווארן פריער, נאך אין פעברואר, 1935, דורך דעם הענקער דאלפוס, ווען ס'איז דערשטיקט געווארן דער אויפשטאנד פון דעם העלדישען שוצבונד אין טייכען בלוט. ווען צענדליגער ארבעטער-קעמפער זיינען געהאנגען געווארן פון די „פרומע" קאטוילישע פאשיסטען, ווען טויזענטער זיינען פארשפארט געווארן אין קאנצענטראציע-לאגערן און אוועק אין גלות אין פרעמדע לענדער — דעמאלסט איז פאר היטלער'ן פריי געווארן דער וועג. ניט קיין פרייע נאר א פארשקלאפטע עסטרייך האט צעטרעטען דער גראביאנישער נאצישער שטיוועל, מיט א יאר צוריק. און דאך — וואס פאר א טרויעריגער יארצייט דאס איז! און — וויפיל טראגעדיעס און פעלקער-קאטאסטראפעס זיינען נאך פארגעקומען אין דעם איינעם יאר!

די פאלקס-מאסען אין עסטרייך האבען זיך זייער שנעל אויסגעניכטערט פון דער נאציאנאליסטישער שכרות, וואס האט זיי ארומגעכאפט באלד נאך היטלער'ס טריאומף. ספעציעל איז גרויס די פארביטערונג אין די ארבעטער-מאסען. די ארבעטער-באדינגונגען זיינען שלעכטע און ווערן וואס אמאל אלץ מער פארערגערט. דער לוין איז קליין און מען פארקלענערט אים נאך דורך „פרייוויליגע" ביישטייערונגען פאר אלע מעגליכע צוועקן. די נארמאלע ארבעטס-צייט דויערט פון 10 ביז 12 שעה א טאג. לעבענסמיטלען זיינען טייער און זייער קנאפ. אויף די מארק-פלעצער אין ווין טרעפען זיך אפטמאל צוזאמענשטויסען פון פאליציי מיט ארבעטער-פרויען, וואס קענען ניט קריגען די וויכטיגסטע לעבענסמיטלען און ווערן אהיימגעשיקט מיט ליידיגע איינקויף-טאשען.

ניט לאנג צוריק זיינען אויסגעבראכען סטרייקס אין די צוויי גרעסטע ווינער ברויט-פאבריקען „אנקער" און „האמער". מען האט די סטרייקס מיט געוואלט אונטערדריקט און, פארשטייט זיך, אז די פרעסע האט ניט געטארט שרייבען וועגען די דאזיגע געשעענישען.

דער ווינער הומאר ווערט ניט פארשטומט אויך אין אט די פינסטערע טעג. אזוי גיט איבער דער לאנדאנער „איוונינג סטענדארד" א מעלדונג פון ווין, אז דארט זיינען פארשפרייט געווארן רויט-געדרוקטע ליפלעטס מיט'ן פאלגענדיגען „פאטישען" ווערז: „מיר האבען זיך געראטעוועט פון טערקישען יאך — וועלען מיר פאטערן דעם נאצישען אויך"...

א טרויעריגער יארטאג אין א גרויזאם שווערער צייט!

פראקציאנעלע קאמפען אין דער פראנצויזישער יוניאן-באוועגונג

אין דער לעצטער צייט גייען אן שארפע מיינונגס-קאמפען אין דער פראנצויזישער יוניאן-באוועגונג. דער אינערליכער פרידען איז אין געפאר.

מיר דריי יאר צוריק האבען זיך פאראייניגט די סאציאליסטישע און קאמוניסטישע יוניאנס און האבען אוועקגעשטעלט א מעכטיגע איינהייטליכע ארגאניזאציע, וואס איז זיך צעוואקסען אויף א גאנץ גראנדיעזען אופן, האט דערגרייכט אין א גאנץ קורצער צייט א מיטגלידער-צאל פון פינף מיליאן. וואס עס מיינט די דאזיגע צאל, קען מען פארשטיין, ווען מען נעמט אין אכט, אז די גאנצע איינוואוינער-צאל פון פראנקרייך באטרעפט א דריטעל פון דער צאל איינוואוינער אין די פאראייניגטע שטאטען.

אבער ניט בלויז אין דער מיטגלידער-צאל איז אויסגעוואקסען די ארגאניזאציע, זי האט אויך דערגרייכט קאלאסאלע דערפאלגען, געשטארקט איר ארגאניזאציאנאלען בנין מאטעריעל און גייסטיג. ווען די רעגירונג פון פאלקס-פראנט, בראש מיט לעאן בלום, איז געווען ביי דער מאכט, האבען די יוניאנס דערגרייכט אין שטורם אן אלגעמיינע פארבעסערונג פון די לוין- און ארבעטס-באדינגונגען אין דער גאנצער אינדוסטריע

קאסטען ביליגער. די פאבריקאנטן האבן ניט געוואלט הערן פון קיין יוניאן. די יוניאן איז געווען דער ערגסטער פונקט אין גאנצן סטרייק. ס'האט געברענט אין זיי די רציחה. האבן זיי ניט אויפגעלעבט דאס שטעטעל? דער מעיאר האט זיי דאך געבענטשט ווען זיי זיינען אהער געקומען. די שיקסעס האבן דאך ניט געהאט קיין לייטיש קלייד אויפ'ן לייב. די סטארס האבן דאך געפוסטעוועט, מ'האט דאך גערעדט וועגן זיי אין דער עפענטלעכקייט, זיי שטענדיג דערמאנט צו גוטען. און איצט וועלען זיי זיך לאזען פירען ביי דער נאז פון די ניו יארקער ליידיג גייער. נא סער!

די באסעס האבן זיך זעלטען געוויזען אויף מעין סטריט. אפילו לעבען פאבריק האבן זיי זיך ניט אפגעשטעלט. מען האט געזאגט אז דאס פארען זיי ארום זוכען א נייעם פלאץ, וואו זיי דענקען אריבערצופירען די מאשינען, אויף זיכער האט מען ניט געוואוסט. א סך האבן געזאגט אז ס'איז פארבונדען מיט גרויסע הוצאות, זיי וועלען עס ניט טאן. דאס סטראשען זיי בלויז. זיי ווילען אנשרעקען די ארבעטער.

די באסעס וועלכע האבן זיך ניט געוויזען אויף מעין סטריט זיינען טאקע ארומגעפארען אין די ארומיגע שטעטלעך. זיי האבן געזוכט א פלאץ וואו מ'זאל קענען אריבערפירען די מאשינען און אנהויבען ווי מיט פינף יאר צוריק, קריגען שיקסעס פאר דריי דאלער א וואך, ווייל בלויז אויף דעם אופן קענען זיי קאנקורירען מיט די גרויס-שטאטישע באסעס. בלויז אין דעם ליגען זייערע פעטע פראפיטען. האבן זיי געזוכט, גענישטערט, געוואלט אריבערפירען דעם שאפ אין אן ארומיגער שטעטעל. אבער וואו זיי זיינען געקומען האבן זיי געהערט פון דער יוניאן, וואס איז געווארן א שטארקע מאכט און וואס האט באשלאסען איין מאל פאר אלע מאל צו מאכן א סוף צו דער שווידערליכער עקספלואטאציע וואס קומט פאר אין די קליינע שטעטלאך. זיי האבן אפילו געטראכט פון מופען אין דער סאוט. אבער וועגען דעם זיינען זיי נאך ניט געווען איינגאנצן זיכער. ס'האט זיך זיי ניט געוואלט אוועק אזוי ווייט האבן זיי באשטימט אז זיי וועלען פריער זען. אפשר וועט זיך זיי פארט לוינען צו בלייבען אפילו ווען זיי וועלען נאכגעבן וואס די ארבעטער ווילען. און אז זיי האבן געזען אז ס'איז דערוויל ניטא וואו צו לויפען זיינען זיי געקומען צוריק אין שטעטעל. זיי זיינען ווייכער געווארן און אנגעהויבען פירען אונטערהאנדלונגען מיט די ניו יארקער יוניאן-פירער. מען האט זיי עטליכע מאל דורכ'ן טאג געזען צו פארען אין „איטאליען האל" וואו די פארהאנדלונגען זיינען אנגעגאנגען. אין שטעטעל האט זיך פארשפרייט א קלאנג אז די באסעס גיבן נאך. מ'וועט מער ניט ארבעטן קיין דריי שיפטס. די ווידזשעס וועלען געהעכערט ווערן און מ'וועט מער ניט ארבעטן אזוינע לאנגע שעה'ן. אויף מעין סטריט איז לעבעדיגער געווארן. די קרעמער איז לייכטער געווארן אויף די הערצער. מ'וועט צוריק עפענען דעם שאפ. די ארבעטער וועלען קריגען העכערע ווידזשעס וועלען זיי האבן מיט וואס צו קויפען. וואס דען פריהער האט געטויגט? אז מער ווי דריי דאלערדיגע טשעקס האט מען ביי זיי ניט אנגעזען.

ביי דער מרס. גרין האט פון פרייד געפלאמט דער געל-זינדיג פנים. די הייזער אירע וועלען מער ניט פוסטעווען. די ארבעטער וועלען זיך ניט צעפארען. מ'וועט האבן געלט און די זין וועלען ווייטער קענען שטודירען. זי האט געהאלטען אין איין לויפען אין אירע הייזער וואו די שיקסעס זיינען איינגעשטאנען און זיי אנגעבאטען געלט. אויב עס פעלט זיי א דאלער זאלען זיי זיך ניט שעמען און איר זאגען. זיי וועלען איר דערנאך אפצאלען. מ'וועט זיך דאך באלד שטעלען ארבעטען.

ביים סוף פון צווייטען מאנאט האט מען שוין אין שטעטעל געוואוסט אז דער סטרייק איז א געוואונענער. די באסעס האבן די מערסטע פונקטען נאכגעגעבן. די ארבעטער וועלכע זיינען מיט עטליכע מאנאטען צוריק געשטאנען לעבן גייט מיט א געפאלן גמיטס זיינען איצט געווען מונטער, דרייסט. זיי האבן זייערס אויסגעפירט. מארגען אינדערפרי שטעלן זיי זיך ארבעטן.

און, אין דער זעלבער צייט, די וויכטיגסטע סאָציאַל־פּאָליטישע געזעצן.

די פּאָליטישע קאָכעניש אין אייראָפּע האָט זיך אָבער געמוזט אָפּרופן אויך אויף די פראַנצויזישע יוניאָנס. יעדער באַנדיטישער אָנפאַל, וואָס ווערט אויסגעפירט פון היטלער׳ן אין אייראָפּע, שטאַרקט אויך דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אין פראַנקרייך אין זיינע באַציאונגען צום אַרבעטער־קלאַס. דער גענעראַל־סטרייק פון 30טען נאָוועמבער, 1938, האָט זיך פאַרענדיגט אָן אַ ערפאָלג. קרימינעלע שטראָפן שיטען זיך איבער די סטרייק־פירערס, אַ שטימונג פון יאוש פילט זיך אין די אַרבעטער־רייען און — אין דער זעלבער צייט לעבן אויף אַלטע שטרייטן.

צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, אויפן פּאָליטישן קאַמפּס־פראָנט, זיינען די באַציאונגען אויסערסט פאַרשאַרפט געוואָרן. דער פאָלקס־פראָנט איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. דער קאַמף בלייבט אָבער ניט באַגרענעצט אויפן פּאָליטישן פעלד, ער רייסט זיך אַריין אין די יוניאָנס.

אין אַט דער געפערליכער סיטואַציע טרעטן אַרויס די פירערס פון דער יוניאָן־באַוועגונג מיט׳ן גאַנצן כח פאַר דער פולשטענדיגער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון די יוניאָנס. אויך איינצעלטע יוניאָן־פירער, וועלכע שפּילן אין דער אייגענער צייט אַן אָנפירענדיגע ראָל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־באַוועגונג, פּראָבירן גאָר ניט, דורכצוזעצן זייערע פּאַרטיי־פּאָליטישע שטאַנדפּונקטן אין די רייען פון דער יוניאָן־באַוועגונג, ווייל די איינהייט פון דער יוניאָן שטייט איצט אין קאָן. אַזוי שרייבט לעאָן זשואָ, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ס. זש. ט. (די פראַנצויזישע פעדעריישאָן אָף לייבאָר), אין פּאַריזער „פּעפּל“, צענטראַלער אָרגאַן פון די יוניאָנס: „מיר וועלן קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז פּאָליטישע פּאַרטייען זאָלן זיך אַריינמישן אין לעבן פון אונזערע יוניאָנס... אין אונזער באַוועגונג הערשט די פולסטע פרייהייט פון מיינונגען און איבערצייגונגען, אָבער די יוניאָנס מוזן פאַרטיידיגן מיט דער גרעסטער ענערגיע זייער פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט... די יוניאָן־באַוועגונג טאָר ניט ווערן אַ זאַך פון אַ פּאַרטיי, ווייל דאָן וואָלט זי אינגאַנצן אויפגעהערט צו עקזיסטירן“...

אַ וויכטיגע יוניאָן־קאָנווענשאָן אין פראַנקרייך

מיט אַ מאָנאַט צוריק איז פאָרגעקומען אין צענטער פון דער פראַנצויזישער קוילן־אינדוסטריע, אין דער שטאָט ליל, אַן אינטערעסאַנטע קאָנווענשאָן פון די פאַראייניגטע יוניאָנס אין צפון־פראַנקרייך ראַיאָן. דער צפון־געביט איז די אינדוסטריעלע געגענט פון פראַנקרייך מיט די שטאַרקסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. פון דעם וואוקס פון דער יוניאָן־באַוועגונג באַקומט מען אַ באַגריף, ווען מען לעזט די פאָלגענדע ציפערן, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן: אין יאָר 1936, ווען ס׳איז פאָרגעקומען די פאַראייניגונג פון דער יוניאָן־באַוועגונג, האָט די צאָל אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון ביידע ריכטונגען באַטראָפן אַרום 80 טויזענט. אין משך פון קנאַפּע דריי יאָר צייט, ביז צו דער איצטיגער קאָנווענשאָן, איז די מיטגלידערשאַפט אויסגעוואַקסן צו דער צאָל פון אַריבער 350 טויזענט.

די קאָנווענשאָן איז געשטאַנען אונטערן שווערן איינדרוק פון פראַנקאָ׳ס זיג אין שפּאַניע. די קאָנווענשאָן האָט זיך געשטעלט אונטערן עהרען־פּאַרזיץ פון די העלדישע קעמפער און מאַרטירער פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. אין אַ רעזאָלוציע, וואָס איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן, ווערט אָנגעוויזן, אַז די ס. זש. ט. (פעדעריישאָן) האָט פון ערשטן אָנהויב אָן באַקעמפט די צביעות׳דיגע פּאָליטיק פון נאָן־אינטערווענשאָן און האָט שטענדיג געפאָדערט הילף, אינטערווענציע פאַר דער שפּאַנישער רעפּובליק. אין דער רעזאָלוציע ווערט אויך אויסגעדרוקט דער וואונטש, אַז שפּאַנישע פרויען און קינדער, וועלכע זיינען מאַסנהאַפט אַריבערגעלאָפן קיין דרום־פראַנקרייך, זאָלן צוגעטיילט ווערן אויך אין צפון־געביט, וואו זיי וועלן געניסן די גאַסטפריינדשאַפט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט.

די אינערליכע געגענזאַצן זיינען אויף אַ שאַרפן אופן צום אויסדרוק געקומען ביי דעם סוף פון דער קאָנווענשאָן, ווען ס׳איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאָג צו ענדערן די קאָנסטיטוציע, אין זין פון אַ פראַקציאָנעלער צעטיילונג. דער פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

פאַרן קריזיס אין בעלגיע, זאָלן באַצאָלן די אַרבעטער

אין דער לעצטער צייט בייטן זיך מיניסטאָרען־קאַבינעטן אין בעלגיע מיט אַ שנעלקייט, וועלכע פּאַסט זיך גאַנץ גוט צום שנעלן טעמפּ פון אונזער היינטיגן לעבן. ניט לאַנג צוריק איז געפאַלן די קאָאַליציע־רעגירונג, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער סאָציאַליסטישער פּרעמיער ספּאַאַק. האָט מען צוזאַמענגעשטעלט אַ צווייטן קאַבינעט, ווידער אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי און דער קאַטוילישער פּאַרטיי, איז די נייע רעגירונג אויך געפאַלן, טאַקע באַלד נאָך עטליכע טעג צייט.

די פּאָליטישע לאַגע אין בעלגיע איז אַן אָנגעצויגענע, די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד — אַ שווערע ביז גאָר. ספּאַאַקס רעגירונג איז געפאַלן אַ קרבן פון וואַלאָנישן שאָוויניזם. פאַראַן פיל צייטונגס־לעזער אויף דער ווייטער וועלט, וואָס זיינען איבערצייגט, אַז בעלגיע ווערט באַוואוינט פון אַן איינהייטליכער נאַציע, דאָס איז אָבער אַ טעות: אין דעם קליינעם לאַנד לעבן צוויי נאַציעס, די וואַלאָנער און די פלעמען, אי דאָ לעבן זיי דווקא ניט איבעריג בשלום צווישן זיך. בשעת דער וועלט־מלחמה איז פיל נאַציאָנאַלער האַס אַריינגעטראָגן געוואָרן צווישן די ביידע פעלקער. פיל פלעמישע בירגער פון בעלגיע (וועלכע זיינען פון גערמאַנישן אָפּשטאַם) האָבן בשעת דער מלחמה געהאַלטן מיט דייטשלאַנד, האָבן זיך די וואַלאָנער ביטער אָפּגערעכנט מיט זיי נאָך דער מלחמה. די בלוטיגע וואונד, וואָס ס׳האָט אויפגעריסן דער נאַציאָנאַלער שאָוויניזם פון ביידע זייטן, איז נאָך ביז היינט ניט פאַרהיילט.

ווען דער סאָציאַליסטישער פּרעמיער ספּאַאַק האָט באַשטימט דעם פלעמער דר. מאַרטענס אויף אַ הויכען אַמט, אין דער בעלגישער אַקאַדעמיע, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ שטורם ביי די וואַלאָנישע נאַציאָנאַליסטן, ווייל מאַרטענס איז באַלד נאָך דער מלחמה אַלס מלוכה־פאַררעטער פאַר׳משפט געוואָרן צום טויט (מען האָט אים דערנאָך באַגנאַדיגט). ספּאַאַק האָט מיט׳ן באַשטימען מאַרטענס׳ען פאַר דער אַקאַדעמיע, געוואָלט ווירקן פאַר פרידן און פאַרשטענדיגונג צווישן ביידע נאַציעס, פאַרגעסן מאַכן די פאַרגאַנגענהייט, באַגראָבן די אַלטע שטרייטן. האָט ער אָבער אָנגעצונדען דאָס פייער אויף דער צווייטער זייט, וואַלאָנישע נאַציאָנאַליסטן האָבן אויסגעפירט אויף אים אַ כוליגאַנישן אָנפאַל און אים בלוטיג צעשלאָגן. דער קאַבינעט האָט רעזיגנירט.

אין דעם קאַבינעט פון סאָציאַליסטן און קאַטויליקן, וואָס איז נאָכגעפאָלגט דער רעגירונג ספּאַאַק, איז עס תיכף געקומען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט צווישן ביידע צדדים. די קאַפּיטאַליסטן האָבן חשק געהאַט אויסצונוצן די ווילדע נאַציאָנאַלע אויפרודערונג אין לאַנד און אויסצופירן אַ ביטערן אָנפאַל אויף דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַרבעטער פון ביידע נאַציעס. זיי ווילן היילן דעם עקאָנאָמישן קריזיס מיט׳ן מיטעל פון „דעפלאַציע“ פון בעלגישן געלד, ד. ה., פאַרקלענערן דעם געלד־אומלויף אין לאַנד, וואָס דאָס וואָלט געמוזט פירן דערצו, אַז אַרבעטער־לוינען און באַאַמטען־געהאַלטן וואָלטן געמוזט שטאַרק רעדוצירט ווערן. מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז די אַרבעטער זאָלן באַצאָלן פאַרן קאַפּיטאַליסטישן קריזיס אין בעלגיע. דערויף זיינען אָבער ניט איינגעגאַנגען די פאַרטרעטער פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אין מיניסטאָרען־קאַבינעט. זיי האָבן רעזיגנירט און — בעלגיע האָט באַקומען, פאַר אַ נאָווינע, אַ נייעם רעגירונגס־קריזיס.

די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין שווייצאַריע שטייען אויף דער וואַך

די קליינע רעפּובליק שווייצאַריע רעכנט זיך פאַר דעם רייכסטן לאַנד פון אייראָפּע, אויב ניט פון דער וועלט. אויב רייכטום ווערט געמאָסטן און געוואויגן מיט גאָלד, איז טאַקע די עשירות פון שווייצאַריע אַ קאָלאָסאַלע, גרויסע קאַפּיטאַליסטן פון דער אומרואיגער אייראָפּע און כמעט אַלע גרויסע קאָנקערס פון די דיקטאַטאָרישע לענדער, ניט צולעצט די דיקטאַטאָרס אַליין טראָגן אַריין אין שווייצאַרישע בענק זייערע „אָפּשפּאָרונגען“ נעבעך, אַז עס זאָל זיין פאַר אַ רעגנדיגען טאָג... ווער קאָן דען וויסן, ווי שנעל עס קאָן קומען „רעגנדיגע טעג“ אין די טאָטאַליסטישע לענדער און היינטיגע רעגירערס זאָלן מאָרגן פאַרוואַנדלט ווערן אין „רעפּיודזשים“... זיינען אין שווייצאַריע טאַקע פאַראַן קורח׳ס אוצרות, אָבער — צו פּרנסה קומט דאָס נישט.

אַ לאַנד מיט אַזוי פיל רייכטום, אויף איין זייט, און הונגעריגע פאָלקסמאַסן אויף דער צווייטער זייט, איז אַ גוטער באָדן פאַר פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. „די דעמאָקראַטיע איז שולדיג און — די אידען!“ שרייען די אַגענטן פון נאַצי־דייטשלאַנד. אַגב איז שווייצאַריע דער נאָענטסטער שכן פון דייטשלאַנד און היטלער׳ס אַפּעטיט אויף פרעמדע לענדער איז דאָך באַקאַנט. הכלל, אין שווייצאַריע ווערט אונטערגעבלאָזן אַ נאַצישע באַוועגונג.

לפנים שטעלט זיך די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע אַנטקעגן די היטלעריסטישע שטרעבונגען, אָבער אין דער אייגענער צייט פאָדערט זי, אַז שווייצאַריע זאָל „ליקווידירן“ די אַרבעטסלאָזיגקייט לויט היטלער׳ס רעצעפּטן. עס זאָלן געשאַפן ווערן אַרבעטס־לאַגערן, עס זאָל איינגעפירט ווערן „אַרבעטס־דינסט־פליכט“ און פאַר שווערער אַרבעט זאָלן די אַרבעטער באַצאָלט ווערן בלויז מיט עסן און מיט עטליכע גראָשן אַ טאָג אויף טאַבאַק.

די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס שטייען אויף דער וואַך געגען די אַלע מאַכינאַציעס פון די אייגענע פאַשיסטן און פון די אַריינגעשמוגלטע היטלער־אַגענטן. אין יענע קאַנטאָנען (דיסטריקטן), אין וועלכע די אַדמיניסטראַציע געפינט זיך אין די הענט פון סאָציאַליסטן, ווערט די היטלער־פּראָפּאַגאַנדע אונטערדריקט פון די לאָקאַלע רעגירונגען. די פּאָליציי גיט ניט אַרויס קיין באַוויליגונג אויף נאַצישע פאַרזאַמלונגען, פּרובירן דאָרט נאַציס, אָפּהאַלטן געהיימע פאַרזאַמלונגען, אָבער זעלטן ווען געלינגט זיי דאָס, ווייל די פּאָליציי אַנטדעקט זיי און אַרעסטירט די אָנטיילנעמער, מעלדונגען פון אַט דעם סאָרט באַקומט מען לעצטענס זייער אָפט צו לעזן אין דער שווייצאַרישער אַרבעטער־פּרעסע.

די רומענישע יוניאָנס אונטער דער פויסט פון פאַשיזם

רומעניע שטייט היינט אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער וועלט־פּאָליטיק. דערווייל הערשט נאָך קעניג קאַראָל ביד חזקה, אָבער היטלער שטייט פאַר די טויערן פון זיין מדינה און מען קען ניט וויסן, צי וועט זי מיטן מאָרגנדיגן טאָג ניט אָפּגעווישט ווערן פון דער געאָגראַפישער מאַפּע. טאָ לאָמיר זיך איילן, דאָ צו פאַרצייכענען, ווי אַזוי עס לעבט זיך די אַרבעטער־יוניאָנס אונטער דער פויסט פון דער קעניגליכער דיקטאַטור.

לויטן פאַשיסטישן פּרינציפּ זיינען אין רומעניע פאַרמאַכט געוואָרן אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, עס עקזיסטירט דאָרט נאָר איין איינציגע כלומר׳שטע פּאַרטיי, וואָס הייסט „פראָנט פון נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט“ און מיט וועלכער דער קעניג פירט אָן. די יוניאָנס האָבן זיך, לויט אַ ספּעציעלן געזעץ, געמוזט רעאָרגאַניזירן. פאַר יעדן פאַך איז באַשטימט געוואָרן איין־איינציגע יוניאָן, וואָס האָט זיך באַדאַרפט אויסקלויבן, מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען, אַן אייגענע אַדמיניסטראַציע. די רעגירונג האָט גערעכנט, אַז אויף אַט דעם אופן וועט זי פּטור ווערן פון די סאָציאַליסטישע יוניאָנס און אין יעדן פאַך וועלן די אַדמיניסטראַציעס פון נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע יוניאָנס איבערנעמען די ירושה פון די „ליקווידירטע“ סאָציאַליסטן. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער — פאַרקערט. אין די וויכטיגסטע פאַכן האָט די אַרבעטערשאַפט אויסגעקליבן מיט גרויסע מאַיאָריטעטן סאָציאַליסטישע פאַרוואַלטונגען, אונטער וועלכע עס פאַלט אַרונטער אויך די מיטגלידערשאַפט פון די פריערדיגע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס.

די יוניאָנס האָבן געמוזט צוטרעטן צום „פראָנט פון נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט“, האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן — א י ד ע ן. וואָרום איינער פון די גרונטפּרינציפּן פון דעם קעניג׳ס „פראָנט“ איז, אַז קיין אידען לאָזט מען דאָרט ניט אַריין. האָבן אָבער די רעאָרגאַניזירטע יוניאָנס דערקלערט, אַז קיין נאַציאָנאַלע און ראַסן־דיסקרימינאַציעס האָבן זיי ניט געמאַכט פריער און וועלן איצט אויך ניט מאַכן. אידען און קריסטן זיינען אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס גלייכבאַרעכטיגטע מיטגלידער. די אַנטיסעמיטישע צייטונגען שפּייען מיט פייער ספּעציעל אויף דער אָרגאַניזאַציע פון האַנדעלס־אָנגעשטעלטע, וועלכע איז דורך און דורך פאַר׳אידישט. אָבער עס העלפט ניט. „קיין שום עטנישע דיסקרימינאַציעס וועט איר ביי אונז ניט פועל׳ן“ — ענטפערן די יוניאָנס.

אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד טאָר היינט אַ איד אין רומעניע ניט אויפמאַכן דאָס מויל. אויב מען באַגעגנט היינט נאָך אין בוקאַרעשטער צייטונגען אַ אידישן נאָמען, אַלס רעדנער אין אַן עפנטליכער פאַרזאַמלונג וכדומה, איז דאָס שטענדיג נאָר אַ אידישער יוניאָן־טוער, וועלכער האָט זיך אַ דאַנק דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון דער קריסטליכער אַרבעטערשאַפט דערהאַלטן אַ מינימום מענשן־רעכט.

אַרבייטער געזעצגעבונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע

פון א. יאָזעפסאָן.

עלטער פאַרזיכערונג־געזעצן

אין יאָר 1907 האָט דער סטייט מאַסאַטשוזעטס באַשטימט אַ קאָמיסיע צו שטודירען וועגען אַ פאַרזיכערונג־געזעץ פאַר עלטערע מענשען. אָבער דער ערשטער עלטער פאַרזיכערונג־געזעץ איז גאָר דורכגעפירט געוואָרען אין אַלאַסקאַ אין יאָר 1915.

אין 1925 האָט דער סטייט וויסקאָנסין דורכגעפירט אַ געזעץ, וואָס גיט אַ פענסיע פאַר עלטערע מענשען און אין 1926 האָבען פיר סטייטס אין די פאַראייניגטע שטאַטען דורכגעפירט געזעצן וועגען פענסיעס פאַר עלטערע לייט, אָבער די פענסיעס זיינען געווען אַזוי קליין, אַז די עלטערע מענשען האָבען געהאַט וואַסער אויף קאַשע. די דורכשניטליכע פענסיעס פאַר עלטערע לייט זיינען געווען פון 3 ביז 5 דאָלאַר אַ וואָך.

מינימום ווייִדזש געזעצן

דאָס ערשטע לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט איינגעשטעלט אַ מינימום ווייִדזש געזעץ, איז געווען אויסטראַליע. כאָטש אויסטראַליע איז געווען אַ בליענדיג לאַנד, דאָך האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז די מאַנופעקטשורערס צאָלען דאָרט הונגער־שכירות און עקספלואַטירען די אַרבייטער אויף אַ שוידערליכען אופן.

אין יאָר 1896 האָט די אויסטראַלישע פראָווינץ וויקטאָריאַ אָנגענומען דעם ערשטען מינימום ווייִדזש־געזעץ אין דער וועלט. אין 1900 האָבען די דריי איבעריגע פראָווינצען פון אויסטראַליע אָנגענומען מינימום־ווייִדזש געזעצן.

אין 1909 האָט ענגלאַנד דורכגעפירט אַ מינימום ווייִדזש געזעץ, וואָס האָט באַרירט פיר הונדערט טויזענט אַרבייטער. ענליכע מינימום ווייִדזש געזעצן זיינען שפּעטער דורכגעפירט געוואָרען אין נאָרוועגיע און אין פראַנקרייך.

אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע איז פון 1912 ביז 1923 דורכגעפירט געוואָרען מינימום ווייִדזש געזעצן פאַר פרויען אין 15 סטייטס.

אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונג

אין יאַנואַר 1932 איז אין וויסקאָנסין סטייט דורכגעפירט געוואָרען אַן אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונג־געזעץ.

ווי מיר זעהען, האָט די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע דורכגעפירט אַ היפּש ביסעל אַרבייטער־געזעצן אין די לעצטע פופציג יאָר, אָבער די אַלע אַרבייטער געזעצן האָבען געהאַט פיר הויפּט חסרונות:

1) כמעט אַלע אַרבייטער געזעצן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען ביז 1932, זיינען געווען געצילט צו באַשיצען מערסטענטייל די פרויען און קינדער, וועלכע זיינען הילפלאָז. די געזעצגעבער האָבען אַרגומענטירט, אַז צוליב דער שווערליכער עקספּלואַטאַציע ווערען די פרויען רואינירט און קענען נישט זיין קיין גוטע מוטערס און די קינדער וואַקסען אויס דעגענעראַטען. אין אַנדערע ווערטער: די געזעצגעבונג האָט געקוקט אויף דער אַרבייטער־געזעצגעבונג פון אַ הומאַניטאַרישען שטאַנדפּונקט, אַ מין סאָרט „טשאַריטי" צוגעוואָרפען צו די אַרבייטער.

2) די אַלע אויבען־דערמאָנטע אַרבייטער געזעצן האָבען נישט געטראָגען קיין פעדעראַלען כאַראַקטער, פאַר'ן גאַנצען לאַנד, נאָר יעדער סטייט האָט געהאַט באַזונדערע געזעצן, און אויב אַן אַרבייטער אָדער אַן אַרבייטערין האָט פאַרלאָזט דעם סטייט האָט ער פאַרלאָרען דעם שוץ.

3) די אַלע אַרבייטער געזעצן האָבען געטראָגען אַ כאַראַקטער פון סטייטמענטס, דערקלערונגען. עס איז אָבער נישט געווען קיין אַדמיניסטראַטיווע מאַכט, וואָס זאָל די געזעצן דורכפירען אין לעבען און זעהן, אַז די געזעצן זאָלען זיין ווירקזאַם.

4) עס איז נישט געווען קיין אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַכטונג געבען, אַז די אַרבייטער־געזעצן זאָלען אויסגעברייטערט און פאַרטיפט ווערען, צופּאַסענדיג זיי צו דער נייער צייט און נייע אַרבייטער־געזעצן זאָלען אָנגענומען ווערען.

דערצו דאַרף מען נעמען אין אָנבאַטראַכט נאָך אַ זאַך.

אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע האָט ביז דער לעצטער צייט געהערשט די מיינונג, — און די „עקאָנאָמישע ראַיאַליסטען" האַלטען זיך נאָך איצט ביי דער טעאָריע, — אַז די רעגירונג דאַרף זיך נישט אַריינמישען אין די באַציאונגען צווישען די אַרבייטס־געבער און די אַרבייטער, אָדער ווי די פראַנצויזען זאָגען: „לעסעי פעיר, לעסעי פּאַסיר" — זאָל די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג גיין ווי עס גייט. עס דאַרף הערשען די פרייע קאָנקורענץ, סיי אויפ'ן געביט פון האַנדעל, סיי אויפ'ן אַרבייטס־מאַרקעט. אָט די דאָזיגע טעאָריע האָט געשאַפען דער באַקאַנטער ענגלישער עקאָנאָמיסט אַדאַם סמיט. לויט דער דאָזיגער טעאָריע, איז אויב עס געפינען זיך אַרבייטסלאָזע, אָדער עלטערע אַרבייטער, וואָס האָבען נישט קיין מיטלען צום לעבען, איז דאָס זייער אייגענע שולד, און דאָס איז אַ פראַגע פון טשאַריטי־אינסטיטוציעס נישט פון דער רעגירונג.

לוידער האָט ביי דער דאָזיגער טעאָריע, ביז דער לעצטער צייט, זיך אויך געהאַלטען די אַמעריקען פעדערייששאָן אָוו לייבאָר.

דעריבער האָבען די אַרבייטער געזעצן, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען געטראָגען אַ כאַראַקטער פון רחמנות איידער פון אַן עקאָנאָמישער נויטווענדיגקייט, אָדער ווען אַ גרופּע פּאָליטישענס האָבען געוואָלט קריגען די אַרבייטער־שטימען האָבען זיי דורכגעפירט מינדערוויכטיקע אַרבייטער־געזעצן.

אָבער זינט עס איז פאָרגעקומען דער קריזיס פון יאָר 1929, וואו די אַרבייטסלאָזיגקייט האָט דערגרייכט העכער פון צען מיליאָן מענשען, איז פאָרגעקומען אַן איבערברוך ביי א גרויסען טייל פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען. אַ גרויסער טייל פון די ליבעראַלען און פּראָגרעסיסטען האָבען איינגעזעהן, אַז די „לעסעי פעיר" טעאָריע קען מער נישט גילטען, און די טשאַריטי אינסטיטוציעס קענען זיך נישט ספּראַווען מיט צענדליגער מיליאָנען מענשען, וואָס זיינען געבליבען פּלוצלונג אַרבייטסלאָז און זיי קומט אויס צו שטאַרבען פון הונגער.

די אנטשטייאונג פון דער נ. ר. איי.

ווען דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם נעשאַנאַל אינדאַסטריעל ריקאָווערי עקט" אין 1933, אָדער ווי עס איז באַקאַנט אונטער'ן נאָמען: „נ. אַר. איי.", האָט עס ארויסגערופען אַ געגנערשאַפט, סיי מצד די עקסטרים רעכטע קאַפּיטאַליסטען און סיי מצד די עקסטרים לינקע. די עקאָנאָמישע ראַיאַליסטען האָבען געגרילצט אויף די העכסטע טענער, אַז די רעגירונג וויל איינפירען סאָציאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאַטען, רחמנא לצלן, און די קאָמוניסטען האָבען געליאַרעמט, אַז די רעגירונג וויל איינפירען פאַשיזם (די איצטיגע טאַקטיק פון די קאָמוניסטען איז טאַקע פיל רעכטער ווי די רוזוועלט אַדמיניסטראַציע). דער אמת איז, אָבער, אַז די רעגירונג האָט געמאַכט אַ פאַרזוך, צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען, צו רעגולירען די פרייע קאָנקורענץ דורך די קאַפּיטאַליסטישע באָאַרדס, פאַרבאַנדען, און די אַרבייטער האָבען געקראָגען אַ רעכט צו אָרגאַניזירען זיך און קעמפען פאַר אַ העכערונג אויף זייערע שכירות און בעסערע לעבענס־באַדינגונגען.

וואָס פאַר אַ מיינונג מען זאָל נישט האָבען וועגען דער נ. ר. איי. און אירע אויפטואונגען, איין זאַך איז אָבער קלאָר, אַז דורך דער נ. ר. איי. האָט צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען די רעגירונג אָנגענומען דעם פּרינציפּ, אַז די טעאָריע פון פרייע קאָנקורענץ, סיי אויפין געביט פון האַנדעל, סיי אויפין געביט פון אַרבייטס־מאַרקעט, איז אַ שטערונג צו דער וויטערדיגער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע. דעריבער, אויב אַפילו דער יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט האָט געפּסל'ט די נ. ר. איי., איז אָבער דער גרונד־פּרינציפּ, אַז די רעגירונג דאַרף זיך יאָ אַריינמישען אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד געבליבען, און פון דעם דאָזיגען געדאַנק איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי סאָציאַלע פאַרזיכערונגס־געזעצן.

דער הויפּט געווינס פון דער נ. ר. איי. איז געווען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע האָט אָנערקענט, אַז די אַרבייטער געזעצן זיינען אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט פאַר דער וויטערדיגער אָנהאַלטונג פון קאַפּיטאַליזם, אַז דערמיט וואָס דער „סטאַנדאַרד אָוו ליווינג" ווערט געהעכערט פון די אַרבייטער און די ברייטע פאָלקס־מאַסען, ווערט די קויף־קראַפט גרעסער און דאָס העלפט דרייען בעסער די ראָד פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

דער „סאָשיאַל סעקיוריטי אקט" און זיין באַדייטונג

די סאָציאַלע פאַרזיכערונגס־געזעצן, אָדער ווי עס ווערט גערופען דער „סאָשיאַל סעקיוריטי אַקט", וואָס די רוזוועלט אַדמיניסטראַציע האָט געשאַפען, ווי, למשל, פענסיעס פאַר עלטערע אַרבייטער, אַ מינימום ווייִדזש געזעץ און אַ מאַקסימום אַרבייטס־שטונדען, אַרבייטס־לאָזען פאַרזיכערונג, האָט אַ גוואַלדיגע באַדייטונג פאַר די אַרבייטער דערמיט, וואָס די איצטיגע אַרבייטער־געזעצן זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען אויף גאַנץ אַנדערע יסודות פון די פריערדיגע אַרבייטער־געזעצן.

די איצטיגע אַרבייטער געזעצן צייכענען זיך אויס דערמיט וואָס, ערשטענס, זיינען דאָס געזעצן וואָס גילטען פאַר'ן גאַנצען לאַנד, נישט בלויז אין איינצעלנע סטייטס, צווייטענס, וואָס עס זיינען געשאַפען געוואָרען אַדמיניסטראַטיווע אַפּאַראַטען, וואָס דאַרפען דורכפירען די געזעצן אין לעבען און מאַכען זיי ווירקזאַם און, דריטענס, וואָס די גאַנצע אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז איצט שטאַרק און איינזען דערפאַר, אַז די אַרבייטער געזעצן זאָלען אויסגעבעסערט ווערען און נאָך אַרבייטער געזעצן זאָלען אָנגענומען ווערען.

זאָל מען אונז נישט שלעכט פאַרשטיין. געוויס זיינען די איצטיגע אַרבייטער געזעצן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרען פון דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע, נישט גענוגענד און נישט צופרידענשטעלענד. עס פאָדערט זיך אַ סך אויסבעסערונגען, עס פאָדערט זיך אַ סך קאַמפען און די אַרבייטער דאַרפען שטיין אויף דער וואַך און אַנווענדען זייער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט, אַז די אַרבייטער־געזעצן זאָלען אויסגעבעסערט ווערען, אָבער איין זאַך איז קלאָר, אַז די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע איז אַרויף אויף דעם וועג פון אַרבייטער־געזעצגעבונג, און ווי אַ בעל שני, דאַרף מען קייקלען די בעל, אַז זי זאָל ווערען וואָס גרעסער.

די געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען לערענט אונז, אַז די רעגירונג מישט זיך אַריין און פירט דורך געזעצן לטובת די קלאַסען, וואָס שפּילען אַ געוויסע ראָלע אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מאַכט פון לאַנד. אַזוי, למשל, אין דעם קאָלאָניאַל פּעריאָד אין אַמעריקע האָט זיך די רעגירונג אַריינגעמישט און באַשטימט די שכירות, די שעה'ן פון אַרבייט און אַפילו די פרייזען פון די פאַרמערס. די רעגירונג האָט עס געטאָן, ווייל די אַגראַריער האָבען דעמאָלט געשפּילט די הויפּט ראָליע אין עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען פון לאַנד (זעה: האָוואָרד ל. טשיילדס: „פּרעשור גרופּס ענד פּראָפּאַגאַנדאַ").

עס איז איצט דעריבער די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע צו אָרגאַניזירען זיך, סיי אויפ'ן עקאָנאָמישען און סיי אויפ'ן פּאָליטישען געביט, אַז זיי זאָלען שפּילען די הויפּט ראָל אין דעם היגען לעבען.

דער לאָזונג פון באַרימטען סאָציאַליסט ווילהעלם ליבקנעכט, אַז וויסען און אָרגאַניזאַציע איז די שטאַרקסטע מאַכט פון די אַרבייטער, גילט נאָך עד היום.

איז וואויל...

פון נחמיה קליין

איז וואויל דעם שטאַרקן וואָס קען ווייזן
ווען קיינער זעט אים ניט;
שפּרייט ער פריידן צווישן שכנים —
אַ ליכטיגער געמיט.

איז וואויל דעם שוואַכן וואָס קען לאַכן
ווען אַלע קענען זען;
ווייזן וואונדן, בעטן רחמים —
איעדער בעטלער קען.

אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג

(איבערזיכט)
פון ש. פ.

די פרידענס פארהאנדלונגען צווישען דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר און דעם קאנגרעס אוו אינדאסטריעל ארגאנידזיישאנס, וואס זיינען אפגעבראכען געווארען מיט 16 מאנאטען צוריק, זיינען דעם מאנאט ווידער באנייט געווארען. נאכדעם ווי פארטרעטער פון דער רעגירונג האבען א לאנגע צייט געפירט אונטערהאנדלונגען הינטער די קוליסען מיט ביידע צדדים און צוגעגרייט דעם באדען, האט פרעזידענט רוזוועלט, סוף לעצטען מאנאט, אויפגעפאדערט די פרעזידענטען פון ביידע ארבייטער ארגאניזאציעס צו באשטימען קאמיסיעס און צוריק אנהייבען די פארהאנדלונגען. פרעזידענט גרין פון דער פעדעריישאן, האט דער ערשטער געענטפערט און באשטימט אזא קאמיטע. מיט א פאר טעג שפעטער האט אויך פרעזידענט לואיס אנגענומען די איינלאדונג און באשטימט א קאמיטע צו פארהאנדלען. די קאנפערענצען זיינען באנייט געווארען. זיצונגען זיינען אפגעהאלטען געווארען אין וואשינגטאן און ניו יארק. און ווען די שורות ווערען געשריבען, דארף ווידער פארקומען א זיצונג פון די קאמיטעס אין וואשינגטאן. די אפיציעלע ערקלערונגען פון דער קאמיטע זיינען זייער מאגערע. די שטימונג אבער, סיי אין די ארבייטער קרייזען און סיי אין דער פרעסע זיינען אפטימיסטישע. מען האפט אז די פארהאנדלונגען וועלען פירען צו שלום.

ווילט זיך אונז ניט אריינלאזען אין נביאות איבער דעם אויסגאנג פון די פארהאנדלונגען. דאס איז אויך ניט נייטיג. וואס עס איז יא וויכטיג איז צו באקענען זיך מיט די פלענער און פארשלאגען וואס יעדע פון זיי האט פארגעבראכט און מיט די שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פון צוריק פאראייניגען די אמעריקאנער יוניאנס. דאס איז וויכטיג אום צו קענען אנהאלטען די גלייכגעוויכט און ניט אריינפאלען, פון איין זייט אין האפענונגסלאזיגקייט און פון דער צווייטער זייט אין א צו שטארקען אפטימיזם און גלויבען אז דער פרידען איז שוין אזוי גוט ווי דערגרייכט. די ביידע שטימונגען זיינען ניט בארעכטיגט און אפילו שעדליך, ווייל דאס שטערט צו ארבייטען אקטיוו און טאן וואס מעגליך אום צו ברענגען די נויטיגע פאראייניגונג.

וואס זיינען די שטערונגען פאר פרידען?

אלע ווייסען וואס עס זיינען געווען די אישוס וואס האבען געפירט פריהער צו דער גרינדונג פון דער סי. איי. א. דורך די אינטערנעשאנעלס פון דער א. פ. אוו ל. און דורך דעם צו די אויסשליסונגען, שפאלטונג און דעם ברודער־קריג וואס האבען נאכגעפאלגט. די הויפט אישו איז געווען די פראגע פון אינדוסטריעלער ארגאניזאציע אין די מאסען־פראדוקציע אינדוסטריען, וואס די גרינדער פון דער סי. איי. א. האבען איינגעזען, אז עס איז אבסאלוט נויטיג אום צו קענען ארגאניזירען די מיליאנען ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין די גרונט אינדוסטריען און די פירער פון די פאך אינטערנעשאנעלס האבען ניט געוואלט נאכלאזען זייער יורידיקציע אויף געוויסע קלאסען ארבייטער אין די טריידס. עס זיינען דעריבער פאראן מענשען, וועלכע האלטען נאך אלץ אין איבער'חזר'ן די זעלביגע אישוס און אנווייזען אויף זיי ווי אויף א שטער פאר שלום. איניגע טוען עס ווייל זיי האבען ניט גענוג נאכגעפאלגט די לעצטע פאסירונגען און גלויבען באמת, אז קיינער פון די צדדים האט ביז אהער ניט געענדערט זיין שטאנדפונקט אין דער פראגע. אנדערע ווידער ווידערהאלען עס אלס בארעכטיגונג פאר זייער איינגעשפארטקייט. פאר זייער פארלאנג ניט צו דערלאזען א פאראייניגונג צוליב אנדערע, אויסערליכע מאטיוען.

דער אמת איז, אז דורך די לעצטע צוויי יאר איז פארגעקומען אזא ענדערונג אין די מחות פון די פירער פון ביידע צדדים, אז די אישו פון אינדוסטריעלען יוניאניזם געגען דער פאך פארמע פון ארגאניזאציע איז אפגעשוואכט געווארען ביז צום פארשווינדונגס פונקט. אזוי צום ביישפיל דערציילט דער באריכט פון דער נעשאנעל לייבאר רילעישאנס באארד, אז פון 267 פעלען, וואו די א. פ. אוו ל. יוניאנס האבען געפאדערט אפשטימונגען פון די ארבייטער פאר יוניאן פארטרעטערשאפט, האט זי אין 173 פעלען געפאדערט די אפשטימונג זאל געמאכט ווערען אויף אינדוסטריעלע ליניעס און בלויז אין 84 פעלען האבען זיי געזוכט אנערקענונג פאר פאכען צעטיילונג. נאך מער, אין פילע פעלען וואו עס איז פארגעקומען א קאנטעסט צווישען א. פ. אוו ל. יוניאנס און סי איי. א. יוניאנס פאר אנערקענונג אלס פארטרעטער פון די ארבייטער, האט די א. פ. אוו ל. געפאדערט אז די אפשטימונג זאל געפירט ווערען אויף אינדוסטריעלע ליניעס, דאס הייסט די ארבייטער פון אלע פאכען אין דער פאבריק, אדער די ארבייטער פון עטליכע פאבריקען פון איין קאמפאני, זאלען שטימען צוזאמען און די סי. איי. א. האט געפאדערט אפשטימונג אויף פאך ליניעס. אז די ארבייטער פון באשטימטע פאכען אין איינציגע פאבריקען זאלען האבען דאס רעכט צו שטימען באזונדער פאר אייגענע פארטרעטער ביי די פארהאנדלונגען.

די זעלבע טענדענץ קען מען זעהן ווען מען קוקט זיך צו צו די ארגאניזאציאנס ארבייט וואס ווערט געטאן פון די ביידע ריכטונגען. עס קען מער קיין צווייפעל ניט זיין, אז די פירער פון דער א. פ. אוו ל. האבען איינגעזען, אז אין געוויסע אומשטענדען איז די אינדוסטריעלע פארמע פון ארגאניזאציע די איינציג מעגליכע און ווינשענסווערטע. אפילו אין דער פעסטונג פון פאך יוניאניזם, אין די בילדינג טריידס, זעהען מיר די טענדענץ צו פאראייניגען זיך וואו דאס איז נויטיג און האנדלען אלס איין יוניט. אין איין פאל, דערציילט די לייבאר רילעישאנס באארד, האבען די פלאמבערס, עלעקטרישענס און מאשיניסטען זיך פאראייניגט צוזאמען אין א קאונסיל און געפאדערט אנערקענונג אלס איין יוניט צו פארטרעטען די ארבייטער פון דער פירמע פון די דריי פאכען. אז דאס איז ניט געווען כדי צו קענען געווינען א מאיאריטעט אין דער אפשטימונג באווייזט דער פאקט, וואס ווען די באארד האט זיך אנטזאגט נאכצוגעבען דעם פארלאנג און די אפשטימונג איז פארגעקומען פאר יעדען פאך באזונדער, האבען די ארבייטער סיי ווי געשטימט פאר זייערע פאך יוניאנס. אן ענליכע פאראייניגונג פון פאך יוניאנס אויף אן אינדוסטריעלען באזיס איז אויך פארגעקומען ביי די האטעל ארבייטער אין ניו יארק וואו זעקס פאך אינטערנעשאנעלס זיינען פארטראטען אין דעם טרייד קאונסיל און שליסען צוזאמען אגרימענטס פאר זייערע מיטגלידער מיט די האטעל אייגענטימער.

וואס איז פארט דער אונטערשיד?

דער אמת איז, אז איצט איז דער אונטערשיד צווישען די צוויי גרופען וואס האלט די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג געשפאלטען, בלויז איינגעשפארטקייט פון מאנכע פירער און פארביסענקייט. פערזענליכער האס. טרעפליך ווערט דער קאמף כאראקטעריזירט אין דעם נייעם נומער פון „פינס און נידעלס" — „פאפא לואיס — מאמע גריך". דארט באקלאגען זיך די קינדער, די ארבייטער מיטגלידער פון ביידע ארגאניזאציעס, אז פאפא ליבט ניט מער מאמא און דערפאר זיינען די קינדער געבליבען לעבעדיגע יתומים...

וואס זשע זיינען די אויסזיכטען פון די איצטיגע באנייטע שלום פארהאנדלונגען?

דאס הענגט אין גאנצען אפ פון דעם דרוק וואס עס וועט אויסגעאיבט ווערען אויף ביידע צדדים. וועט דער דרוק זיין שטארק גענוג, וועט עס קומען צו א שלום. אויב ניט, וועט זיך עס פארציהען און וואס לענגער עס וועט געדויערען, אלץ שווערער וועט זיין אויסצוגלייכען די סכסוכים ווייל זיי ווערען אי מער אין צאל אי פארביטערטער.

די צוויי אנטגעגענגעזעצטע פארשלאגען.

פון די אפיציעלע דערקלערונגען פון די שלום־קאמיטעס איז באוואוסט, אז ביז איצט זיינען פארגעלייגט געווארען פון די צוויי צדדים צוויי פלענער ווי אזוי אפצושטעלען דעם ברודער קריג. לואיס פאר דער סי. איי. א. איז ארויסגעקומען מיט א פלאן, אז עס זאל געשאפען ווערען א מין סופער־פעדעראציע אין דער טרייד־יוניאן באוועגונג צו וועלכער עס זאלען זיך אנשליסען אלע אמעריקאנער טרייד יוניאן קערפערשאפטען, די א. פ. אוו ל., סי. איי. א. און די אייזענבאן ברדערהודס. לואיס איז ארויסגעקומען מיט דעם פלאן אויף א דראמאטישען אופן, ביי דעם ערשטען צוזאמענקונפט פון די שלום־פארהאנדלונגען. דער ענטפער פון די פעדעריישאן פארטרעטער איז געקומען גלייך אויפ'ן פלאץ. זיי האבען ערקלערט, אז אט דער פלאן קען ניט אפילו באטראכט ווערען און האבען געגעבען אנצוהערעניש אז לואיס אליין האט עס אפילו ניט פארגעשלאגען פאר ערנסטער באטראכטונג. די ווירקונג איז געווען א נאטירליכע, ווייל דער פלאן (מיט דער אויסנאם פון איינשליסען די אייזענבאן ברדערהודס, מיט וועלכע ער האט זיך אפילו ניט מישב. געווען) איז געווען דער זעלבער, וואס די סי. איי. א. האט פארגעשלאגען מיט אנדערטהאלבען יאר צוריק, אז די פעדעריישאן זאל ארויסגעבען טשארטערס צו אלע סי. איי. א. יוניאנס, איינגעשלאסען אויך די וואס זיינען ארגאניזירט געווארען דירעקט אין אפאזיציע צו די עקזיסטירענדע פעדעריישאן יוניאנס און נאכדעם ערשט זאל מען פארהאנדלען וועגען דער יורידיקציע פון יעדער פון זיי. פרעזידענט גרין האט דעמאלט אנגעוויזען, אז דאס וועט בלויז אריינברענגען רייסערייען אינערהאלב דער פעדעריישאן. דאס זעלבע וואלט געשען אונטער דעם נייעם פלאן.

די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר פארשטייער האבען פארגעבראכט ווידער דעם אלטען פלאן אויף וועלכען די קאמיטעס האבען זיך שוין געהאט אזוי גוט ווי געאייניגט דעם ערשטען מאל, און וועלכען לואיס האט צוריק געוויזען. דעם פלאן פון צוריק אריינעמען די אריגינעלע צען אינטערנעשאנעלס אין דער פעדעריישאן; פארהאנדלען און אויסגלייכען די יורידיקציע צוויסטיגקייטען צווישען די ניי ארגאניזירטע יוניאנס פון דער סי. איי. א. און די א. פ. אוו ל. יוניאנס אין די זעלביגע טריידס, און דאן זאלען די אלע יוניאנס פון דער סי. איי. א. אלטע און נייע, אריינגענומען ווערען אין דער פעדעריישאן צוזאמען.

אט די צוויי פלענער זיינען דאס דיסקוטירט געווארען ביי די פינף קאנפערענצען וואס די קאמיטעס האבען אפגעהאלטען ביז איצט. צוליב אן אנפראגע פון די פארטרעטער פון דער סי. איי. א. אויב די פעדעריישאן איז גרייט צו אנערקענען די ווייט־פארגרעסערטע יורידיקציעס וואס די אויסגעשלאסענע צען אינטערנעשאנעל יוניאנס האבען דורך דער צייט איבערגענומען, ווי די לאנדרי ארבייטער, קלינערס און דייערס, גלאוו ארבייטער און קאסטאם טעילארס וואס די אמאלגאמייטעד האט דורך דער צייט איבערגענומען; די ארבייטער פון די כעמישע פאבריקען, אויפרייסונגס־מאטעריאלען און קאוק אויוועגס, וואס די מיינערס האבען איבערגענומען און ענליכע, האט דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדעריישאן פארופען א ספעציעלע זיצונג צו באשליסען וועגען דעם. זייער באשלוס איז נאך פארלויפיג ניט באוואוסט.

וואס זיינען די אויסזיכטען?

ווי געזאגט, איז די שטימונג אין די ארבייטער קרייזען אן אפטימיסטישע וועגען די אויסזיכטען אויף פרידען. עס זיינען דא שטארקע כחות וואס טרייבען ביידע צדדים איינצוגיין אויף קאמפראמיסען און נאכגעבען ווי ווייט מעגליך אום די באוועגונג זאל קענען ווידער פאראייניגט ווערען. פון דער צווייטער זייט איז נאך אבער די ביטערקייט און פארביסענקייט פון מאנכע פירער ווייט ניט פארשוואונדען. פארקערט, דורך דער צייט פון די פארהאנדלונגען ווערען געטאן זאכען פון ביידע צדדים וואס מאכען דעם פרידליכען אויסגלייך שווערער צו דערגרייכען.

צווישען די כחות וואס ארבייטען פאר פרידען זיינען, ערשטענס דער אויפריכטיגער פארלאנג פון דער ווייטגרעסטער מערהייט פון די מיטגלידער פון ביידע יוניאנס אפצושטעלען דעם ברודער־קריג. איבער צוויי מיליאן צושריפטען און טעלעגראמען פון מיטגלידער פון יוניאנס פון דער פעדעריישאן און פון דער סי. איי. א. זיינען ערהאלטען געווארען אין משך פון א פאר טעג, אויסדריקענדיג דעם פארלאנג.

צווייטענס, דעם דרוק פון דער פעדעראלער רעגירונג. די רוזוועלט אדמיניסטראציע איז זייער שטארק פאראינטערעסירט צו פאראייניגען די ארבייטער באוועגונג, סיי צוליב די עקאנאמישע אומשטענדען אין לאנד און סיי צוליב די פאליטישע אויסזיכטען אין די קומענדע פרעזידענט וואלען אין וועלכע די יוניאנס וועלען זיכער שפילען א וויכטיגע און פיליכט אן ענטשיידענדע ראלע. די רעגירונג האט נאטירליך א חוץ דעם מאראלען כח אויך ממשות'דיגע וואפען, מיט וועלכע יעדע פון די

צדדים וועט זיך שטארק מוזען רעכענען. דורך די מאשינערי פון דעם לעיבאר רילעישאנס עקט האט די רעגירונג א מעגליכקייט צו העלפען אדער שעדיגען יע־דען פון די צוויי צדדים אין זייער ארבייט און אויס־שפרייטונג.

דריטענס, דער אלגעמיינער אנגריף פון אלע רע־אקציאנערע כחות אין לאנד געגען די ארבייטער געזע־צען וואס די רוזוועלט אדמיניסטראציע האט דורכגע־פירט אין די לעצטע פאר יאר, דער אנגריף אויף די הילף פאר ארבייטסלאזע און אויפ׳ן לעיבאר רילעישאנס עקט וועלכער גייט פיל ווייטער ווי די ענדערונגען וואס די א. פ. אוו ל. האט געזוכט; די ארבייטער פיינדליכע גע־זעצען אין פארשידענע סטייט לעדזשיסלייטשורס, דאס אלעס טרייבט די פארטרעטער (אדער האט זיי געדארפט טרייבען) צו פאראייניגען די באוועגונג וואס גיכער אין קאמף געגען דעם געמיינשאפטליכען שונא.

פון דער צווייטער זייט זיינען די פאקטארען וואס דערלאזען ניט צו פרידען נאך גאנץ שטארק. ערשטענס, דאס אומצוטרויען, דער חשד, מיט וועלכען יעדער פון די צדדים קוקט אויף די פארשלאגען פון צווייטען. אזוי שנעל ווי די קאנפערענץ איז צוזאמענגערופען געווארען, האט פרעזידענט גרין גלייך ערקלערט, „אז די פעדערײשאן וועט זיך אונטער קיינע אומשטענדען ניט אויפגעבען אדער זיך לאזען פארשלינגען פון וועלכע עס איז אנדער קער־פערשאפט. דאס זעלבע, נאך פיעל שטארקער, האט אויס־געדריקט דזשאן ל. לואיס ביי א קאנווענשאן פון הארטע קוילען גרעבער, ווען ער האט ערקלערט: „די סי. אי. א. וועט זיך ניט לאזען צעברעקלען כדי צופרידענשטעלען די אנגעקראכמאליעטע אריסטאקראטען פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר". לואיס האט אויך געסטראשעט אז אויב עס וועט ניט קומען צו פרידען וועט די סי. אי. א. פארשטארקען דער קאמף. אט די ערקלערונגען ווייזען, ווי טיף איינגעווארצעלט עס איז דער אומצוטרויען פון די פירער איינער צום צווייטען, וועלכעס מאכט דעם פרידען פיל שווערער צו דערגרייכען.

די שפאלטונגען פארגרעסערען זיך

וואס לייגנער דער קריג האלט אן, אלץ טיפער און ווייט־פארשפרייטער ווערען די שפאלטונגען און אלץ גרע־סער ווערט די צאל פון די דואל יוניאנס אין פארשידענע טריידס. דאס, נאטירליך, מאכט די ווידער־פאראייניגונג אלץ שווערער.

אין דער אוטאמאביל יוניאן איז דעם מאנאט די שפאלטונג צווישען דער מארטין און די טאמאס פראקציעס פארפעסטיגט געווארען דורך דער קאנווענשאן וואס די מארטין פראקציע האט אפגעהאלטען אין דעטראיט. אמת, אז קיין מאיאריטעט פון די אוטאמאביל ארבייטער, ווי מארטין האטגעקליימט , האט ער ניט. ער האט אבער ווייזט אויס, א באדייטענדע צאל מיטגלידער און לאקאלס וואס האלטען מיט אים. אומפארטייאישע בעאבאכטער בא־הויפטען, אז מארטינ׳ס גרופע האט צווישען איין דריטעל און איין פערטעל פון אלע מיטגלידער פון דער יונייטעד אוטא ווארקערס יוניאן.

ביי דער קאנווענשאן האט די מארטין פראקציע זיך ערקלערט אלס זעלבסטשטענדיגע יוניאן, וועלכע באלאנגט ניט צו קיין צענטראלע ארגאניזאציע. די צווייטע פראק־ציע, וועלכע שטייט מיט דער סי. אי. א., וועט האלטען איר קאנווענשאן די טעג אין קליוולאנד. די גרופע האט מארטינען אפיציעל אויסגעשלאסען פון דער יוניאן.

דער רעזולטאט פון דעם ברודער־קריג איז, אז אין די פאבריקען איז איצט פאקטיש נישטא קיין אנערקענטע יוניאן. די בעלי בתים פארהאנדלען אמאל מיט פארטרע־טער פון דער פראקציע און אמאל מיט דער צווייטער. קיינע פון די פראקציעס וואגט פארלויפיג ניט צו פאדע־רען אויסשליסליכע אנערקענונג, ווייל זיי האבען מורא אז אויב עס זאל קומען צו א קאמף וועלען זיי ניט קענען קריגען אויף זייער זייט א מאיאריטעט פון די ארבייטער. אין די פאבריקען זיינען איצט פאראן ארום א דריטעל ארבייטער וואס האבען קיין מאל צו דער יוניאן ניט בא־לאנגט אדער זיינען ארויסגעפאלען דורך דער צייט פון סלעק. אט די ניט יוניאן לייט האבען די „באלאנס אוו פאוער" און קיינער איז ניט זיכער מיט וועמען זיי וועל־לען האלטען. עס איז פאראן אן ערנסטע געפאר, אז די קאמפאניס זאלען זיך ניט באנוצען מיט דער געלעגענהייט פטור צו ווערען אינגאנצען פון דער יוניאן.

דריי נייע שפאלטונגען אין סי. אי. א. יוניאנס

דעם מאנאט זיינען פארגעקומען דריי נייע שפאל־טונגען אין יוניאנס וואס זיינען פארבונדען מיט דער סי. אי. א. אין די אלע פאלען זיינען אנגעגעבען געווארען אלס אורזאך דאס וואס די באטרעפענדע יוניאנס ווערען קאנטראלירט פון די קאמוניסטען און פארפאלגען די מיט־גלידער וואס זיינען זייערע פאליטישע געגנער.

די סאוטהערן טענענט פארמערס יוניאן האט דורך א רעפערענדום אפשטימונג פון אירע מיטגלידער זיך אפ־געריסען פון דער קענערי און אגריקולטשורעל ווארקערס אוו אמעריקא, צו וועלכער זיי האבען באלאנגט אלס אוטאנאמער טייל. דער קאמף צווישען דער שער־קרא־פערס יוניאן און דאנאלד הענדערסאן, פרעזידענט פון דער קענערי ארבייטער יוניאן, איז אנגעגאנגען א לאנגע צייט. דעם ערשטען מארטש האט ענדערסאן סוספענדירט די ער־ווילטע בעאמטע פון דער פארמערס יוניאן און געמאכט א פארזוך איר צו רעארגאניזירען. די פארמערס יוניאן האט דאן ארויסגעשיקט א רעפערענדום צו די מיטגלידער און מיט זייער גוטהייסונג זיך אפגעריסען. די פארמערס יו־ניאן האט זיך אויך געווענדעט אין געריכט נאך אן אינ־דזשאנקשאן געגען דער קענערי ארבייטער יוניאן און אירע באאמטע וואס זאל זיי פארווערען זיך צו מישען אין זייערע אנגעלעגענהייטען אדער שטערען זיי.

דער קאמף אין לאקאל 16 פון דער אפיס און פרא־פעשאנעל ווארקערס יוניאן פון דער סי. אי. א. אין ניו יארק, וואס איז אנגעגאנגען א לאנגע צייט, האט דעם מאנאט אויך געפירט צו א שפאלטונג. ארום 500 מיט־גלידער פון דעם לאקאל האבען ביי א מיטינג מאנטאג, דעם צוואנציגסטען מארטש באשלאסען זיך אפצורייסען פון לאקאל און אריבערגיין צו דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר.

אין דער רעזאלוציע זיך אפצורייסען פון לאקאל 16, ווייזט די גרופע אן אז דאס ווערט ניט געטאן ווייל זיי זיי־נען געגען דער סי. אי. א., נאר ווייל די פירונגען פון דער אדמיניסטראציע פון לאקאל איז ניט יוניאן־מעסיג און ווערט דיקטירט פון פאליטישע מאטיווען פון דער קאמו־ניסטישער פארטיי. די אדמיניסטראציע ווערט דארט בא־שולדיגט אין פרובירען ארויפצווינגען איר פאליטישען גלויבען אויף די מיטגלידער פון דער יוניאן; מיט נקמה אקטען געגען געגנער פון אנדערע פאליטישע איבער־ציגונגען; פרואוון צו פארמאכען געגנער דאס מויל; מאכען בלבולים אויף געגנער און אוועקנעמען ביי זיי זייער יוניאן רעכט אין דיסקרימינירען געגען געגנער ביים גע־בען דזשאבס, און ענליכע האנדלונגען.

אזוי ווי א גרויסער טייל פון די וואס האבען זיך אפגעריסען זיינען אנגעשטעלטע פון די ארגאניזאציעס וואס זיינען פארבונדען מיט אונזער אינטערנעשאנעל, האט די עקזעקוטיוו פון לאקאל 16 געזוכט צו בעאיינפלוסען די פירער פון דער אינטערנעשאנעל אז זיי זאלען זיך אריינמישען און ניט דערלאזען די אפיס ארבייטער זיך אפרייסען. סעקרעטער אמהעי האט זיי אויף דעם געענט־פערט, אז די אינטערנעשאנעל, כאטש א יוניאן, איז זי אבער פאר אירע אנגעשטעלטע — אן ארבייטס־געבער. זי האט דעריבער ניט קיין מאראלע אדער געזעצליכע רעכט זיי צו זאגען א דעה אין זייער באציאונג צו זייער אייגענער יוניאן.

דעם מאנאט האבען זיך אויך אפגעריסען א צאל מיטגלידער פון דער גראסערי קלוירקס יוניאן לאקאל 338 פון דער סי. אי. א. און זיך אנגעשלאסען אן דעם א. פ. אוו ל. לאקאל אין דעם טרייד.

סטרייקס און סעטלמענטס דעם מאנאט

די וויכטיגסטע סטרייקס דעם מאנאט זיינען געווען דער סטרייק פון די האטעל אנגעשטעלטע אין וואשינג־טאן; דער סטרייק פון די טימסטערס אין ראוד איילאנד און דער סטרייק פון פלאמבערס אין ניו יארק.

2,200 האטעל אנגעשטעלטע אין דרייצען פון די וויכטיגסטע האטעלס אין וואשינגטאן זיינען ארונטער אין סטרייק דעם זיבעטען מארטש. די סימפאטי פאר די סטרייקערס, סיי פון די יוניאנס פון דער א. פ. אוו ל. און סיי פון דער סי. אי. א. און אויך פון פילע פון די געסט און קאסטאמער פון די האטעלס, האט געצוואונגען די איינגעשפארטע בעלי בתים נאכצוגעבען און אונטערשריי־בען אן אגרימענט מיט דער יוניאן. די ארבייטער האבען געסעטעלט אויף א קאמפראמיס. די יוניאן איז אנערקענט געווארען, אבער פולע קלאזד שאפ האבען זיי ניט גע־קראגען.

דער ניו יארק פלאמבערס און סטים פיטערס לאקאל האט דעם 20טען מארטש ארויסגערופען אן אלגעמיינעם סטרייק אויף אלע נייע געביידען אין ניו יארק. דער סטרייק איז גערופען געווארען צו באקעמפען דעם פארזוך פון די מעסטער פלאמבערס צו פארלייגערען די ארבייטס־שטונדען פון דרייסיג אויף פינף און דרייסיג א וואך און שניידען די שכירות מיט צען פראצענט.

אלס רעזולטאט פון דעם סטרייק איז אפגעשטעלט געווארען די ארבייט אויף פילע שטאטישע געביידעס, איינגעשלאסען די געביידען פון דער ווארלדס פעיר. די סטייט לייבאר באארד האט זיך אריינגעמישט און זוכט צו־זאמענברייינגען ביידע צדדים. עטליכע וויכטיגע קאנטראק־טארס האבען זיך אפגעריסען פון דער אסאסיאיישאן און געסעטעלט. די פארהאנדלונגען גייען נאך אן.

3,000 טימסטערס פון ראוד איילאנד האבען דעם 19טען מארטש געווארפען די ארבייט און ארויס אין סטרייק פאר העכערע שכירות. עס איז גאנץ מעגליך אז אויב דער סטרייק וועט זיך פארציען זאלען די טימסטערס פון מאסאטשוזעטס און קאנעקטיקוט אויך ארויס אין סטרייק צו צווינגען די בעלי בתים נאכצוגעבען די פא־דערונגען.

א לאק־אוט פון 3,200 טעקסטיל ארבייטער איז דעם מאנאט געמאכט געווארען פון דער „ביגעלאו סענ־פארד קארפעט קאמפאני" אין אמסטערדאם, ניו יארק. די מיטגלידער פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן, ארום 50 אין צאל, האבען זיך אבער אנטזאגט גוטצוהייסען דעם אגרימענט און די יוניאן איז געצוואונגען געווען צו ערקלערען געגען זיי א סטרייק.

דער לאק־אוט איז ארויסגעקומען צוליב דעם וואס די יוניאן האט געפאדערט אז די קאמפאני זאל ענטזאגען אן ארבייטער וועלכער האט זיך אנטזאגט צו צאלען דיוס. די קאמפאני האט זיך אנטזאגט דעם ארבייטער אוועקצו־שיקען און די טימסטערס און יארד־מען פון דער קאמ־פאני האבען געווארפען די־ארבייט. די פירמע האט דאן פארמאכט די פאבריק און אויסגעשלאסען אלע ארבייטער.

דער וויכטיגסטער סעטלמענט דעם מאנאט איז דער אגרימענט וואס די טעקסטיל ווארקערס ארגאנייזינג קאמי־טע האט אונטערגעשריבען מיט פארטרעטער פון דער אמעריקען וואולען קאמפאני, פאר די אומגעפער 12,000 ארבייטער אין פיר וואלן מילען אין לאורענס, מאסס.; דאווער, ניו העמשייר און סקאוועגאר, מעין. די ארבייטער פון די מילען האבען געשטימט פאר ט. וו. א. ק. אין דער אפשטימונג וואס איז מיט א פאר מאנאטען צוריק דורכ־געפירט געווארען אונטער דער אויפזיכט פון דער לייבאר באארד.

דער אגרימענט איז פאר איין יאר און ווערט אוטא־מאטיש באנייט סיידען איינער פון די צדדים לאזט ווי־סען זעכציג טעג איידער עס גייט אויס אז זיי ווילען ענ־דערונגען. די ארבייטער קריגען א פערציג שטונדיגע ארבייטס־וואך און אנערקענונג פון דער יוניאן. פאר אווערטיים וועט מען צאלען אנדערהאלבען מאל, די פראגע פון שכירות איז געבליבען אפען „לויט די עקאנאמישע אומשטענדען אין טרייד".

די מילינערי יוניאן האט דעם מאנאט ענדליך באנייט דעם אגרימענט מיט די דזשאבערס אין טרייד, וועלכער איז אויסגעגאנגען לעצטען אקטאבער. די דזשאבערס הא־בען זיך אין אנפאנג געהאט ענטזאגט צו באנייען דעם אגרימענט און עס האט געהאלטען ביי א סטרייק. נאך לאנגע קאנפערענצען האבען זייערע פארטרעטער ענדליך צוגעשטימט צו אפאינטען א קאמיטע וואס זאל מיטארבי־טען מיט דער אומפארטייאישער קאמיטע פון דעם קא־לעקטיווען אגרימענט און האבען אין פרינציפ אנגענומען דער יוניאנס פאדערונג צו קויפען זייער סחורה בלויז פון יוניאן מאנופעקטשורערס.

דער פאר־דייערס לאקאל 88 פון ניו יארק און ניו דזשוירזי האט דעם מאנאט באנייט דעם אגרימענט מיט דער פאר־דייערס גילד און מיט׳ן טריידקאונסיל, קריגענ־דיג א העכערונג אויף די שכירות פון אלע ארבייטער אויף 17½ סענט א שטונדע. די אנדערע באדינגונגען און די 35 שטונדען וואך בלייבען די זעלבע ווי אין אלט־אגרימענט.

מיינערס יוניאן פארהאנדעלט וועגען נייעם אגרימענט

אין ניו יארק זיינען זיך דעם מאנאט צוזאמענגעקו־מען פארטרעטער פון דער יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן און די אייגענטימער פון די ווייכע קוילען מיינס צו פאר־האנדלען וועגען א נייעם אגרימענט אין טרייד אויפ׳ן פלאץ פון דעם איצטיגען אגרימענט וואס גייט אויס דעם 31טען מארטש. די יוניאן פאדערט א העכערונג פון פופציג סענט א טאג אויף די שכירות און א פארקירצונג פון דער ארבייטס־וואך צו דרייסיג שטונדען. די בעלי־בתים פאדערען אז די שטונדען זאלען פארבלייבען ווי געווען און די שכירות זאלען געשניטען ווערען מיט 50 סענט אויפ׳ן טאג.

לויט דער שטימונג ביי ביידע צדדים וועט מען זיך ווארשיינליך לאנג דינגען, אבער צו קיין סטרייק וועט עס ניט קומען. ביידע צדדים זוכען אויסצומיידען איצט א קאמף, ווייל די לאגע אין דער אינדוסטריע איז ניט גוט און יעדע שטערונג וועט איר נאך מער שאדען.

מיר טאָרען ניט פאַרגעסען!

פון פאַניאַ מ. קאָהען, סעקרעטער
עדיוקיישאָנאל דעפּאַרטמענט א. ל. ג. וו. יו.

יך פרייענדיג מיט די איצטיגע דערגרייכונגען פון אונזער אינטערנעשאָנאל יוניאָן, טאָרען מיר ניט פאַרגעסען אונזערע מארטירער, אונזערע קרבנות. מיט'ן אָנקומען פון פרילינג, טויכט אויף אין אונזער זכרון די „טרייענגעל" טראַגעדיע מיט אַכט־און־צוואַנציג יאָר צוריק — מארטש דעם 20טען, 1911. מיר קענען כמעט ווידער הערען די פאַרצווייפעלטע געשרייען פון די 146 אַרבייטער־קרבנות, מאַנכע פון זיי יונגע, פופצען־יאָריגע קינדער, וועלכע זיינען ארומגעכאַפּט געוואָרען פון די פלאַמען הינטער פאַרשלאָסענע טירען און האָבען דאָרט זייערע יונגע לעבענס פאַרלאָרען; די הונדערטע שוועסטער און ברידער זייערע, וועלכע זיינען געשטאַנען מאַכטלאָז אין גאַס ארום דער ברענענדער פאבריק און צוגעקוקט ווי עס קומען אום אין די פלאַמען די יונגע קרבנות אויפ'ן מזבח פון אָפּגאָט פון סוועט־שאָפּ באַסעס וועלכע האָבען זיי געהאַלטען אונטער פאַרשלאָסענע טירען זינט דעם ניט־געלונגענעם סטרייק אין דער „טרייענגעל"־פאַבריק, דעם 27טען סעפּטעמבער, 1909. אויס מורא אַז די אַרבייטער זאָלען זיך ניט אָרגאַניזירען, האָבען די בעלי־בתים זיי געהאַלטען איינגעשפּאַרט און פאַרשלאָסען, ווי די שקלאַפען, בארויבענדיג זיי פון זייער פרייהייט און מענשען־ווירדע און שטעלענדיג זייער לעבען אין געפאַר יעדע שטונדע פון טאָג.

די וועלט האָט אויפגעשוידערט. טויזענדער אַרבייטער, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען די לוויה, האָבען געשוואָרען, אַז די קרבנות זאָלען ניט האָבען געשטאָרבען אומזיסט. די אויפגעטרייסעלטע עפענטליכע מיינונג האָט אויפ'ן ברודער־קבר פון די קרבנות געשטעלט אַן איינדרוקספולע מצבה. געזעצען זיינען אָנגענומען געוואָרען צו פאַרהיטען דאָס לעבען פון די אַרבייטער ביי דער אַרבייט. דעם וויכטיגסטען מאָנומענט אָבער, אַ לעבעדיגען מאָנומענט, האָבען געשטעלט די אַרבייטער פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע נאָך די קרבנות. זיי האָבען אויפגעבויט אַ יוניאָן, וועלכע האָט אויסגעראָט דעם סוועט־שאָפּ און געמאַכט אוממעגליך, אַז נאָך אַזאַ טראַגעדיע זאָל ווען עס איז קענען ווידער געשעהן. אין 1913, צוויי יאָר נאָך דער „טרייענגעל־טראַגעדיע", האָט זיך אויפגעהויבען די כוואַליע פון רעוואָלט אין די אַלע טריידס פון פרויען־קליידער וואו די מערסטע אַרבייטער זיינען געווען פרויען און מיידלאך. ראַפּער און קימאָנאָ אַרבייטער, טשילדרען דרעסמאַכער, ווייסט און דרעסמאַכער, צענדליגע טויזענדער פון זיי האָבען יענעם יאָר געוואָרפען די אַרבייט אין די סוועט־שעפּער און זיינען ניט צוריקגעגאַנגען ביז זייער יוניאָן, די אינטערנעשאָנאל, איז אַנערקענט געוואָרען. דערמיט האָבען זיי צום ערשטען מאָל באַפעסטיגט זייער יוניאָן און אויפגעבויט די פעסטונג וואָס באַשיצט זייער רעכט אַלס מענשען און אַרבייטער.

זייט דאַן האָבען זיי אַט דעם קאַמף ניט אויפגעגעבען. דורך גוטע צייטען און שלעכטע, אין יאָרען פון פּראָספּעריטי און קריזיס, האָבען זיי הויך געטראָגען די פאַן פון יוניאָניזם ביז זיי האָבען דערגרייכט די איצטיגע שטופע פון מאַכט און איינפלוס פון זייער יוניאָן וועלכע גיט זיי אַ דעה איבער די באַדינגונגען אונטער וועלכע זיי אַרבייטען און פאַרזיכערט זיי געגען ווילקיר און טויט־געפאַר.

מיר שטייען איצט ביים קבר פון די 146 אַרבייטער־קרבנות פון דעם „טרייענגעל"־פייער מיט ווייטאָג אין הארצען פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער מיט שטאָלץ־אויפגעהויבענע קעפּ קוקענדיג אין דער צוקונפט. צוזאַמען רופען מיר אויס: „מיר האָבען געהאַלטען אונזער שבועה! איר זייט ניט אומזיסט געשטאָרבען. דער לעבעדיגער מאָנומענט נאָך אייך וואַקסט און שפּרייט זיך איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון לאַנד".

אינגעל מיינער

פון מ. באַסין

אינגעל מיינער, אינגעל מיינער
מיט די חלום'דיגע אויגען,
ווי מיין הימעל איז אויך דיינער:
גרוי, מיט וואָלקענדלאַך פאַרצויגען. —

טאָג נאָך טאָג — דער זעלבער הימעל,
און דער זעלבער קאַרגער ביסען;
דיינע אויגעלאַך אין דרימעל,
קאַלטע וואָלקענדלאַך באַגריסען.

זיצסט און חלום'סט ווי דיין טאַטע,
וואָס וועט חלום דאָ אונז געבען? —
פאַר דיין חלוך — ריס און לאַטע:
בייגט אין דרייען זיך מיין לעבען.

קינד, איך האָב שוין טויזענט יאָרען
אויף מיין נאַקען אויסגעטראָגען,
און די נויט פון אַנדערוואָכען
שפּאַנט מיך אַלץ אין זעלבען וואָגען.

וועלען מיר פון הי אַנטלויפען,
און צום חלום־לאַנד זיך טראָגען;
אונזער מזל נאָכצולויפען, —
אפשר וועלען מיר אים דעריאָגען. —

ערגעץ אין דעם לאַנד דעם ווייטען —
חלום, אינגעל מיינער, חלום —
וועלען מיר זיך לאָזען רייטען
און אַהינקומען בשלום.

דאָרטען וואַקסען אויף די בוימער:
ברויט און האָניג, שיך און קליידער,
און אַליין דער גוטער שומר
וועט פאַרבעטען אונז צום סדר.

און דערציילען אונז די מעשה,
פון די טעג, וואָס וועלען קומען:
ווי די ציגעלע די ווייסע,
וועט זיך פּאַשען צווישען בלומען.

און דער לייב וועט, ווי אַ זיידע,
צוגיין און איר געבען שלום;
וועלען זיי זיך פּאַשען ביידע. —
חלום, אינגעל מיינער, חלום.

באַסענט זיך מיט דער שטאָט

אונזער עדיוקיישאָנאל דעפּאַרטמענט פירט דורך שפּאַצירען יעדען שבת צו באַזוכען אינטערעסאַנטע פּלעצער אין שטאָט אונטער'ן אויפזיכט פון געשולטע דירעקטאָרען. די שפּאַצירען זיינען פאַרגעניגענד און באַרייכערען די אַנטיילנעמער מיט וויסען און ערפאַרונג. די פאָלגענדע פּלעצער וועלען באַזוכט ווערען דורך דעם מאָנאַט:

שבת, אַפּריל דעם 1טען, צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג — פּאַליס העדקוואָדערס. די ראַדיאָ רום, טעלעגראַף ביוראָ, פאָטאָגראַפישע גאַלערי און אַנדערע איינריכטונגען. מיר טרעפען זיך אין 240 סענטער סטריט, לעקסינגטאָן עוועניו סאָבוויי, לאָקאַל סטאָפּ אין ספּרינג סטריט.

אַפּריל 8 — ניו יאָרק סיטי גאַרבעדזש אינסינערייטאָר. צו באַקענען זיך מיט דעם וויסענשאַפטליכען אופן ווי אַזוי די שטאָט באַפרייט זיך פון דעם אָפּפאַל. 56טע סטריט און 12טע עוועניו. נעמט 49טע סטריט קראָס־טאַון באַס צום נאָרד ריווער.

אַפּריל 15 — פלאָיד בענעט אוויאַציע פעלד. פאַרשיידענע סאָרטען עראָפּלאַנען און ווי אַזוי זיי פליען. נעמט די אַי. אַר. טי. סאָבוויי ביז פלעטבוש עוועניו סטיישאָן און דאָרט דעם באַס צום לופט פאָרט. מיר באַגעגענען זיך אין דער אַדמיניסטראַציע געביידע.

אַפּריל 22 — די יונייטעד סטייטס סאָב טרעזשורי. דאָ איז פּרעזידענט וואַשינגטאָן איינגעשוואָרען געוואָרען אין אַמט אין 1789. מיר וועלען באַזוכען די רעגירונגס־אָפּיסעס פון דער קאָוסט גאַרד, פון אינערען מיניסטעריום, פון געזונדהייטס־אָפּטיילונג און ענליכע. די געביידע איז אויף בראָאד און וואָל סטריטס. נעמט לעקסינגטאָן עוועניו סאָבוויי צו וואָל סטריט סטיישאָן.

אַפּריל 29 — מוזעאום פון וויסענשאַפט און אינדוסטריע, אין 30 ראָקעפעלער־פּלאַזאַ. זעקסטע עוועניו און 49טע סטריט. איינטריט 20 סענט.

אונזערע קולטור־כחות ווערן רייף

דעם מאָנאַט זיינען פאָרגעקומען צוויי וויכטיגע פאַסירונגען אין דער טעטיגקייט פון אונזער עדיוקיישאָנאַל און ריקריאיישאָנאַל דעפּאַרטמענס פון דער אינטערנעשאָנאַל, וואָס האָבען באַוויזען, אַז אונזערע קולטור־כחות אַנטוויקלען זיך און ווערען רייף.

שבת אָוונט דעם 19טען מאַרטש, האָט די קולטור אָפּטיילונג פון דער אינטערנעשאָנאַל געגעבען איר יערליכען קאָנצערט אין קאַרנעגי האָל. אין דעם קאָנצערט זיינען אויפגעטראָטען סיי די אַלטע גרופּען וועלכע זיינען אונז שוין גוט באַוואוסט פון פריעריגע אויפטרעטען, ווי די כאָרען פון ניו יאָרק און אָוט אָוו טאָון און דער מאַנדאָלין אָרקעסטער, און סיי די נייע אָרגאַניזירטע גרופּען וואָס זיינען ביי דעם קאָנצערט אויפגעטראָטען צום ערשטען מאָל אין דער עפענטליכקייט. ביידע גרופּען האָבען די פאַרזאַמעלטע אָנגענעם איבערראַשט מיט זייער זעלטען שיינער דורכפירונג פון זייערע מוזיקאַלישע פּראָגראַמען.

דער ניו יאָרקער כאָר האָט ווייט איבערגעשטיגען זיך אַליין אין דער אמת קינסטלערישער דורכפירונג פון די נומערען וואָס ער האָט געגעבען. דורך דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָט דער כאָר געקראָגען די צייטיגקייט און קלאָר פון אַ פּראָפעסיאָנעלען כאָר. דער אָוט אָוו טאָון כאָר איז שוואַכער סיי אין דער קוואַליטעט פון די שטימען און סיי אין דער רייפקייט און געשולטקייט. אָבער אַלס אַמאַטאָרען־כאָר קען עס זיך אויך פאַרגלייכען מיט די גוטע כאָרען פון דעם סאָרט וואָס מען קען הערען ערגעץ אַנדערש.

איבערראַשט האָט מיט דער שיינקייט און קינסטלערישקייט וואָס עס האָבען אַרויסגעוויזען אין דעם קאָנצערט די נייע גרופּען וואָס זיינען ערשט אויפגעבויט געוואָרען דורך דעם יאָר. דער סטרינג אָרקעסטער דיריגירט פון ה. ליעבמאַן האָט געשפּילט שווערע קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס מיט דער גלאַטקייט און ראַפינירטקייט פון אמת'ע קינסטלער. צו דערגרייכען אַזאַ סאָרט שפּילען אין אַזאַ קורצער צייט איז באמת אַ גרויסער אויפטו. אויסגעצייכענט קינסטלעריש זיינען אויך געווען די טאַנץ נומערען, דורכגעפירט פון דער גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון בנימן צמח. די צוויי סאָלאָאיסטען, די מעצאָ־סאָפּראַנאָ ברונאַ קאַסטאַגנאַ און דער באַרימטער וויאָליניסט רוגערא ריטשי, האָבען דעם קאָנצערט נאָך פיל דערהויבען, צו אַ קינסטלערישער הויך.

עס איז באמת געווען אַ זעלטען געראָטענער קאָנצערט און דער עולם האָט דורך רוישיגע אַפּלאָדיסמענטען אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג און צופרידענהייט מיט אונזערע אייגענע מוזיקאַלישע טאַלאַנטען.

מאָנטאָג דעם זעקסטען מאַרטש האָט דער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט דורכגעפירט די גראַדואיישאָן עקסערסייזעס פאַר די וואָס האָבען פאַרענדיגט דעם קורס פאַר בעאַמטע אין דער יוניאָן. דאָס איז דער ערשטער קורס וואָס וועלכע עס איז יוניאָן אין אַמעריקע האָט איינגעשטעלט אויף צוגרייטען מענשען וואָס ווילען לויפען פאַר בעאַמטע, פאַר זייערע פליכטען.

ביי דער געלעגענהייט איז דורכגעפירט געוואָרען אַ שיינער קאָנצערט פון לאָקאַל 89 קאָנצערט גרופּע אונטער דער דירעקציע פון לואידזשי פּאַפּאַרעלאָ און דער דראַמאַטישער כאָר פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט געזונגען פאָלקס־לידער. וויס־פּרעזידענט האָכמאַן, טשערמאַן פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע, האָט געהאַלטען אַ קורצע רעדע וועגען דער וויכטיגקייט פון בילדונג פאַר די אַרבייטער און הויפּטזעכלאַך פאַר די אַקטיווע מיטגלידער אין די יוניאָנס און האָט איבערגעגעבען די ערשטע דיפּלאָמע צו דער איינציגער סטודענטין וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם קורס, ראָזאַ אַרפּיגליאַנאַ פון לאָקאַל 25. 133 סטודענטען האָבען געענדיגט דעם קורס און האָבען געקראָגען דיפּלאָמעס. פּאַרזיצער איז געווען דער עדיוקיישאָנאַל דירעקטאָר מאַרק סטאַר און רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון לעקטאָרס אויף די קורסען.

וואָס עס הערט זיך אין דער אינטערנעשאַנאַל

ניו יאָרק האָט דורך דעם פאַרגאַנגענעם מאָנאַט ווידער פאַרנומען דעם אויבען אַן אין דעם אונאָויפהערליכען גראַנגעל פון אונזערע אינטערנעשאַנעל יוניאַנס, אויפצוהאַלטען און פאַרבעסערען די באַדינגונגען פון די אַרבייטער אין דער פרויען קליידער אינדוסטרי. אונזערע גרעסטע און וויכטיגסטע אָפּטיילונגען אין ניו יאָרק, די קלאָוק און דרעס דזשאָינט באָארדס האָבען דורך די לעצטע עטליכע מאָנאַטען ניט דורכגעמאַכט קיין אויסערגעוויינליכע טעטיגקייט וואָס זאָל ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער אויסערליכער וועלט אָדער פון אונזערע אייגענע מיטגלידער אין אַנדערע ווייטערע געגענדען. בלויז רוטינע אַרבייט איז אָנגעפירט געוואָרען, איינצעל סטרייקס דאָ און דאָרטען; געוויינליכע סכסוכים, שאָפּ וויזיטס, פרייז סעטעלמענטס און ענליכע טעטיגקייטען, וואָס ווי וויכטיג זיי זיינען, איז מען שוין אַזוי געוואוינט דערצו אַז קיינער קוקט זיך איבעריגס ניט אַרום אויף דעם. דורך דעם פאַרגאַנגענעם מאָנאַט זיינען ביידע דזשאָינט באָארדס אויפגעטרייסעלט געוואָרען דורך וויכטיגע געשעענישען וואָס האָבען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט, ניט נאָר פון די מיטגלידער פון אונזערע אייגענע יוניאָנס נאָר פון ברייטע קרייזען פון דער עפענטליכקייט אין און אויסער אונזער אינדוסטרי.

דרעס דזשאָינט באָארד שרייבט אונטער אַגרימענט מיט טראָק אייגענטימער

די דרעס דזשאָינט באָארד האָט דורך דעם מאָנאַט באַוויזען צו דערגרייכען עטוואָס, וואָס פאַר אַ לאַנגער צייט האָט מען באַטראַכט כמעט ווי אוממעגליך. מאָנטאָג דעם זעקסטען מאַרטש איז אונטערגעשריבען געוואָרען אַ קאָלעקטיווער אַגרימענט צווישען דער דרעס דזשאָינט באָארד און דער אַסאָסיאיישאָן פון טראָק אייגענטימער וואָס מאַכט די טראָקערס אַלס טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאָלעקטיווען אַגרימענט אין דער אינדוסטרי, מיט אַלע פאַרפליכטונגען וואָס אַזאַ אַגרימענט ליגט אויף זיי אַרויף.

די דרעסמאַכער דאַרף מען ניט ערקלערען וואָס אַזאַ אַגרימענט מיינט פאַר די אַרבייטער און דער אָרגאַניזירטער אינדוסטרי אין אַלגעמיין. זיי וויסען פון ערפאַרונג, ווי די הפקרות פון די טראָק אייגענטימער האָט געשטערט און אָפּט צונישט געמאַכט זייערע געווינסען; ווי יעדעס מאָל וואָס דער יוניאָן איז געלונגען קריגען קאָנטראָל אויף אַ ניט־יוניאָן פירמע, פלעגט איר אַרבייט אויסרינען פון די יוניאָן שעפּער און פאַרשוואונדען ווערען ערגעץ אין די סקעב־נעסטען וואָס די טראָק בעלי בתים האָבען ערמוטיגט און אָפּט אַליין אויפגעבויט ערגעץ אין נייע געגענדען; זיי האָבען זיך גאַנץ אָפּט אַנגעשטויסען אַן דער אייזערנער וואַנט פון די טראָק בעלי בתים ווען זיי האָבען געסטרייקט אין אַ שאָפּ און די אַרבייט פלעגט אויפגעמאַכט ווערען ערגעץ אוט אַזוי טאָן; אַט די הפקרות איז אָפּגעשאַפט געוואָרען דורך דעם אַגרימענט. די טראָק בעלי בתים זיינען איצט פאַרפליכטעט אָפּצוהיטען די פאַרשריפטען פון דעם קאָלעקטיווען אַגרימענט אין דער אינדוסטרי. זיי טאָרען מער ניט פירען אַרבייט צו און פון סטרייקענדע שעפּער; זיי טאָרען מער ניט זיין פאַרמיטלער צווישען טשיזלער דזשאָבערס און סוועט שעפּער. און דער אַגרימענט פאַרלאָזט זיך ניט אויף דעם יושר פון די טראָק־אייגענטימער. עס ווערט איינגעשטעלט אַ סיסטעם פון קאָנטראָל וואָס זאָל פאַר זיי מאַכען אוממעגליך אָנצוהאַלטען זייער אַלטע פּראַקטיק. דאָס איז באמת איינע פון די וויכטיגסטע געווינסען וואָס די דרעסמאַכער האָבען געקראָגען אין אַ לאַנגער צייט.

צו מאַכען די טראָק אייגענטימער אונטערשרייבען דעם אַגרימענט איז געווען אַ שווערע שטיקעל אַרבייט. דער קרעדיט געהערט דזשענעראַל מענעדזשער האָכמאַן וועלכער האָט עס געפּלאַנט און געאַרבייט דערפאַר מאָנאַטען לאַנג. עס האָט זיך געפאָדערט אויסערגעוויינליכער טאַקט, ענטשלאָסענהייט און סטראַטעגי. עס איז געווען די קאַמפּס־גרייטקייט פון די אַרבייטער, וועלכע זיי האָבען דעמאָנסטרירט אין די גאַסען און אויף דער פּיקעט־ליין; די דיפּלאָמאַטי וואָס האָט געפירט צו דער באַשטימונג פון דעם מעיאָרס קאָמיטע פון דריי; די פאַרהאַנדלונגען סיי צווישען דער יוניאָן און די טראָקערס און סיי צווישען די טראָק אייגענטימער און די קאָנטראַקטאָרס אין דער ביליגער ליין אַרבייט; דער גוטער ווילען פון דער טראָק דרייווערס יוניאָן לאָקאַל 102 און די קאָאָפּעראַציע פון זייער מענעדזשער ברודער סאַל מעץ. דאָס אַלעס איז צוגעגרייט און דורכגעפירט געוואָרען און דער רעזולטאַט איז דער אַגרימענט.

דער אַגרימענט מיט די טראָק אייגענטימער.

דער אַגרימענט מיט די טראָק אייגענטימער באַשטייט פון דריי טיילען; ערשטענס, די באַדינגונגען פון די טראָק דרייווערס וואָס זיי באַשעפטיגען; צווייטענס, זייערע פליכטען צו דער אָרגאַניזירטער אינדוסטרי און, דריטענס, די פראַגע פון קאָנטראָל אַז זיי זאָלען נאָכקומען זייערע פאַרפליכטונגען.

פאַר די טראָק דרייווערס און העלפּערס.

אַ חוץ די אַלע פאַרשריפטען פון פריערדיגען אָפּמאַך צווישען דער טראָקס דרייווערס יוניאָן לאָקאַל 102 פון דער אינטערנעשאַנאַל מיט די טראָק בעלי בתים, ווי יוניאָן שטונדען און ענליכע, גיט דער אַגרימענט די טראָק דראַייווערס אַ העכערונג אויף די שכירות פון צוויי און אַ האַלב דאָלאַר אַ וואָך פאַר דראַייווערס און צוויי דאָלאַר אַ וואָך פאַר העלפּערס. די העכערונג גייט אַריין אין קראַפט דעם 1טען סעפּטעמבער. אין אַ יאָר שפּעטער קריגען אַלע טראָק דראַייווערס און העלפּערס וואָס האָבען געאַרבייט אין פלאַץ אַ יאָר אָדער מער, אַ וואָך וואַקיישאָן מיט פולען געהאַלט יעדעס יאָר. זיי קריגען אויך געצאָלט פאַר פינף געזעצליכע ימים־טובים אַ יאָר, דאָס זעלבע ווי די דרעסמאַכער.

די פאַרפליכטונגען פון די טראָק־אייגענטימער.

אונטערן אַגרימענט פאַרפליכטען זיך די טראָק אייגענטימער ניט צו פירען אָדער דעליווערען סחורה אָדער דרעסעס צו און פון וועלכען עס איז קאָנטראַקטאָר וואָס איז אין קאָנטראַקטליכע פאַרבינדונגען מיט דער יוניאָן, אָבער איז ניט רעגיסטרירט פאַר דעם דזשאָבער אָדער מאַנופעקטשורער, ווי דאָס איז פאַרגעשריבען אין דעם קאָלעקטיווען אַגרימענט; פאַר וועלכען עס איז מאַנופעקשורער, דזשאָבער אָדער קאָנטראַקטאָר וואָס האָט ניט אויסגעפאָלגט אַן ענטשיידונג פון דער יוניאָן און אַסאָסיאיישאָן, אָדער פון אימפּאַרשעל טשערמאַן; אָדער פון וועלכער עס איז פירמע געגען וועלכער די יוניאָן האָט ערקלערט אַ סטרייק.

יעדער מיטגליד פון דער טראָק אונערס אַסאָסיאיישאָן דאַרף צושטעלען דער יוניאָן אַ פולע ליסטע פון אַלע דזשאָבערס, מאַנופעקטשורערס און קאָנטראַקטאָרס מיט וועלכע ער האָט געשעפטליכע פאַרבינדונגען.

טראָק אייגענטימער זאָלען ניט נעמען קיין נייעם אַקאַונט פון אַ מאַנופעקטשורער, דזשאָבער אָדער קאָנטראַקטאָר, איידער די יוניאָן לאָזט אים וויסען, אַז די באַטרעפענדע פירמע איז רעדזשיסטרירט לויט די פאַרשריפטען פון דעם אַלגעמיינעם אַגרימענט אין טרעיד.

די יוניאָן דאַרף לאָזען וויסען די טראָק אייגענטימער וועגען די פירמעס וועמעס אַפּליקיישאָנס צו ווערען מיטגלידער אין דער אַסאָסיאיישאָן זי האָט גוטגעהייסען.

טעגליכע באַריכטען

טראָק אייגענטימער דאַרפען צושטעלען דער יוניאָן באַריכטען שריפטליך יעדע וואָך וועגען דער אַרבייט וואָס זיי האָבען געפירט יעדען טאָג, וויפיל גאַרמענטס, פון וועלכען לאָין, פון און צו וועמען די אַרבייט איז געפירט געוואָרען. די טראָק דראַייווערס מעגען צושטעלען דער יוניאָן באַזונדערע באַריכטען און די בעלי בתים טאָרען זיי אין דעם ניט שטערען.

די טראָק אייגענטימער דאַרפען האַלטען פולשטענדיגע רעקאָרדס פון אַלע זייערע געשעפטען און די יוניאָן האָט דאָס רעכט אונטערצוזוכען די ביכער און רעקאָרדס איין מאָל אַ מאָנאַט און צו יעדער צייט ווען זי האָט אַ חשד, אַז דער אַגרימענט ווערט פאַרלעצט פון די טראָק אייגענטימער.

אַ פאָרטרעטער פון דער יוניאָן האָט צו יעדער צייט דאָס רעכט אונטערצוזוכען די וואָרע, קליידער און באַנדלעך אויף די טראָקס און זיי פאַרגלייכען מיט די רעסיטס; נאָכצוזוכען דעם פלאַץ וואוהין זיי ווערען געפירט. ער האָט אויך דאָס רעכט מיטצופאָרען מיטן טראָק אין די פלעצער וואו ער פירט די וואָרע.

אַרבייט טאָר ניט טראַנספּאָרטירט ווערען פון איין טראָק אויף אַ צווייטען.

צו מאַכען אוממעגליך די ביז־איצטיגע פּראַקטיק פון מאַנכע טראָקלייט צו טראַנספּאָרטירען אַרבייט פון איין טראָק צו אַ צווייטען אין מיטען וועג, אום צו באַהאַלטען זיך פון דער יוניאָן, אַז מען זאָל ניט אויסגעפינען וואוהין די אַרבייט גייט, פאַרבאָט דער איצטיגער אַגרימענט די פּראַקטיק און שרייבט פאָר, אַז אַ פולע דעליווערי ווערט באַטראַכט דאָס אַריבערפירען וואָרע אָדער פאַרטיגע קליידער פון דעם דזשאָבער אָדער מאַנופעקטשורער צום פלאַץ פון קאָנטראַקטאָר וואו דאָס ווערט אויפגעמאַכט און צוריק. קיין טראָק אייגענטימער טאָר ניט טראַנספּאָרטירען אַרבייט אָדער סחורה פון זיין טראָק צו אַ פרעמדען טראָק.

טראָק אייגענטימער טאָרען ניט זיין פאַראינטערעסירט פינאַנציעל דירעקט אָדער אינדירעקט אין דרעס־שעפּער, סיידען דאָס ווערט געטאָן אויפריכטיג און ניט כדי אויסצומיידען דעם אַגרימענט. (דאָס מיינט, די טאָרען ניט ווערען קיין געהיימע שותפים צו ניט־יוניאָן שעפּער און זוכען זיי צו באַזאָרגען מיט אַרבייט, ווי מאַנכע האָבען עס געטאָן). זיי טאָרען אויך ניט זוכען צו קריגען אַרבייט פאַר וועלכען עס איז דזשאָבער, מאַנופעקטשורער אָדער קאָנטראַקטאָר, אָדער ווערען זייערע אַגענטען צו געפינען פאַר זיי שעפּער אָדער פלעצער וואו צו עפענען שעפּער; טאָרען ניט קריגען קיין עקסטרע באַלוינונג פון אַ פירמע אויסער די רעגולערע געצאָלט פאַר פירען די וואָרע, ווי עס איז אָפּגעמאַכט אין דעם אַגרימענט. ער טאָר אויך ניט ווערען אַ שותף אָדער פינאַנציעל פאַראינטערעסירט אין אַ צווייטער טראָקינג פירמע, וואָס איז ניט אין קאָנטראַקטליכע באַציאונגען מיט דער יוניאָן. אַנדערע רעגולאַציעס קענען פאַרגעשלאָגען ווערען פון די צדדים ווען זיי געפינען עס פאַר נויטיג.

שטראָפען.

פאַר איבערטרעטען די פאַרשריפטען פון דעם אַגרימענט ווערען פאַרגעשריבען פאַסיגע שטראָפען. די שטראָפען דאַרפען באַשטימט ווערען לויט דעם שאָדען וואָס דער פאַרברעכער האָט פאַראורזאַכט צו די אַנדערע צדדים פון אַגרימענט, לויט די נוצען וואָס דער וואָס איז באַגאַנגען דעם פאַרברעכען האָט געהאַט דערפון און לויט די קאָסטען פון דער אונטערזוכונג.

מיט דעם אונטערשרייבען פון דעם אַגרימענט ווערט די טראָק אונערס אַסאָסיאיישאָן און די באַזונדערע אַסאָסיאיישאָנס וואָס זיינען אין איר פאַראייניגט, שותפים צו דעם קאָלעקטיווען אַגרימענט אין דער דרעס אינדוסטרי און נעמען אויף זיך די פולע פאַרפליכטונגען אונטער דעם אַגרימענט, איינגעשלאָסען דאָס שליכטען סכסוכים דורך די אומפּאַרטייאישער מאַשינערי וואָס זיינען איינגעשטעלט אין טרעיד און די ענטשיידונגען פון אימפּאַרשעל טשערמאַן פון דער אינדוסטרי.

דזשענעראַל מענעדזשער האָכמאַנ׳ס סטייטמענט.

דזשענעראַל מענעדזשער האָכמאַן האָט אַרויסגעגעבען דעם פאָלגענדען סטייטמענט וועגען דעם אַגרימענט מיט די טראָק אייגענטימער:

„איך באַטראַכט דעם איצטיגען אַגרימענט וואָס מיר האָבען אונטערגעשריבען מיט די טראָק אונערס, אַלס דעם בעסטען אַגרימענט מיט בעלי בתים, וואָס

איך האב ווען אונטערגעשריבען. דער אגרימענט גיט דער יוניאן אן אינסטרומענט מיט וועלכען צו באזייטיגען פילע פון די ערגסטע איבלען, פון וועלכע די גאנצע דרעס אינדוסטרי, די ארבייטער און די געוויסענהאפטע בעלי בתים האבען געליטען.

„דורך דעם אגרימענט ווערען די טראק אייגענטימער איינגעשלאסען אין דעם קאלעקטיווען אגרימענט, וועלכער רעגולירט די באציהונגען צווישען די פארשידענע צדדים אין דער דרעס אינדוסטרי. אנשטאט צו שטערען די נארמאלע באציהונגען און אונטערגראבען די איינגעשטעלטע סטאנדארדס אין דער אינדוסטרי, ווערען די טראק אייגענטימער איצט אליין שותפים צום קאלעקטיווען אגרימענט און פארפליכטען זיך אפצוהיטען די סטאנדארדס. דער אגרימענט ענטהאלט אויך גענוג באווארענונגען און די נויטיגע מאשינערי צו קאנטראלירען און זעהן אז די טראק אייגענטימער זאלען נאכקומען זייערע פארפליכטונגען.

„עס פארשטייט זיך, אז די נוצען פון אן אגרימענט הענגט אפ אין גאנצען אן דעם ווי אזוי ער ווערט דורכגעפירט אין לעבען. אונזער יוניאן האט טאקע גלייך גענומען זעהן, אז די פארשריפטען פון אגרימענט זאלען דורכגעפירט ווערען. די רעגיסטראציע פון די פירמעס, מיט וועלכע די טראק אייגענטימער האנדלען, האבען זיך שוין אנגעהויבען. די רעגיסטראציעס וועלען אויפדעקען די אלע ניט־יוניאן שעפער און סאב־סטאנדארד שעפער, וועלכע האבען אונטערגעגראבען די באדינגונגען אין טרעיד און האבען אויפגעמאכט זייער ארבייט אויף פיל נידעריגערע סטאנדארדס. אונזער יוניאן וועט זיך אין גיכען נעמען צו ארגאניזירען די אלע שעפער און איינשטעלען דארט יוניאן־באדינגונגען.

„דער אגרימענט איז געוואונען געווארען פרידליך בלויז א דאנק דעם מוט און דער קאמף־גרייטקייט פון אונזערע מיטגלידער. די אקטיווע מיטגלידער, וועלכע האבען אזוי מוטיג געפיקעט די סטרייקענדע שעפער און דעמאנסטרירט אין גאס זייער גרייטקייט צו קעמפען, די פירער און בעאמטע פון די לאקאלס און דער דזשאינט באארד, וואס האבען מיט אזא איבערגעבענהייט געשטיצט און געהאלפען — זיי אלע קומט דער קרעדיט פאר דער גרויסער דערגרייכונג.

„א דאנק קומט דעם מעיאר פון ניו יארק, מעיאר לאגווארדיא, און דער קאמיטע פון דריי, וואס ער האט באשטימט, — דזשארדזש מעדאליע, אננא ראזענבערג און דזשארדזש אלדושער, — פאר זייער גוטער ארבייט און הילף צו ברענגען א סעטעלמענט.

„א באזונדער דאנק און אנערקענונג פארדינט אונזער לאיער עמיל שלעזינגער פאר דעם אמת זעלטענעם אגרימענט, וואס ער האט אויסגעארבייט, און פאר זיין הילף און קאאפעראציע אין דער צייט פון די פארהאנדלונגען".

אז די דרעסמאכער האבען פולשטענדיג אפגעשאצט די וויכטיגקייט פון דעם אגרימענט האט מען געקענט זעהן פון דעם ענטוזיאזם אין דער דזשאינט באארד און ביים .שאפ טשערמאן מיטינג ווען דזשענעראל מענעדזשער האכמאן האט באריכטעט וועגען דעם אגרימענט און פארגעלייענט זיינע פונקטען. ניט נויטיג צו זאגען אז דער אגרימענט איז איינשטימיג גוטגעהייסען געווארען און אלע רעדנער ביי די מיטינגען, די לאקאל מענעדזשערס, האבען אויסגעדריקט זייער אנערקענונג און דאנק האכמאנען פאר זיין גרויסען אויפטו.

נייע פארוואלטונג אין דער קלאוק דזשאינט באארד נעמט זיך צו דער ארבייט

נאכדעם ווי וויס־פרעזידענט איזידאר נאגלער איז ערוויילט געווארען מענעדזשער פון קאטערס לאקאל 10 און די קאמיטע פון דער דזשאינט באארד וואס האט געדארפט רעקאמענדירען „ייגעם וואס זאל פארנעמען דעם פלאץ פון דזשענעראל מענעדזשער, האט ניט געפונען גלייך א פאסיגען מענשען וואס זאל וועלען אננעמען דעם אמט, איז די פארוואלטונג פון דער קלאוק דזשאינט באארד איבערגעגעבען געווארען אין די הענט פון א קאמיטע פון די פיר לאקאל מענעדזשערס, י. ברעסלאו, פון פרעסערס לאקאל 35; איזידאר נאגלער, פון קאטערס לאקאל 10; איזידאר סארקין, פון פינישערס לאקאל 9 און עדווארד מאליסאני, פון איטאליענישען לאקאל 49. טשערמאן פון דער קאמיטע איז י. ברעסלאו.

די קאמיטע איז גלייך צוגעטראטען צו דער ארבייט מיט אויסערגעווייגליכער ענערגיע. די ערשטע זאך האבען זיי איינגעשטעלט דעם סיסטעם פון צענטראליזירטען קאנטראל פון די שעפער וואס איז באשלאסען געווארען פריער. ווי ברעסלאו האט באריכטעט צו א מיטינג פון אלע עקזעקוטיווס פון די לאקאלס און צו א שאפ־טשערמאן מיטינג, איז די נייע סיסטעם איינגעשטעלט געווארען אן וועלכע עס איז שוועריגקייטען. אונטער דעם סיסטעם קאנטראלירט איין ביזנעס אידזשענט סיי דעם דזשאבבער אדער אינסייד שאפ און סיי די קאנטראקטארס וואס מאכען זיין ארבייט, גאנץ גלייך וואו זיי געפינען זיך. דער צוועק איז צו האבען אן איינהייטליכען קאנטראל איבער אלע שעפער וואס ארבייטען פאר דער זעלבער פירמע אום אפצושאפען די קאנקורענץ פון שאפ געגען שאפ.

די קאמיטע האט אויך רעארגאניזירט דעם ארגאניזאציאנס דעפארטמענט און זיך גענומען צו די אפען שאפס וואס האבען זיך לעצטענס אנגעפלאדיעט אין טרעיד. אין משך פון א א פאר טעג זיינען אפגעשטעלט געווארען 38 פירמעס. די קאמיטע האט אויך באשלאסען צו נעמען זיך פאר די טשעין סטארס און מעיל ארדער הייזער וואס זיינען ביז איצט געווען אויסערן קאנטראל פון דער יוניאן. פארהאנדלונגען האבען זיך אנגעהויבען מיט דער „לערנער סטאר קארפארישאן" וועלכע גיט ארויס ארבייט צו מאכען צו קאנטראקטארס. די יוניאן פאדערט, אז די פירמע זאל ענטוועדער זיך אנשליסען אן דער אסאסיאיישאן אלס דזשאבבער און נאכקומען די פארפליכטונגען אונטערן אגרימענט, אדער אויפהערען אליין מאכען ארבייט און קויפען אירע קלאוקס בלויז פון יוניאן שעפער. די דזשאינט באארד האט געמאכט אלע פארבערייטונגען צו ערקלערען די פירמע אין סטרייק און אפשטעלען איר ארבייט אויב זי וועט ענטזאגען די פאדערונגען. די קאמפאני האט אונטערגעשריבען דעם אגרימענט.

די קאמיטע האט אויך באריכטעט אז זי הויבט אן קאנפערירען מיט די טראק אייגענטימער צו קריגען מיט זיי א געשריבענעם אגרימענט אויף די זעלבע ליניעס ווי דער אגרימענט וואס די אסאסיאיישאן האט אונטערגעשריבען מיט דער דרעס דזשאינט באארד. די קלאוק דזשאינט באארד האט ביז איצט געהאט בלויז א מינדליכע פארשטענדיגונג מיט דער אסאסיאיישאן פון טראק אייגענטימער אבער ניט קיין געשריבענעם אגרימענט. לעצטענס איז די פארשטענדיגונג געבראכען געווארען און די יוניאן זוכט איצטער צו קריגען מיט זיי א געשריבענעם אגרימענט.

ביים שאפ טשערמאן מיטינג האט וויס־פרעזידענט י. ברעסלאו אויך אנגעווארפען א פראגראם פון טעטיגקייט צו קריגען קאנטראל פון דער ביליגער ליין ארבייט און די מעניש סטייל סוטס וואס ווערען איצט געמאכט אין שעפער פון אנדערע טרעידס. די קאמיטע האט זיך ארויסגעזאגט פאר איינשטעלען אין די ליינס אזא ארבייטס סיסטעם וואס זאל מעגליך מאכען פאר די בעלי בתים צוי פראדוצירען די סארטען ארבייט אין די קלאוק שעפער.

אנטלאפענע טשילדרען קאוט פירמע געצוואונגען צוריק עפענען פעקטארי אין יוניאן סיטי.

„קעסנער און ראבינאוויץ", איינע פון די גרעסטע פירמעס וואס מאכען אינפענטס און טשילדרען קלאוקס, וועלכע האט ארויסגעמופט דעם שאפ פון יוניאן סיטי ניו דזשוירזי אום זיך ארויסצודרייען פון דער יוניאן, איז געצוואונגען געווארען צוריק עפענען דעם שאפ און באשעפטיגען די אויסגעשלאסענע יוניאן לייט. די פירמע האט געסעטעלט מיט דער אינטערנעשאנאל אויס מורא פאר דער ענטשיידונג פון דער נעשאנאל לעיבאר רילעישאנס באארד אין דער קלאגע וואס די יוניאן האט אריינגעבראכט געגען דער פירמע מיט א יאר צוריק. די ענטשיידונג האט געזאלט ארויסגעגעבען ווערען די טעג און לויט דעם באריכט פון דעם רעפערי האלט עס געקאסט דער פירמע שווערע צענדליגער טויזענטער דאלאר. די פירמע האט דעריבער שוין בעסער געסעטעלט מיט דער אינטערנעשאנאל. די באדינגונגען פון דעם סעטעלמענט זיינען, אז די פירמע עפענט ווידער א שאפ מיט 50 מאשינען אין יוניאן סיטי און באשעפטיגט אירע פריערדיגע ארבייטער און פארפליכטעט זיך אויך צו יוניאניזירען איר שאפ אין קאלאמביא פענסילווייניע וואוהין זי איז אנטלאפען, ניט שפעטער ווי יוני.

אין די קרייזען פון דער אינטערנעשאנאל האט דער סעטעלמענט ארויסגערופען גרויס אויפזען און צופרידענהייט. קעסנער און ראבינאוויץ איז שוין א גאנץ אלטע פירמע אין דער ליין. אין אנפאנג האבען זיי פראדוצירט בייבי העטס אין ניו יארק. זיי האבען דאן אריבערגעפירט דעם שאפ אין יוניאן סיטי און האבען זיך גענומען פראדוצירען מיידעלשע קאוטס. א צייט לאנג האט די פירמע געהאט אן אגרימענט מיט טשילדרען דרעסמאכער יוניאן לאקאל 91. ווען די קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אין 1937 האט איבערגעגעבען יוריסדיקציע איבער די טשילדרען קאוטס צו דער קלאוק דזשאינט באארד, האט די פירמע איינגעשטימט אריבערצוגייען צום קלאוק טרעיד און נאכקומען די באדינגונגען. אין א קורצער צייט שפעטער, ארום סוף 1937, האט די פירמע אבער פלוצלונג אריבערגעפירט דעם שאפ נאך קאלאמביא און האט אפגעבראכען אירע באציהונגען מיט דער יוניאן.

אויף דעם אויפטראג פון י. העלער, מענעדזשער פון אינפענטס און טשילדרענס קאוט דעפארטמענט פון דער קלאוק דזשאינט באארד, האט עמיל שלעזינגער, דער לאיער פון דער יוניאן, דאן פארקלאגט די פירמע פאר דער נעשאנאל לעיבאר רילעישאנס באארד. די אונטערזוכונג האט געדויערט עטליכע מאנאטען. אין סעפטעמבער האט דער טרייעל עקזאמינער אריינגעגעבען זיין רעפארט אין וועלכען ער באשולדיגט די פירמע אין ברעכען דעם געזעץ דערמיט וואס זי אנטזאגט זיך צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן און רעקאמענדירט אז די פירמע זאל געצוואונגען ווערען צוריקצונעמען די ארבייטער וואס זי האט אויסגעשלאסען פון איר שאפ אין יוניאן סיטי, אין דעם נייעם שאפ וואס זי האט געעפענט אין קאלאמביא, דעקען זייערע אויסגאבען אויף אריבערמופען אין דער שטאט און באצאלען מאנכע פון די ארבייטער שאדען־ערזאץ פאר זייער פארלארענער צייט.

ערווארטענדיג דעם ענדגילטיגען באפעל פון דער לעיבאר רילעישאנס באארד אין וואשינגטאן, איז עמיל שלעזינגער, מיט דער גוטהייסונג פון דער קלאוק דזשאינט באארד, געלונגען צו סעטלען מיט דער פירמע אויף פאלגענדע באדינגונגען:

די פירמע פארפליכטעט זיך צו עפענען אויף דאס ניי א שאפ אין יוניאן סיטי מיט 50 מאשינען און אריינעמען די פריערדיגע ארבייטער. דער שאפ דארף באזארגט ווערען מיט גענוג ארבייט איידער די פירמע קען ארויסגעבען ארבייט אין וועלכען עס איז אנדער שאפ וואס זי האט. איר פעקטארי אין קאלאמביא פענסילווייניא דארף יוניאניזירט ווערען ניט שפעטער פון דעם 15טען יוני דעם זומער.

די וואלן אין דער ניט־גודס ארבייטער יוניאן

די ניטגודס ארבייטער יוניאן לאקאל 155 איז איינע פון די פאר ווייניגע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנעל אין ניו יארק, וואס האט דעם מאנאט געהאט עלעקשאנס. ווי באוואוסט, האבען די מערסטע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנעל אפגעלייגט זייערע עלעקשאנס פאר נעקסטען יאר, ווען עס וועלען דארפען געוויילט ווערען אויך דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל.

וואלטען מיר אונטער נארמאלע אומשטענדען זיך באנוגענט מיט פארעפענטליכען די רעזולטאטען פון דעם עלעקשאן, די נעמען פון די ערוויילטע און די שטימען צאל וואס יעדער פון זיי האט געקראגען, און געווארנשען זיי ערפאלג אין דער שווערער און פאראנטווארטליכער אויפגאבע וואס זיי האבען אויף זיך גענומען צו פארוואלטען די יוניאן.

דער קאמפיין אבער וואס איז אנגעפירט געווארען אין דעם לאקאל פאר די וואלען; די שטארק־אנטקעגנגעזעצטע מעטאדען וואס עס זיינען באנוצט געווארען פון די צוויי צדדים פון דער אדמיניסטראציע און דער אפאזיציע, אין דעם קאמפיין, און די רעזולטאטען פון די וואלען מאכען עס וויכטיג אפצושטעלען זיך דאראויף, ווייל עס ענט־

האַלט אַ וויכטיגע לעקציע פאר די ארבייטער, אַזוי גוט ווי פאר די וואָס ווילען זיין זייערע פירער.

אײדער די וואָלען זיינען פאַרגעקומען, אין דער צייט וואָס דער קאמפיין איז נאָך אָנגעגאַנגען, האָבען מיר זיך צוריקגעהאַלטען פון זאָגען וואָס עס איז, אום עס זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערען ווי אַ פארזוך צו באַאיינפלוסען די רעזולטאטען פאר איין אָדער דעם צווייטען צד. איצט אָבער, ווען די שטימען זיינען שוין אָפּגעגעבען און איבערגעציילט געוואָרען און צו די נעקסטע וואַלען אין דעם לאָקאַל איז נאָך פאַראַן אַ גאַנץ יאָר, מעגען מיר זיך פארגינען צו פאַרנאַנדערגלידערן אָט די מעטאָדען און זייערע רעזולטאַטען.

עס ליגען דאָ פאר אונז סעמפּעלס פון דער קאמפיין ליטעראַטור און צייטונגס־אויסשניטען פון ביידע צדדים. פון איין זייט די האַלטונג פון דער אַדמיניסטראַציע פון מענעדזשער לואיס נעלסאָן און דער עקזעקוטיוו באָארד און זיינע בעאמטע, און די ליפלעטס און ערקלערונגען פון דער גרופּע וואָס האָט אים געשטיצט. פון דער צווייטער זייט די ליפלעטס און ערקלערונגען פון דער קאָמוניסטישער „רענק און פייל" אָפּאָזיציע. וואָס פאר אַ הימעל־הויכער אונטערשייד עס איז צווישען דער האַלטונג פון די צוויי צדדים!

די אָנהענגער פון דער אַדמיניסטראַציע רעדען מיט פאקטען און ציפערן. זיי ווייזען אָן די מיטגלידער אויף די דערגרייכונגען און רעדען אויך וועגען די שוועריגקייטען וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג און וועלכע די יוניאָן האָט געמוזט בייקומען; זיי רעדען פון די שעפער וואָס זיינען דורך די צוויי יאָר אָרגאַניזירט געוואָרען; פון די קאמפּען וואָס די יוניאָן האָט דורכגעמאַכט; פון די צאָל מיטגלידער וואָס זיינען פאַרגרעסערט געוואָרען טראָץ דער שלעכטער צייט און די אינדוסטריעלע שוועריגקייטען; פון דער הילף פאר ארבייטסלאָזע און קראַנקע מיטגלידער וואָס דער לאָקאַל האָט געגעבען. אין דער גאַנצער ליטעראַטור איז נישטאָ קיין דירעקטע פערזענליכע אַטאַקעס אויף קיינעם. עס איז געשריבען אָן גאַל, אָן אינסינואַציעס.

די קאמפיין ליטעראַטור פון דער אָפּאָזיציע, ווידער, איז פול מיט גאַל און אינסינואַציעס; מיט פאלשע פאַרדרייטע פאקטען; מיט העצעס און אָנצוהערענישען וואָס איז איינפאך אַ שאַנדע פאר מענשען וועלכע באַהויפּטען צו זיין אידעאַליסטען און פּלאַפּלען וועגען דער אַנטוויקלונג און אויסבילדונג פון די מיטגלידער. אין איינעם פון די ליפלעטס האָט מען זיך אפילו פאַרגונען אַריינצוואַרפען אַ שטאָך־וואָרט אַז די אַדמיניסטראַציע גיט די ארבייטסלאָזע מצות אויף פסח. אין אַ יוניאָן וואָס האָט אַ מערהייט פון קריסטליכע ארבייטער שמעקט אַזאַ בלבול מיט אַ פאַרזוך אַרויסצורופען ראַסען־ווידערווילען.

די פירער פון דער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציע האָבען אפשר גערעכענט דורך אַזעלכע מעטאָדען צו קענען כאַפּען אַביסעל שטימען. די רעזולטאַטען זיינען אָבער, אַז אפילו אין דעם האָבען זיי זיך אָפּגענאַרט. ווען די שורות ווערען געשריבען, האָבען מיר נאָך ניט ביים האַנד די אָפיציעלע ציפערן וועגען די שטימען וואָס יעדער פון די קאַנדידאַטען האָט געקראָגען. ווען דער נומער „גערעכטיגקייט" וועט גרייכען אונזערע מיטגלידער, וועלען זיי שוין וואַרשיינליך וויסען די אָפיציעלע רעזולטאַטען. איצט אָבער איז שוין קלאָר צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז די אַדמיניסטראַציע איז ווידער ערוויילט געוואָרען מיט אַ מערהייט פון אומגעפער דריי און אַ האַלב צו איינס, און, צווייטענס, אַז די אָפּאָזיציע האָט געקראָגען בלויז די שטימען פון אירע געשוואָרענע אָנהענגער. נעלסאָן, אַלס מענעדזשער קאַנדידאַט האָט געקראָגען 1856 שטימען געגען 563, וואָס זיין געגנער, ראַפּאָפּאָרט, האָט געקראָגען; לעווענסאָן, אַלס פּרעזידענט, האָט געקראָגען 1714 שטימען צו די 547 שטימען פאר זיין געגנער; די קאַנדידאַטען פאר ביזנעס אַגענטען אויפ'ן צעטעל פון דער אַדמיניסטראַציע האָבען געקראָגען פון 1800 ביז 2,000 שטימען און זייערע געגנער האָבען געקראָגען פון 500 ביז 565 שטימען. דאָס זעלבע איז געווען מיט די עקזעקוטיוו באָארד מיטגלידער.

דער רעזולטאַט, אַלזאָ, איז ווי דער ווערטעל גייט: אי ניט פרישע פיש געגעסען, אי געקראָגען געשלאָגען און פון שטאָט אַרויסגעטריבען. פרעגט זיך: לוינט זיך עס אָנצופירען אַזאַ ניט־עטישען קאמפיין פאר אַזעלכע מאָגערע רעזולטאַטען? די מיטגלידער פון אַנדערע לאָקאַלען מעגען דערפון עפּעס לערנען.

קעמפּיין אין קאָסטאָם דרעס טרייד מאַכט פאָרטשריט

ה. דזשייקאָבס, מענעדזשער פון דער קאָסטאָם דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 38, מעלדעט, אַז דער קאַמפּיין וואָס דער לאָקאַל פירט אָן צו אָרגאַניזירען די ארבייטער פון די רייכע פינפטע עווענו סטאָרס האָט אין די לעצטע עטליכע וואָכען געמאַכט גוטען פאָרשריט. אַ גרויסע צאָל ארבייטער פון „סאַקס פינפטע עווענו" און „בערגדאָרף גודמאַן" סטאָרס האָבען זיך לעצטענס אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן. די ארבייטער זיינען שוין איצט מוטיג גענוג צו טראָגען ביי דער ארבייט די יוניאָן באַטאָנס, פילענדיג אַז די יוניאָן איז שטאַרק גענוג צו באַשיצען זייערע דזשאָבס. איין סטאָר האָט פּרובירט אָפּלייגען 4 מיידלעך וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן. זיי האָבען זיי אָבער באַלד צוריקגענומען נאָכדעם ווי די יוניאָן האָט אויפגענומען זייער קעיס. די פּרעסערס פון בערגדאָרף גודמאַן האָבען זיך פאַראייניגט און געקראָגען באַדייטענדע פאַרבעסערונגען. זייערע שוירות זיינען געהעכערט געוואָרען פון אַ דורכשניט פון 35 דאָלאַר אַ וואָך פאר 44 שטונדען ארבייט צו אַ מינימום פון 44 דאָלאַר אַ וואָך פאר פערציג שטונדען ארבייט.

פון זינט פייגעל לעווין האָט איבערגענומען די אויפזיכט איבער דער אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט אין די שעפער, איז זייער פיל אויפגעטאָן געוואָרען. ביי אַ טעאַטער־פּאַרטי וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרען פאר די ארבייטער פון די צוויי פירמעס, וואו ז האָבען געזען „פינס און נידעלס", זיינען די ארבייטער געוואָרען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פאר דער יוניאָן אַז באַלד נאָכדעם האָבען אַלע ארבייטער פון צוויי דעפּאַרטמענטס זיך אָנגעשלאָסען אַלס מיטגלידער פון דער יוניאָן.

לעצטענס האָט דער לאָקאַל געפונען פאר נויטיג אָנצושטעלען נאָך צוויי אָרגאַנייזערס. זיי זיינען איידא אַלטער וועלכע איז פריער געווען מיט לאָקאַל 32 און איירין פאָקס. די שאַפּ־מיטינגען ווערען איצט גוט באַזוכט. ביי אַ מיטינג פון די ארבייטער פון בערגדאָרף גודמאַן זיינען געקומען צוויי הונדערט ארבייטער כאָטש פילע פון די ארבייטער אין סטאָר ארבייטען איצט ניט. צום שאַפּ־מיטינג פאר די סאַקס פינפטע עווענו ארבייטער זיינען געקומען פילע נייע רעקרוטען. די יוניאָן ערוואַרטעט אין גיכען צו זיין אימשטאַנד אויפצופאָדערן די סטאָר אייגענטימער צו קאָנפערענצען וועגען אונטערשרייבען אַגרימענטס.

לאָקאַל 142 באַנייט אַגרימענט מיט פאַרבעסערונגען

די קינסטליכע בלומען ארבייטער אָפּטיילונג פון לאָקאַל 142 האָט דעם מאָנטאָג באַנייט דעם אַגרימענט מיט דער „פלאַוער מאַנופעקטשורערס באָארד אָו טרעיד" מיט פאַרבעסערונגען פאר די ארבייטער.

מענעדזשער טאַוּוים פון לאָקאַל באַריכטעט, אַז אין דעם נייעם אַגרימענט האָבען די קאַטערס געקראָגען אַ העכערונג פון איין דאָלאַר אַ וואָך און די פרעסערס האָבען געקראָגען אַ העכערונג פון צוויי דאָלאַר; אַלע ארבייטער אין טרעיד קריגען באַצאָלט פאר דריי געזעצליכע ימים־טובים אין יאָר. דאָס זיינען וואַשינגטאָנס בוירטה־דעי, לעיבאָר דעי און צו האַלבען טאָג פאר קאָלאָמבוס דעי און עלעקשאָן דעי;

אין דעם אַגרימענט איז אויך איינגעשלאָסען דער פאַרבאָט אויף היים־ארבייט וואָס דער אינדאָסטריעל קאָמישאָנער פון ניו יאָרק סטייט האָט אַרויסגעגעבען מיט דעם באַדינג, אַז אויב דער געזעץ וועט ערקלערט ווערען ניט קאָנסטיטוציאָנעל זאָלען די פאַרשריפטען פון דעם אַלטען אַגרימענט וועגען באַדינגונגען פאר היים־ארבייטער צוריק אַריין אין קראַפט.

דער אַגרימענט ענטהאַלט אויך פאַרבעסערונגען אין דעם סיסטעם פון סעטלען פרייזען פאר די שטיק־ארבייטער אַז זיי זאָלען קענען פאַרדינען דעם מינימום; דאָס רעכט פון דער יוניאָן אונטערצוזוכען אין מאָל אַ מאָנאַט די פּעי־ראָל ביכער פון די פירמעס צו זען אויב זיי צאָלען אין די סאָשעל סעקיוריטי און ארבייטסלאָזע אינשורענס פאר זייערע בעל מלאכות; אַ פאַרבאָט צו מאַכען ארבייט אָדער פאַרקויפען סחורה צו שעפער געגען וועמען אַ לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט דערקלערט אַ סטרייק אָדער האָט אַ סכסוך.

דער אַגרימענט איז גוטגעהייסען געוואָרען פון די מיטגלידער ביי אַ מיטינג אין וועבסטער האָל וואו עס זיינען אָנוועזענד געווען אַרום 1400 מיטגלידער. די קאָנפערענץ קאָמיטע איז באַשטאַנען פון דעם מענעדזשער דזשאָזעף טאַוּוים; ביזנעס אַגענט אַדאָלף בודאַססי, מערי פלעטשער, פעי בראַדי, עלען לעיבאָף, סילוויא קאַסטענבוים, אַדעלין גאָלדמאַן, הערי פלאַמפּין, פרעד סאַנטאַראַ און דזשאָזעף מאַנעטאַ.

לאָקאַל 142 האָט אונטערגעשריבען אָן אַגרימענט מיט א. גערסטענזאַנג נאָך אַ סטרייק פון דריי וואָכען. דער לאָקאַל האָט דורכדעם צוגעקראָגען 150 נייע מיטגלידער וועלכע זיינען צוריקגעגאַנגען צו דער ארבייט אויף יוניאָן באַדינגונגען. דער לאָקאַל פירט איצט אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט צווישען די ארבייטער אין נאָך דריי ניט־יוניאָן שעפער און ערוואַרט אין גיכען צו פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער מיט נאָך דריי הונדערט.

אין איסטערן אוט אָוו טאַון דעפּאַרטמענט

דער איסטערן אוט אָוו טאַון דעפּאַרטמענט אונטער דער פירערשאַפט פון וויס־פּרעזידענט הערי וואַגנער איז אַזוי ענג פאַרבונדען מיט די ניו יאָרקער יוניאָנס וועלכע קאָנטראָלירען די פירמעס פון וואַנען די שעפער אין זיין טעריטאָריע קריגען די ארבייט, אַז יעדע געשעעניש, יעדער קאַמף וואָס ווערט אָנגעפירט אין ניו יאָרק ציט גלייך אַריין די ארבייטער אין די שעפער אונטערן קאָנטראָל פון אוט אָוו טאַון דעפּאַרטמענט. די פאַרבינדונג איז איבערהויפּט שטאַרק מיט דער דרעס דזשאָינט באָארד. עס איז דעריבער נאַטירליך וואָס די לעצטע קאַמפּען וואָס די דרעס דזשאָינט באָארד האָט אָנגעפירט געגען די דזשאָבערס פון דער ביליגער ליין ארבייט, האָט פאַראורזאַכט כמעט אַ גענעראַל סטרייק אין דער טעריטאָריע פון דעם אוט אָוו טאַון דעפּאַרטמענט. די סעטעלמענטס ווידער און די געווינסען און ענדערונגען אונטער די סעטעלמענטס באַרירען דירעקט די ארבייטער אין יענע שעפער.

איבער דעם, האָט דער אוט אָוו טאַון דעפּאַרטמענט איצט זיבען סטרייקס אין שעפער אין פאַרשידענע שטעט. דאָס זיינען שעפער וואָס ארבייטען פאר דזשאָבערס געגען וועלכע די דרעס דזשאָינט באָארד האָט גערופען סטרייקס פאר מאַכען זייער ארבייט אין ניט־יוניאָן שעפער. כאָטש די סטרייקס זיינען שוין באַלד צוויי מאָנאַטען אַלט, שטייען די ארבייטער פעסט און מוטיג און פּיקעטען די שעפער פונקט ווי אין דער ערשטער וואָך.

לויט דעם אָפּמאַך וואָס די דרעס דזשאָינט באָארד האָט געשלאָסען מיט די דזשאָבערס און קאָנטראַקטאָרס, איינצושטעלען שטיק־ארבייט אַלס די איינציגע ארבייטס סיסטעם אין גאַנצען דרעס טרעיד, וועלען אַלע דרעס שעפער וואָס ארבייטער די $1.37 ליין דרעסעס און האָבען ביז איצט געארבייט פון וואָך, אין גיכען אַריבערגיין אויף שטיק־ארבייט. די דרעס דזשאָינט באָארד האָט שוין געמאַכט אַלע נויטיגע אַראַנזשמענטס אָן סעטלען פרייזען מיט די דזשאָבערס אויף דער ליין ארבייט און די וואָכען שעפער דאַרפען דעריבער זיין גרייט מיט זייערע פרייז קאָמיטעס צו קומען סעטלען פרייזען ווען זיי וועלען גערופען ווערען.

אָרגאַניזאַציאָנס דרייוו גייט אָן טראָץ שטערונגען.

דער אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין פון דעם אוט אָוו טאַון דעפּאַרטמענט אין די שעפער אָפּסטעיטס ניו יאָרק, ניו דזשורזי און קאָנעטיקוט, גייט אָן ערפאָלגרייך טראָץ די פאַרשידענע שטערונגען פון די בעלי בתים. די שטערונגען זיינען גאַנץ שטאַרקע. מאַנכע האָבען זיך געווענדעט נאָך אינדזשאָנקשאָנס. טראָץ דעם אָבער ווערט די יוניאָן אין די געגענדען שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. די ארבייטער באַגרייפען שוין אַז די יוניאָן איז זייער איינציגע שוץ געגען די טשיזלערס וועלכע אַנטלויפען פון די יוניאָניזירטע געגענדען אום צו קע־

נען שינדען די הויט פון די ניט־ארגאניזירטע אר־ביטער.

פארהאנדלונגען אין טראי גייען נאך אן.

די פארהאנדלונגען צו באנייען דעם אגרימענט מיט דער „טראיאן מעיד", א טשילדרען דרעס שאפ אין טראי ניו יארק, האבען פארלויפיג ניט געבראכט קיין רעזולטאטען. ביי דער קאנפערענץ האט די פירמע ערקלערט אז זי וויל אנהויבען פראדוצירען אין איר אינסייד שאפ די ביליגע דרעסקעס וואס פארקויפען זיך פאר $4.25 א טוצען, וועלכע זיי האבען ביז איצט ניט געמאכט אין יענעם שאפ און האבען פארגעלייגט זייער נידעריגע פרייזען וואס די פירמע באהויפטעט אז עס ווערט געצאלט פאר דער סארט ארבייט אין אנדערע שעפער. זיי פאדערען אויך א פארקלענערונג אויף די פרייזען פון די בעסערע ליינס ארבייט. באהויפטענדיג אז זיי צאלען העכערע פרייזען פאר די סארטען ארבייט ווי עס ווערט געצאלט אין אנדערע שעפער. די יוניאן האט זיך אנטזאגט נאכצוגעבען די פאדערונגען און זוכט אונטער איצט די פרייזען וואס עס ווערען געצאלט אין אנדערע שעפער אויף די זעלבע ליינס ארבייט.

יוניאן מאנט איין $900 פאר סטרייקער.

ווען די ניו יארק דרעס דזשאינט באארד האט ערקלערט א סטרייק געגען דעם דזשאבער בען מאר־גאליס, 1359 בראדוועי, האט דער אוט או טאון דע־פארטמענט ארונטערגענומען אין סטרייק די ארבייטער פון דער „קאלאן דרעס קאמפאני" פון האדסאן פאלס וואס האבען געארבייט פאר דעם דזשאבער. אייבראהאם בעלסקי, ארגאניזער פון אוט או טאון דעפארטמענט וואס איז געשיקט געווארען אהין אפשטעלען די אר־בייט, איז געלונגען צו פארהאלטען אין דעם שאפ ארום 600 ניט־געפינעשטע דרעסעס, דורך דעם וואס די ארבייטער זיינען אלע ווי איינער ארונטער אין סטרייק. דער דזשאבער האט זיך פרובירט ארויסצו־נעמען די ארבייט פון דער פעקטארי דורך א באפעל פון קאורט. די יוניאן האט אבער די ארבייט פאר־האלטען פאר די שכירות וואס זי האט געמאנט פאר דער ארבייט וואס די בעל מלאכות האבען געמאכט אויף די האלב־פארטיגע דרעסעס. דער סוף איז געווען, אז דער דזשאבער איז געצוואונגען געווען צו באצאלען די ארבייטער 900 דאלאר פאר דער ארבייט.

אינדזשאנקשאן דזשאדזש אין ניו דזשוירזי פארבאט פיקעטען

דער טרויעריג־בארימטער אינדזשאנקשאן דזשאדזש פון ניו דזשוירזי, טשענסלאר בערי, האט ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל, פארבא־טענדיג צו פיקעטען די „לארא ליע דרעס" פון לאנג־ברענטש, ניו דזשוירזי, אויפ'ן גרונט, אז עס איז ניט קיין ארבייטער סכסוך, ווייל די ארבייטער פון דער פאבריק האבען ניט קיין קריוודעס געגען דעם באלעבאס.

עס האט ניט געהאלפען דער יוניאנס אפידייוויטס, אז די „לארא ליע דרעס" איז די הויפט פאבריק פון דער „גלעדיס־קאלען דרעס קאמפאני", פון ניו יארק, וועלכע האט אומיסטען ארגאניזירט די פירמע אום זיך ארויסצו־דרייען פון יוניאן אגרימענט און פטור ווערען פון דעם סטרייק וואס די דרעס דזשאינט באארד האט ערקלערט געגען דער פירמע. טשענסלער בערי האט אויך צוריקגע־וויזען דעם פארלאנג פון דער יוניאן צו נעמען די באַ־אמטע פון דער „לארא ליע" אויף א פארהער אום צו באַ־ווייזען אז די „גלעדיס קאלען" פירמע פינאנסירט איר. דאס, האט דער דזשאדזש גע'פסק'ענט, האט ניט קיין שייכות צום ענין. די יוניאן האט אפעלירט געגען דער אנטשיידונג.

סעטלמענטס

פיר פירמעס האט דער אוט־אוו־טאון דעפארטמענט געסעטעלט דעם מאנאט. די „קארינע דרעס" פון מאונט ווערנאן, וועלכע האט געארבייט פאר די „טשעסטער ספארטסוועאר", א ניט־יוניאן דזשאבער, איז ארונטערגענו־מען געווארען אין סטרייק. נאך 4 וואכען סטרייקען האט דער דזשאבער זיך אנגעשלאסען אן דער אסאסיאיישאן, צוריקגעצויגען די ארבייט פון ניט־יוניאן שעפער און רעדזשיסטרירט דעם יוניאן קאנטראקטאר פון די בראנקס. די ארבייטער פון דער „קארינא דרעס" זיינען דאן צוריק־געגאנגען צו דער ארבייט. די אנדערע 3 שעפער, וואס זיי־נען געסעטעלט געווארען, זיינען: „די קאטאן נעגליזשי" אין יוניאן סיטי; „מאדערן ספארטסוועאר" פון עלמאנט, לאנג איילאנד, און די „מענטאן מאנופעקטשורינג קאמפא־ני" פון סאוט ריווער, ניו דזשוירזי.

אין קאטאן גארמענט טרייד דעפארטמענט

פארביטערטע סטרייקס, ארעסטען, פיקעט־ליינס און סעטלמענטס, זיינען די נייעס פון דעם קאטאן טרייד דעפארטמענט אונטער דער פירערשאפט פון עלייעס רייזבערג דורך דעם פארגאנגענעם מאנאט. אין די ווייט פארשפרייטע געגענדען וואס שטייען אונ־טערן קאנטראל פון דעם דעפארטמענט קאכט עס מיט לעבען און טעטיגקייט.

די שטארקסטע אקטיוויטעט אין די לעצטע פאר וואכען איז אנגעגאנגען אין דעם געגענד פון פאל ריי־ווער מאסאטשוזעטס. א ביטערער סטרייק ווערט דארט אנגעפירט געגען דער „קעיפ קאד דרעס" וואס האט צוויי שעפער, איינעם אין פאל ריווער און איינעם אין פאוטאקעט ראוד איילענד. די פירמע וועלכע באַ־לאנגט צו מייקעל שולקין האט זיך פארמאסטען צו באַ־קעמפען די יוניאן מיט דער הילף פון פאליציי און ארעס־טען. די ארבייטער זיינען געשטאנען פעסט און האבען געהאט הילף און סימפאטיע פון אנדערע יוניאנס. די טים־סטערס יוניאן האט זיך אנטזאגט צו לאזען אירע מיט־גלידער דורכגיין די פיקעט־ליין. צוויי מיטגלידער פון דער מעריטיים ווארקערס יוניאן, וואס האבען פרובירט צוריקהאלטען א סטרייק־ברעכער פון גיין ארבייטען, זיי־נען ארעסטירט געווארען און פארמשפט געווארען צו צוויי מאנאטען טורמע. די יוניאן האט אפעלירט זייער קעיס.

די פירמע, זעענדיג אז עס איז א גאנץ באקוועמע זאך פאר זיי צו לאזען ארעסטירען פיקעטס, האט באלד נאכדעם געלאזט ארעסטירען נאך פיר פיקעטס, פרעד סיעמס און ראוז טראוויס, ארגאניזערס פון דער יוניאן און צוויי סטרייקערס, אנן פינוטשי און אגן סאראט. דאס מאל איז אבער געווען אן אנדער ריכטער וועלכער ווייס וואס סטרייקערס האבען א רעכט צו טאן לויטן געזעץ און ער האט די קלאגען געגען די ארעסטירטע ארויסגעווארפען פון געריכט. די סטריי־קערס האבען באלד נאכדעם פארקלאגט די פירמע דורך דעם לאיער פון דער יוניאן פאר צען טויזענט דאלאר יעדער פאר פאלשען ארעסט און עס איז ארויפגעלייגט געווארען אן אטאטשמענט אויף דער סחורה אין שאפ ביז די פירמע וועט איינלייגען 40,000 דאלאר ביז נאכן טרייעל. צו פארזיכערען אז זי וועט ניט ארויספירען די סחורה, האט דער געריכט אריינגעשיקט אין שאפ פיר „אויפפאסער" צו היטען אז מען זאל קיין זאך ניט רירען. די וועכטער אין שאפ, די פיקעטס אין דרויסען. ארויסשיקען ארבייט האט די פירמע ניט געקענט. האט זי זיך נאך א קורצען געראנגעל געמוזט אונטער־געבען און סעטלען. די פירמע האט זיך צוריק אנגע־שלאסען אן דער אסאסיאיישאן און שלום געמאכט מיט דער יוניאן.

אין דעם סטרייק געגען דער קאפלאן און עלייעס שאפ „סלענדער דרעס" פון וואנסאקעט, האבען די ארבייטער בעסער געלאזט ארויסמופען דעם שאפ איידער גיין ארבייטען אויף די באדינגונגען פון באס. די מער־סטע ארבייטער פון דער פירמע האט די יוניאן ארויפ־געשיקט ארבייטען אויף אנדערע פלעצער. א צאל פון זיי ארבייטען איצטער פאר דער „טאונטאן דרעס" פאר די זעלבע שכירות וואס זיי האבען פריער געקרא־גען.

„די סטאנדארד גארמענט קא." האט אונטערגע־שריבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן פאר איר קאַ־טינג דעפארטמענט אין פאנטיאק נאכדעם ווי די אר־בייטער האבען געשטימט פאר דער יוניאן אין דער אפשטימונג וואס די לעיבאר באארד האט דורכגעפירט. די ארבייטער האבען געקראגען א קלאוזד שאפ, א הע־כערונג פון צוויי דאלאר א וואך, 40 שטונדען און אנ־דערטהאלבען מאל געצאלט פאר אווערטיים. עס איז אויך פארהארגט געווארען פאר ווייטערע פארבעסערונ־גען שפעטער.

סטרייקס אין אנדערע שטעט.

די צוויי הונדערט ארבייטער פון דער „קליין דרעס קאמפאני" פון אליפאנט פענסילוועניע זיינען ארונטער אין סטרייק נאכדעם ווי די פירמע האט כסדר פארבראכען געגען אגרימענט און געזוכט צו שניידען פרייזען. אייב עטקין און טהערעזא א'דאנעל פירען אן דעם סטרייק.

די ארבייטער פון דער „פעגן ספארטסוועאר" אין עלענטאון האבען צוויי טעג געסטאפט פון דער אר־בייט איבער א סכסוך וועגן פרייזען. דער סכסוך איז געסעטעלט געווארען.

אין דער „דאטשעס אנדערגארמענט קאמפאני" פון אלד פארדזש פענסילוועניע, זיינען די 500 אר־בייטער דעם מאנאט ארונטער אין סטרייק נאכדעם ווי די קאמפאני האט מאנאטען־לאנג פארצויגען די פארהאנדלונגען און געזוכט צו פארשלעפען עס ביז נאכן סעזאן. פארהאנדלונגען וועגען א סעטלמענט גייען אן.

צוויי אינטערסטייט קאנפערענצען.

וויס־פרעזידענט רייזבערג מעלדעט, אז דער יערלי־כער אינטערסטייט קאנפערענץ וואס פארטרעטער פון די שעפער אונטער דער יוריסדיקציע פון קאטאן טרייד דע־פארטמענט האלטען אפ, וועט דאס יאר געהאלטען ווערען אין צוויי באזונדערע סעקציעס. דער ערשטער קאנפע־רענץ וועט געהאלטען ווערען אין איסטאן, פא, דעם 15טען און 16טען אפריל. פרעזידענט דובינסקי און א צאל וויס־פרעזידענטען וועלען ביייוואוינען די קאנפערענץ צוזאמען מיט די בעאמטע פון דעפארטמענט און פארטרעטער וואס די ארבייטער פון יעדען שאפ וועלען ערוויילען זיי צו פארטרעטען.

דער צווייטער קאנפערענץ וועט געהאלטען ווערען אין ספרינגפילד, מאסס., דעם 29טען אפריל. ביי בײדע קאנפערענצען וועלען פארהאנדעלט ווערען אינדוסטריעלע און ארגאניזאציאנעלע פראבלעמען וואס באריִרען די אר־בייטער פון די געגענדען.

דאס איז ברעכט זיך אין באסטאן

לויט באריכטען פון פרעזידענט פיליפ קרעימער, מענעדזשער פון דער באסטאן דזשאינט באארד און ראוז פעסעטא, דזשענעראל ארגאנייזער, ווערט עס לעצטענס פיל לעבעדיגער אין באסטאן וועלכע איז אלע מאל באוואוסט געווען אלס די אייביגע שלאכטפעלד מיט אפען שאפערס.

דער ענערגישער און גוט־געפלאנטער קאמפיין וואס די אינטערנעשאנאל פירט דארט אן די לעצטע עטליכע מאנאטען הויבט אן ברענגען רעזולטאטען. אלע מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען לעצטענס געווא־רען טעטיג און לעבעדיג.

אלס באווייז אויף וויפיל באסטאן האט זיך גע־ביטען קען דינען די סעטלמענטס וואס די יוניאן האט געקראגען לעצטענס. דעם צענטען מארטש האט די „מארקוס דרעס", איינע פון די וויכטיגסטע דרעס פירמעס אין באסטאן, אונטערגעשריבען א יוניאן אג־רימענט מיט דער דזשאינט באארד פאר דעם אינסייד און אוטסייד שעפער. די ארבייטער האבען געקראגען א 35 שטונדיגע וואך, שאפ־טשערמאן און פרייז קא־מיטעס, געצאלט פאר לעיבאר דעי און אלע אנדערע יוניאן באדינגונגען, איינגעשלאסען אן אימפארשעל טשערמאן צו שליכטען סכסוכים. אלס אימפארשיל טשערמאן איז באשטימט געווארען דר. בען סעלעקמאן.

די „ליבערטי דרעס" און די „פיוריטאן סקוירט" ביידע פירמעס וואס באלאנגען צו די זעלבע אייגענ־טימער וועלכע האבען באקעמפט די יוניאן פאר די לעצטע 18 יאר, האבען אונטערגעשריבען אגרימענטס מיט דער יוניאן.

דער סעטעלמענט מיט דער פירמע האט ארויס־גערופען גרויס אויפזען אין די יוניאן קרייזען און אין דער אינדוסטרי אין אלגעמיין. די פירמע איז באַ־טראכט געווארען אלס די אנטי־יוניאן פעסטונג דא אין שטאט. זי באשעפטיגט ארום 250 ארבייטער. אין 1928 האט די פירמע ארויסגעקראגען אן אינדזשאנק־שאן געגען דער יוניאן וואס האט אנגעהאלטען גאנצע זיבען יאר. מיט אומגעפער זעקס מאנאטען צוריק האט די פירמע געמאכט א פארשטענדניש מיט די קאטערס העכערענדיג זייערע שכירות. די באציהונגען זיינען געווארען פריינדליכער. דורך דער פולער שטיצע פון די ארבייטער איז די יוניאן צוגעטראטען צו פאר־האנדלונגען וועלכע האבען געפירט צו דעם אגרימענט. אלס רעזולטאט האבען איינציגע אנדערע פירמעס אנגע־הויבען פארהאנדלונגען מיט דער יוניאן.

פארהאנדלונגען צו באנייען דעם אגרי־מענט.

די יוניאן פירט אן פארהאנדלונגען צו באנייען דעם קאלעקטיווען אגרימענט אין טרעיד וואס איז אויסגעגאנגען דעם 15טען פעברואר. אנהויב יאר

האט עס אויסגעזען אז מיר וועלען מוזען רופען א גע־
נעראל סטרייק. די צוגרייטונגען פון דער יוניאן אבער
און דער אפרוף פון די ארבייטער האט די באסעס
ווייכער געמאכט און זיי רעדען איצט אנדערע דבורים.
שאפ־מיטינגען, אונטערהאלטונגען, פיקעט־ליינס ארום
אפען שעפער, די טעטיגקייט פון דעם עדיוקיישאנאל
דעפארטמענט אונטער דער פארוואלטונג פון ווילי פינעא,
האט שנעל איבערצייגט די בעלי בתים אז די יוניאן
איז לעבעדיג און עס איז צו געפערליך זיך אנצוהויבען.
איצט שיינט עס אז דער אגרימענט וועט באנייט ווערען
אן פיל שוועריגקייטען.

בעאמטע ערוויילט.

די וואלען פאר בעאמטע און עקזעקוטיוו באארד
מיטגלידער וואס איז אפגעהאלטען געווארען האט
ארויסגערופען גרויס אינטערעס ביי די מיטגלידער.
די פאלגענדע זיינען ערוויילט געווארען: פיליפ קריי־
מער, אלס מענעדזשער פון דער דזשאינש באארד;
דזשייקאב עימס, אלס טשערמאן; דזשייקאב שניידער,
פרעזידענט פון דער באארד און דירעקטארס; אלס
ביזנעס אגענטען זיינען ערוויילט געווארען: איבערע־
העם ע. האלענפארט, אלפרעד סקאלא און סאלאמאן
וואלאס. פאלגענדע זיינען ערוויילט געווארען אלס
טשערמען פון די לאקאלס: היימאן ניומאן לאקאל
33; דזשעני טשיפלאוויץ לאקאל 46; וואלף ווייגער
לאקאל 56; בענדזשאמין קורלאנד לאקאל 73 און
פעדעריקא בארזא לאקאל 80.

אין דער סאוטה וועסט

די אויפדעקונגען וואס עס זיינען געמאכט גע־
ווארען ביי דעם פארהער פאר דער נעשאנאל לעיבאר
רילעישאנס באארד וועגען די שענדליכע פירונגען פון
דער „פארעסט סיטי מאנופעקטשורינג קאמפאני" פון
סיינט לואיס געגען אירע ארבייטער, האט אויפגע־
טרייסעלט די גאנצע עפענטליכע מיינונג. די פארבי־
סענע אנטי־יוניאן פירמע, איז באוויזען געווארען, האט
אויסגעצאלט שווערע טויזענטער דאלאר צו סטרייק־
ברעכער און שפיאנען אגענטורען; האט איינגעשטעלט
אן אמת'ען טעראר איבער די ארבייטער, און איצט,
אפילו דורך דער צייט פון פארהער, האבען אירע
שפיאנען דורכגעפירט אזעלכע שטוקעס, אז די יוניאן
האט זיך געווענדעט צום דזשאסטיס דעפארטמענט נאך
וואשינגטאן מיטן פארלאנג אריינצושיקען אונטערזו־
כער אום אפצושטעלען זייער טעטיגקייט.

אט ווי מייער פערעלשטיין, אינטערנעשאנאל פאר־
טרעטער אין דער סאוט־וועסט באשרייבט די פארהערען
פאר דער באארד און וואס דארט איז פארגעקומען:

די אלע וויכטיגע קלאגען וואס די יוניאן האט
אריינגעבראכט געגען דער גרויסער ניט־יוניאן פירמע,
איז דורך די פארהערען באוויזען געווארען טראץ די
אפלייקענונגען פון די בעלי בתים. סיימאן ספיצער,
איינער פון די וויכטיגסטע בעאמטע פון דער קאמפא־
ני האט אויפן עדות־שטול, אונטערן קרייץ־פארהער
פון אונזער לאיער, געמוזט צוגעבען אז די קאמפאני
האט באצאלט דער אהגער דעטעקטיוו אגענטור 18,000
דאלאר די לעצטע פאר יאר. ער האט אויך אנדערע
סומען אויף די ביכער ניט געקענט ערקלערען צופרי־
דענשטעלענד אויף וואס זיי זיינען אויסגעגעבען גע־
ווארען.

אפצושוואכען פיל ווייניג דעם איינדרוק פון די
עדות פון דער יוניאן און די באווייזען האט די קאמ־
פאני זיך גענומען שאפען סענזאציעס. גלייך ווי דער
פארהער האט זיך אנגעהויבען האט די קאמפאני דער־
קלערט אז א לאט טייערע דרעסעס אירע זיינען
ארויסגע'גנב'עט געווארען פון א טראק אין וועלכען
מען האט עס ערגעץ געפירט; באלד נאכדעם האבען
זיי ארויסגערופען אלס עדות א פרוי וואס די קאמפאני
האט ארויסגעווארפען פון דער ארבייט און וועלכע האט
פריער עדות געזאגט פאר דער קאמיסיע פאר דער
יוניאן, און די פרוי האט ערקלערט אז זי האט פריער
פאלש געשווארען און די יוניאן און דער פארטרעטער
פון דער לעיבאר באארד האבען איר דערצו געצוואונ־
גען. שפעטער האבען מיר אויסגעפונען אז די נייע
אפידייוויטס פון דער פרוי זיינען אויסגעמאכט געווארען
פון די חברה פון דער שפיאנען אגענטור און אונטער־
געשריבען געווארען אין אפיס פון דער פארעסט סיטי
דרעס קאמפאני. שפעטער האבען זיך געיאוועט צוויי
מיידלעך פרייוויליג וואס האבען דערציילט אז די זעל־
בע פרוי מיט איר מאן האבען זיי געפרווט איינרעדען
אז זיי זאלען אויך אויפטרעטען פאר דער קאמפאני
און געזוכט זיי צוזאמענברענגען מיט א פארטרעטער
פון דער שפיאנען אגענטור. דאס האט שוין קלאר
געמאכט וואס עס האט דער פרוי באוואויגען צו ענדע־
רען איר געשיכטע.

מיט א פאר טעג שפעטער איז א פארלעידי פון
דער פארעסט סיטי ארויסגעקומען מיט א סענזאציע
אז מען האט איר כלומר'שט בארויבט אין גאס און
מען האט ביי איר צוגענומען וויכטיגע דאקומענטען
אין פארבינדונג מיט דעם פארהער און געלט און
צירונג. די פארלעידי שטעלט זיך ארויס איז איינע
פון די הויפט־שפיאנען וואס די פירמע באשעפטיגט אין
איר שאפ. און א מאדנע זאך האט פאסירט. בארויבט
האט מען איר, ווי זי דערציילט, זעקס אזייגער אין
אוונט. געמעלדעט דער פאליציי וועגען דער גנבה האט
זי ערשט אויף מארגען אין דער פרי. אי דאס, איז זי
אליין אין פאליציי־סטיישאן ניט געקומען, נאר סיימאן
ספיצער, איינער פון די פארוואלטער פון דער קאמפאני,
איז געקומען אין דער פאליציי מעלדען.

אזוי איז עס געגאנגען כסדר, סענזאציע נאך
סענזאציע. דאס אלץ האט אבער דער פירמע, דוכט
זיך, ניט געהאלפען. די עדות פון דער יוניאן האבען
די קעיס אויפגעקלערט. עס איז באוויזען געווארען די
גייסטיגע מאטערניש די יסורים וואס די 800 אר־
בייטער פון דער פירמע גייען דורך צוליב דעם שפיא־
נאזש און טעראר פון דער פירמע. איצט ווארטען
מיר אויף דער ענטשיידונג פון דער באארד. דער פאר־
הער איז איצט אונטערבראכען געווארען אין א פארזוך
צו קומען צו א פארשטענדניס מיט דער פירמע. עס איז
מעגליך אז א וועלכע עס איז אראנזשמענט וועט דער־
גרייכט ווערען צו פארענדיגען דעם יארען־לאנגען קאמף.

אדמיניסטראציע פון לאקאל 132 ווידער ערוועהלט

אין דער באטאן און נאוועלטי ארבייטער יוניאן
לאקאל 132 איז דעם צווייטען מארטש פארגעקומען
וואלען פאר בעאמטע און עקזעקוטיוו באארד מיט־
גלידער און די זעלבע אדמיניסטראציע איז ווידער
ערוויילט געווארען.

פאר די וויכטיגסטע עמטער, פרעזידענט און מע־
נעדזשער, זיינען בלויז געווען צו איינציגע קאנדידאטען
און זיי זיינען ערוויילט געווארען מיט דער פאלגענדער
צאל שטימען: העקטאר ט. פיאצא איז ערוויילט גע־
ווארען אלס פרעזידענט מיט 850 שטימען פאר און
104 שטימען דאגעגען; מארטין פעלדמאן, פאר מע־
נעדזשער־סעקרעטאר האט געקראגען 782 פאר און
203 געגען;

אלס ביזנעס אגענטען זיינען ערוויילט געווארען
הערי בערגמאן, לואיס ראזענבלום און דזשעק אדאמס.
פאר רעקארדינג סעקרעטאר איז ערוויילט געווארען
עדווארד קאמעס מיט 401 שטימען. זיין געגנער, בען
פעק, האט געקראגען 338 שטימען. פאר סארדזשענט
עט ארמס איז ערוויילט געווארען קארמעלא טאנטילא
מיט 552 שטימען געגען 292 שטימען וואס זיינען אפ־
געגעבען געווארען פאר דזשעק מאוט וואס איז געלאפען
פאר דעם זעלבען אמט.

די קאנדידאטען פאר עקזעקוטיוו באארד מיט־
גלידער וואס האבען געקראגען די העכסטע צאל שטי־
מען און זיינען דורך דעם ערוויילט געווארען אלס וויס־
פרעזידענטען פון לאקאל, זיינען: מייק לאפעץ פון
דעם פלאסטיק ברענטש; קארמעלא לענזי פון די נא־
וועלטע־דזשולערי אפטיילונג און מאריס פודין פון די
קאווערד באטאן אפטיילונג. די אנדערע ערוויילטע
מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו באארד זיינען: פאר
דעם פלאסטיק ברענטש, סעסיל פרעי, געל אדלער,
דזשאהן פאענדאע, וויליאם פאפאוויץ, אוירווינג באע־
דעק, אהרן סעקאוויץ, דזשאהן טרוגליא און ניק
טשאהיי; פארן נאוועלטי דזשולערי ברענטש: ניק
פאאלושי, דזשאזעף לאדר, עדווארד בענדי, וואלדא
ד'עטארע, וויליאם קרעימער און נייטהען פעלדמאן;
פארן קאווערד באטאן ברענטש: וויליאם בערגער, אל
ניומאן, סעם ארענסטיין, לואיס לאמפערט, אבן סירבא
און ראלף ווייגבערג.

דער סטרייק געגען דער „דע לוקס קאמפאני"
וואס מאכט לעדיס נאוועלטי דזשולערי איז נאך דריי
וואכען סטרייקען געסעטעלט געווארען צו גונסטען דער
יוניאן.

אן ערקלערונג צו די קלאוקמאכער

דעם 28טען דעצעמבער, 1938, האט ברודער נאג־
לער, וועלכער האט געדינט דער דזשאינט באארד אלס
דזשענעראל־מענעדזשער פאר 10 יאר צייט געלאזט ווי־
סען די דזשאינט באארד, אז ער וועט ניט זיין קיין
קאנדידאט פאר ווידער־דערוויילונג, ווייל ער האט בא־
שלאסען צו לויפען אלס מענעדזשער־סעקרעטאר פון
לאקאל 10, פון וועלכען ער איז א מעמבער. די דזשאינט
באארד האט דאמאלסט איבערגעגעבען די ערקלערונג
פון ברודער נאגלער צו דער באארד און דירעקטארס,
וועלכע האט אפאינטעט א קאמיטע, באשטייענדיג פון
די ברידער סילווערמאן, טשערמאן פון באארד אף די־
רעקטארס, רעזניק פון לאקאל 117; קראוז פון לאקאל
9, גארדאן פון לאקאל 23, לא קאסא פון לאקאל 48
און ראש פון לאקאל 82, מיט די אינסטרוקציעס, אז
אידער זיי זוכען א פערזאן פאר דעם אפיס, זאלען זיי
צוערשט פרובירען צו באוועגען ברודער נאגלער'ן צו
בלייבען אין זיין אמט און ווען דאס וועט זיי ניט גע־
לינגען, זאלען זיי דאן רעקאמענדירען א פערזאן אלס
זיין נאכפאלגער.

די קאמיטע וועלכע איז אנפארטריט געווארען מיט
דער וויכטיגער מיסיע האט דורך איר לאנג־יאריגער טע־
טיגקייט אין דער יוניאן געוואוסט אז די פערזאן וואס
זאל קענען פארנעמען דעם אמט פון דזשענעראל־מענע־
דזשער, מוז באזיצען די פיאיגקייט צו קענען פאנאנ־
דערקלייבען זיך אין די פילע פארוויקעלטע און אנ־
געוויסטאגטע פראבלעמען פון אונזער יוניאן, וואס רירען
אן דאס ברויט פון דעם קלאוקמאכער, וואס ער האלט
אין איין פארלירען פון טאג צו טאג. ער דארף אויך
זיין א גוטער אדמיניסטראטאר וואס זאל זיין אימשטאנד
צו פארוואלטען מיט דעם סטעף וועלכער, כאטש ער־
וויילט פון די פארשידענע לאקאלען, ארבייט ער פאר
דער דזשאינט באארד, וועלכע איז די צענטראלע קער־
פערשאפט פון די פארשידענע לאקאלען. פילענדיג אויף
זיך די גרויסע פאראנטווארטליכקייט האט די קאמיטע
גרינטליך אפגעשאצט דעם פערזאנאל פון אונזער יו־
ניאן וועלכער פונקציאנירט אויף פארשידענע געביטען,
און האט באשלאסען צו רעקאמענדירען ברודער דזש.
ברעסלאו, דעם מענעדזשער פון לאקאל 35, אלס קאנ־
דידאט פאר דעם אמט.

קומענדיג צו דעם שלוס איינשטימיג, און וויסענ־
דיג ווי ענג ברעסלאו איז פארבונדען מיט דער מעמ־
בערשיפ פון לאקאל 35, וועמעס פירער ער איז געווען
פאר די לעצטע 25 יאר, האט די קאמיטע באשלאסען
זיך צו ווענדען צו דער עקזעקוטיוו באארד מיט דעם
פארלאנג אז זיי זאלען אים ענטלאסען פון זיין אמט
אלס לאקאל מענעדזשער. די עקזעקוטיוו באארד האט
אים ניט געוואלט ענטלאסען, און דאס איז אויך געווען
די שטימונג צווישען די מעמבערס פון לאקאל 35, ווען
זיי האבען זיך דערוואוסט, אז ברעסלאו ווערט פארגע־
שלאגען אלס דער דזשענעראל־מענעדזשער פון דער
דזשאינט באארד. ניט אכטענדיג אויף דעם אלעמען, האט
די קאמיטע נאך אלץ געהאפט, אז עס וועט איר גע־
לינגען צו באוועגען אים אנצונעמען דעם אמט. דערי־
בער האט די קאמיטע ניט געמאכט קיין פארזוך צו זוכען
קיין אנדער מענטש.

ווען די קאמיטע האט זיך ענדליך איבערצייגט אז
ברודער ברעסלאו קען ניט פארלאזען זיין לאקאלע
אמט, איז זי געקומען צום שלוס אז מען מוז זוכען א
אנדער פערזאן. אבער ביז די געוואונטשטע פערזאן
וועט געפונען ווערען מוז די דזשאינט באארד דערוויל
פארזעצען איר טעטיגקייט און ערפילען געהעריג אירע
פונקציעס. דארום האט די דזשאינט באארד באשלא־
סען, אלס א צייטווייליגען שריט, איבערצוגעבען די פי־
רערשאפט פון דזשאינט באארד צו דריי לאקאלע מע־
נעדזשערס, איזידאר סארקין פון לאקאל 9, איזידאר
נאגלער פון לאקאל 10 און דזש. ברעסלאו פון לא־
קאל 35, וועלכער זאל פונקציאנירען אלס דער טשער־
מען פון דער דרייער קאמיטע, מיט דער מיטהילף פון
ברודער צוקערמאן, פרעזידענט פון דזשאינט באארד,
לעפקאוויטש, אסיסטענט דזשענעראל־מענעדזשער און
מאליסאני, מענעדזשער פון לאקאל 48. דער טשערמאן
פון דער קאמיטע זאל האבען די פולע אויפזיכט איבער
אלעס און אלעמען ביז וואנען א דזשענעראל־מענעדזשער
וועט אויסגעקליבען ווערען. מיט אונזער ערקלערונג צו
די קלאוקמאכער זיינען מיר אויסען אז זיי זאלען געניי
אינפארמירט ווערען וועגען די אורזאכען וואס האבען

אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און אין דעם טרייד

פון לואיס ע. לאַנגער
סעקרעטאַר ניו יאָרק דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכער יוניאָן

ס'איז געווען אַרבייט אין קלאָוק־טרייד אין מערץ. די לאַגע אין די מערסטע שעפּער איז געווען אַ נאָרמאַלע. אין אַ גרויסער צאָל שעפּער איז געווען ביזי, ווערענד אין מאַנכע שעפּער האָט עס „געברענט" ווי אין די גאָר אַלטע צייטען. די אורזאַכע וואָרום אין מאַנכע שעפּער האָט „געברענט" קען מען פיליכט ערקלערען דערמיט וואָס יענע שעפּער האָבען פאַרמאָגט די געהעריגע סטיילס און אויך די וואַרעס וואָס זיינען יעצט אין סטייל, און, ועל כולם, זיי האָבען געקראָגען די נויטיגע וואַרעס אין צייט.

מיר וואָלטען געווען מער ווי צופרידען ווען אין דעם גאַנצען טרייד וואָלט געווען אַ פיבערהאַפטע ביזי, ניט בלויז אַ פּאָר וואָכען פאַר איסטער יום טוב, נאָר אַביסעל פריער. הלואי זאָלען מיר קענען רעדען וועגען מאָנאַט אַפּריל אין באַצוג צו אַרבייט ווי מיר האָבען גערעדט וועגען דעם מאָנאַט מערץ.

***

אַז מערץ האָט כמעט ניט געהאַט קיין שאַפּלאָזע קלאָוקמאַכער, דרינגען מיר דערפון וואָס דער וו. פּ. אַ. קלאָוק פּראָדזשעקט האָט פאַרלאַנגט אַז מיר זאָלען זיי צושטעלען אַרום דרייסיג אַרבייטער, און עס האָט גענומען אַ היבשע צייט ביז עס איז אונז געלונגען צו געפינען און צושטעלען די נויטיגע צאָל מענשען. אין פּעברואַר זיינען געווען גענוג בעלנים אויף וו. פּ. אַ. דזשאָבס, אָבער דאַן האָט מען דאָרט קיין מענשען ניט באַדאַרפט. איצט האָט דער פּראָדזשעקט געפאָדערט פון אונז אַרום 30 אַרבייטער אויסצופילען די פּלעצער פון די וואָס האָבען ענטוועדער אַליין פאַרלאָזט דעם דזשאָב, אָדער זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרען נאָכדעם ווי אַן אונטערזוכונג האָט באַוויזען אַז זיי זיינען געזעצליך ניט באַרעכטיגט צו אַ דזשאָב אין דעם וו. פּ. אַ. פּראָדזשעקט, און עס זיינען ניט געווען פיל בעלנים דאַרויף.

***

עס איז כדאי אָנצואווייזען אַז עס ווערען איצט באַשעפטיגט ווייניגער אַרבייטער אויף דעם וו. פּ. אַ. קלאָוק פּראָדזשעקט ווי אין אָנפאַנג. די אורזאַך איז די רעאַקציאָנערע שטעלונג וואָס דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן האָט לעצטענס גענומען באַצוג צו די וו. פּ. אַ. פּראָדזשעקטס אין אַלגעמיין. וואָס ברייטער די רעאַקציאָנערע כוואַליע פאַרשפּרייט זיך אין קאָנגרעס, אַלץ מער אַרבייטער ווערען אַרויסגעוואָרפען פון די וו. פּ. אַ. פּראָדזשעקטס, און צווישען זיי אויך אַ טייל פון די קלאָוקמאַכער וועלכע האָבען דאָרטען געקראָגען באַשעפטיגונג לעצטען סיזאָן.

אָנגעפאַנגען האָט דער קלאָוק פּראָדזשעקט מיט צוויי שיפטס אַ טאָג, און האָט דערנאָך צוזאַמענגעשטעלט אויך אַ נאַכט שיפט. דער נאַכט־שיפט איז אָבער אָפּגעשאַפט געוואָרען נאָכדעם ווי ער האָט געאַרבייט בלויז איין וואָך. דאָס איז געווען אַ דאַנק דעם באַשלוס פון קאָנגרעס צו שניידען די אויסגאַבען פון דער וו. פּ. אַ.

עס איז דערנאָך געלונגען דער יוניאָן צו פּועל'ן אַז אַ טייל פון די וואָס זיינען באַשעפטיגט אויפ'ן נאַכט־שיפט זאָלען צוגעזעצט ווערען צו די טאָג־שיפטס, אָבער דאָס איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

אויפ'ן קלאָוק פּראָדזשעקט אַרבייט אַצינד בלויז איין שיפט אַ טאָג. דאָס הייסט אַז אין פאַרלויף פון דעם מאָנאַט ווערען באַשעפטיגט צוויי שיפטס. דער שיפט אַרבייט פון 8.30 אין דער פרי ביז 3 נאָכמיטאָג. ווי לאַנג דער שיפט וועט אָנהאַלטען קען קיינער באַשטימט ניט זאָגען, ווייל אַפילו די וואָס שטעהען זעהר נאָענט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער וו. פּ. אַ. ווייסען עס אויך ניט. דער שיפט קען צו יעדער מינוט אָפּגעשאַפט ווערען; און עס איז אויך מעגליך אַז ער זאָל אָנהאַלטען אַ לענגערע צייט.

ווען מיר האָבען לעצטענס באַזוכט דעם פּראָדזשעקט האָבען די קאַטערס ניט געשניטען, און די אָפּערייטאָרס וואָס קענען האַלטען אַ נאָדעל אין האַנט האָבען אַרויסגעהאָלפען די פינישערס. די קאַטערס האָבען זיך אַרומגעדרעהט ליידיג ווייל די וועלפעיר באָארד האָט ניט צוגעשטעלט די וואַרעס וואָס זי האָט פאַרשפּראָכען.

די קאַטערס, כאָטש זיי קריגען באַצאָלט פאַר דער צייט וואָס זיי דרעהען זיך אַרום ליידיג, זיינען זיי דערמיט ניט צופרידען. זיי וואָלטען ליבערשט געוואָלט אַז די וואַרעס זאָלען אַריינקומען און אַרבייטען פאַר די שכירות וואָס זיי קריגען. דאָס זעלבע פיהלען אויך די אָפּערייטאָרס, וועמען מען האָט אויסגעזעצט פינישען. זיי פיהלען זיך אַ סך היימליכער ווען זיי זיצען ביי דער מאַשין, ווייל פינישען איז ניט זייער פאַך.

וויפיל וואַרעס עס וועט אַריינקומען איז נאָך ניט באַשטימט. מען זאָגט אַז די באָארד אָף עסטימייט האָט באַשלאָסען צו קויפען פאַר $20,000 וואַרע. ווי לאַנג עס וועט נעמען איין שיפט אויפצומאַכען די צאָל גאַרמענטס וואָס מען קען פון דער צאָל וואַרע אַרויסקריגען, קענען מיר ניט אויסרעכענען.

***

אין דער אידישער טעגליכער פּרעסע האָבען מיר שוין ערקלערט, אַז די דזשאָינט באָארד ווערט איצט פאַרוואַלטעט פון אַ קאָמיטע באַשטעהענדיג פון איזידאָר סאָרקין, מענעדזשער פון לאָקאַל 9, איזידאָר נאַגלער, מענעדזשער פון לאָקאַל 10, עדוואַרד מאָליסאַני, מענעדזשער פון לאָקאַל 48, ראובן צוקערמאַן, פּרעזידענט פון דזשאָינט באָארד און דזש. ברעסלאַו, מענעדזשער פון לאָקאַל 35, אַלס דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע. די קאָמיטע וועט פונקציאָנירען ביז וואַנען אַ גענעראַל מענעדזשער וועט ערוויילט ווערען. הגם די דזשאָינט באָארד ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ קאָמיטע, איז דער טשערמאַן דעם גאַנצען טאָג אין דעם אָפיס פון דזשאָינט באָארד און די אַרבייט געהט אָן ווי געוויינליך.

ווי לאַנג עס וועט דויערען ביז די דזשאָינט באָארד וועט ערוויילען אַ גענעראַל מענעדזשער הענגט אָפּ אָן געפינען די פּאַסענדע פּערזאָן. וואָלט די דזשאָינט באָארד געקראָגען די ריכטיגע פּערזאָן נאָך דעם ווי די עקזעקוטיוו באָארד פון לאָקאַל 35 האָט ניט געוואָלט ענטלאַסען זייער מענעדזשער, אויף וועלכען די יוניאָן איז געווען איינשטימיג אַז ער איז אַ פּאַסענדע פּערזאָן פאַר דעם אַמט, וואָלט זי אים געווען ערוויילט.

ווי איך האָב שוין אויבען געזאָגט, איז דער טשערמאַן דעם גאַנצען טאָג אין אָפיס. אויב די מעמבערס האָבען קאָמפּליינטס און דענקען אַז זיי דאַרפען קריגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם טשערמאַן פון דער קאָמיטע, געפינט ער זיך אויף דעם פערטען פלאָר פון דער דזשאָינט באָארד אין אָפיס פון גענעראַל מענעדזשער. איך ברענג דאָס צו דער אויפמערקזאַמקייט פון די מעמבערס כדי זיי זאָלען וויסען אַז ווייל מיר האָבען נאָך ניט דעם שטענדיגען מענש פאַר דעם אָפיס, איז די אַרבייט אויף אַ מינוט ניט אָפּגעשטעלט געוואָרען. די יוניאָן שיף זעגעלט אונטער דעם צייטווייליגען קאַפּיטאַן אין דער ריכטונג פון דער פאַרצווייגטער טעטיגקייט, וועלכע די דזשאָינט באָארד האָט אונטערגענומען, וועגען וועלכע די שאָפּ־טשערלייט זיינען אויף דעם שאָפּ טשערמאַן מיטינג דעם 15טען מערץ אינפאָרמירט געוואָרען.

***

דער איינהייטליכער אינדוסטריעלער קאָנטראָל וואָס די דזשאָינט באָארד האָט באַשלאָסען איינצושטעלען, וועגען וועלכען איך האָב גערעדט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", איז שוין איינגעשטעלט געוואָרען. דער איינהייטליכער קאָנטראָל איז ניט קיין „רעוואָלוציאָנערער אַקט" ווי מאַנכע געגנער פּראָבירען איינרעדען די וועלכע זיינען ניט בקי וואָס די יוניאָן איז אויסען מיט דעם פּלאַן פון קאָנטראָל.

מיט דעם יוניפאָרם אינדוסטריעל קאָנטראָל ווערט געצילט צו קאָנטראָלירען דעם האַנדעל, ווייל ווען עס קומט צו קלאָוקס איז דאָס דער עיקר פאַר קלאָוקמאַכער. דער נייער פּלאַן האָט ניט געקענט איינגעפירט ווערען סיידען דער אָרגאַניזאַציאָנס אַפּאַראַט איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען. מען האָט ניט בלויז געדאַרפט בייטען פּלעצער פון אָפיסערס, נאָר מען האָט אויך געדאַרפט יעדען איינעם פון זיי אַסיגנירען די פירמעס וועלכע זיי וועלען דאַרפען קאָנטראָלירען.

דער אַפּאַראַט איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען און די נייע מאַשינערי אַרבייט שוין.

***

נאָך דעם 29טען נאָוועמבער פון לעצטען יאָר האָט דער אידישער אַרבייטער קאָמיטעט, פון וועלכען די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז אַ טייל, באַשלאָסען צו אַרבייטען אַ טאָג פאַר די פּאָגראָם קרבנות פון פאַשיזם און נאַציזם. אַזוי ווי תמיד האָט די דזשאָינט באָארד גוט געמאַכט איר פאַרשפּרעכען און באַשטימט אַז די קלאָוקמאַכער זאָלען אַרבייטען שבת דעם 18טען מערץ פאַר די קרבנות.

עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל אַז די קלאָוקמאַכער ווערען גערופען צו טאָן זייער מענשליכע פליכט צו זייערע מיטמענשען ווען זיי געפינען זיך אין אַן עת צרה. אין די מלחמה יאָרען, ווען די קאָלטשאַקס און פּעטלוראַס האָבען פאַרניכטעט דאָס אידיש פאַרהאָרעוועטע האָב און גוטס, האָבען די קלאָוקמאַכער געהאָלפען די פאַראָרימטגעוואָרענע מענשען מיט שווערע טויזענדער דאָלאַרס. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק, ווען די אידישע אַרבייטער אינסטיטוציעס אין פּוילען האָבען זיך געפונען אויף דעם שוועל פון אונטערגאַנג, האָבען די קלאָוקמאַכער זיי געשטיצט מיט טויזענדער דאָלאַרס.

די געשיכטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, זייט זי איז געוואָרען אַ פאַקטאָר אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, איז זעהר רייך מיט איר הילף וואָס זי האָט געגעבען צו די באַוועגונגען וועלכע דער גורל האָט באַשטימט צו ראַטעווען מענשען פאַר זייער אמונה. וויפיל געלד דער טאָג אַרבייט וועט אַריינברענגען, וועלען מיר ערשט אימשטאַנד זיין צו וויסען אין עטליכע וואָכען אַרום. די ביישטייערונג פון 5, 6 און 7 דאָלאַר דאַרף אַריינברענגען אַ שעהנע סומע געלט.

***

ברודער נאַגלער, ווי די מעמבערס ווייסען שוין, געפינט זיך אַצינד אין זיין נייעם אַמט אַלס דער מענעדזשער פון לאָקאַל 10. דערמיט האָט זיך אָבער ניט געענדיגט זיין טעטיגקייט אין דער דזשאָינט באָארד. ער האָט בלויז געביטען זיין אָפיס, אָבער ניט זיין טעטיגקייט אין דער אַלגעמיינער יוניאָן.

ברודער נאַגלער האָט געדינט דער דזשאָינט באָארד אַלס גענעראַל מענעדזשער 10 יאָר צייט. קיין גענעראַל מענעדזשער, וואָס די דזשאָינט באָארד האָט געהאַט, האָט ניט דורכגעמאַכט אַזעלכע שטורמישע צייטען ווי ער. ער איז געוואָרען גענעראַל מענעדזשער אין 1928, ווען די וואונדען וואָס דער ברודער־קאַמף האָט געבראַכט, האָבען זיך נאָך ניט געהאַט פאַרהיילט. נאָך דעם ברודער־קאַמף איז געקומען דער גרויסער קריזיס און דאָס האָט די יוניאָן נאָך מער אָפּגעשוואַכט. עס האָט זיך דאַמאָלס געפאָדערט ניט נאָר שטאַרקייט דורכצוגעהן דעם שטורם, נאָר אויך זייער פיל טאַקט אום אויפצוהאַלטען דאָס ווייניג־פאַרבליבענע פון דער אַמאָליגער גרויסער, שטאַרקער יוניאָן.

אַלס גענעראַל מענעדזשער האָט נאַגלער אָוועקגעגעבען דער דזשאָינט באָארד דאָס בעסטע וואָס ער האָט אין זיך געהאַט. מיט דעם וואָס נאַגלער איז אַצינד געוואָרען דער מענעדזשער פון לאָקאַל 10, בלייבט ער געקניפּט און געבונדען מיט אונזער דזשאָינט באָארד. ער איז דער פירער פון די קלאָוק קאַטערס, וועלכע זיינען אַ טייל פון דער דזשאָינט באָארד.

אין דעם נאָמען פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד וויל איך אים ווינשען גרויס ערפאָלג אין זיין נייעם פּאָסטען און מיט דעם געהט אויך אַ גוטער וואונש פאַר די מעמבערס פון לאָקאַל 10.

געפירט צו דער באַשטימונג פון דער צייטווייליגער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערקלערונג ווילען מיר אויך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע מעמבערס אַז זיי זאָלען האַנדלען ווי דיסציפּלינירטע יוניאָן לייט און זיך ניט לאָזען פאַרפירען פון פּערזאָנען וועלכע זוכען ביי אַזאַ געלעגענהייט צו כאַפּען פיש אין מוטנע וואַסער. די דזשאָינט באָארד פונקציאָנירט איצט ווי בעפאָר, און דער טשערמאַן פון דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטע, ברודער ברעסלאַו, איז אין דזשאָינט באָארד אָפיס יעדען טאָג, גרייט אויפצונעמען און אויסצוהערען אַלע קאָמפּליינטס און געבען זיי די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט, ביז עס וועט ערוויילט ווערען אַ דזשענעראַל מענעדזשער, וועלכעס, מיר האָפען, וועט געשען אין קורצען.

דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכער יוניאָן,
ראובן צוקערמאַן, פּרעזידענט
לואיס ע. לאַנגער, סעקרעטאַר
מאָריס י. אַשביז, טרעזשורער.

אויפ'ן דרעסמאַכער פראָנט

פון נ. ב. מינקאָף

אַ שווערער קאַמף קומט צו אַ זיגרייכן סוף

דער לעזער וועט אויך אַן אַנדער פּלאַץ אין דעם נומער „גערעכטיגקייט" געפינען אַן אויספירלאַכן באַריכט וועגן דעם אויסגאַנג פון דעם סכסוך צווישען אונזער יוניאָן און די טראַק-אייגענטימער. מיר האָפּען אַז די לעזער פון „דרעסמאַכער פראָנט" וועלען ניט פאַרפעלען צו לייענען דעם באַריכט אום גרינדלאַך צו באַקענען זיך מיט די איינצעלהייטען פון דעם געשלאָסענעם אָפּמאַך. עס וועט זיכער ניט זיין איבערטריבען ווען מיר וועלען זאָגען אַז דער אָפּמאַך וועט אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט אָפּווישען יעדען שפור פון דעם אַזוי-גערופענעם אָפּען-שאָפּ, אין און אויסען שטאָט. דער אָפּמאַך וועט קאָנטראָלירען די באַוועגונג פון יעדען שטיקעל סחורה און יעדען אויפגענייטען בגד. נאַטירליך. ווענדעט זיך עס אַלעס אָן דעם שטרענגען דורכפירען פון די פאַרשידענע פונקטען פון אָפּמאַך. עס קען בלייבען נאָך אַ שטיקעל פּאַפּיר און עס קען פון דעם ווערען אַן אינסטרומענט וועלכער וועט באַשיצען די אינטערעסען פון די קאַרגע 100 טויזענט נפשות, וועלכע מאַכען אַ געמאַטערטען לעבען פון נייען וויבערשע בגדים.

מיר באַטראַכטען דעם אָפּמאַך צווישען דער דזש. באָארד און די טראַק אייגענטימער אלס אַ גרויסען געווינס און מיר באַגריסען די פירערשאַפט און מיטגלידערשאַפט פון אונזער יוניאָן מיט דעם גרויסען געווינס.

לאָקאַל 22 קומט צו הילף אירע אַרבייטסלאָזע מיטגלידער!

מיטוואָך, דעם 15טען מאַרטש, האָט לאָקאַל 22 אָנגעפאַנגען צו רעגיסטרירען אַלע אַרבייטסלאָזע און נויט-באַדערפטיגע מיטגלידער. די רעגיסטראַציע האָט זיך געענדיגט פרייטאָג דעם 24טען מאַרטש.

ווען די שורות ווערען געשריבען גייט נאָך אָן די רעגיסטראַציע. אונז שיינט אָבער אַז די צאָל מיטגלידער וועלכע וועט זיך באַלד האָבען געווענדעט נאָך הילף, וועט באַטרעפען נאָענט צו 1500. די צאָל איז ניט איבעריג גרויס, ווען מען נעמט אין אכט דעם פאַקט, אַז דער לאָקאַל ציילט העכער 26 טויזענט דיוס-צאָלענדע מיטגלידער. מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסען אַז די רעגיסטראַציע איז דורכגעפירט געוואָרען אין סאַמע ברען פון סעזאָן. ווער ווייסט עס ניט אַז ביז מיט עטלאַכע יאָר צוריק האָט מען אין מאָנאַט מאַרטש ניט געקענט געפינען אַן אַרבייטסלאָזען דרעסמאַכער ווען מען וואָלט אים אָפילו געזוכט מיט ליכט. די 1500 מיטגלידער, וועלכע זיינען אַרבייטסלאָז, וועלען זיך מוזען מאַטערען, גאָט ווייסט ווי לאַנג, ביז וואַנען זיי וועלען קריגען אַרבייט. עס איז אויך אָן צווייפעל אַז אויסער די וועלכע האָבען זיך רעגיסטרירט, זיינען דאָ נאָך הונדערטע וועלכע ליידען נויט און דחקות און קענען ביי זיך ניט פועלן צו קומען בעטען אַביסעל הילף.

אום צו העלפען די אַרבייטסלאָזע מיטגלידער, האָט לאָקאַל 22 אָנגענומען אַ באַשלוס אַז יעדער מיטגליד, וועלכער האָט אַ דזשאָב, זאָל ביישטייערן 10 פּראָצענט פון זיינע שכירות פאַר אַ משך פון 2 וואָכען צייט, צו אַ ספּעציעלען פאָנד וועלכער זאָל פאַרטיילט ווערען צווישען אַרבייטסלאָזע און נויט-באַדערפטיגע מיטגלידער, וועלכע וועלען זיך ווענדען נאָך פינאַנציעלער שטיצע. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטער צאָל שטימען, וואָס איז אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר אירגענד וועלכער פראַגע. איבער 8000 מיטגלידער האָבען זיך באַטייליגט אין דער אָפּשטימונג און בלויז אַ הייפעלע מענשען האָבען געשטימט דאַגעגען.

נאָענט צו 300 שעפּער האָבען שוין אַריינגעטראָגען זייערע ביישטייערונגען. אין איינציגע שעפּער, וואו מען אַרבייט נישקאָשעדיק, האָבען די אַרבייטער אַריינגעבראַכט זייערע 10 פּראָצענטיגע פאַר ביידע וואָכען מיט איין מאָל. דאָס האָט ערמעגלאַכט דעם אָפּיס גלייך צו טרעטען צו דער פאַרטיילונג פון די געלדער צווישען די נויט-באַדערפטיגע.

ביי אידען איז אַצינד יום-טוב. רייך און אָרים, באַשעפטיגטע און אַרבייטסלאָזע — אַלע גרייטען זיך צום פסח. אָפילו די צווישען אונז וועלכע האַלטען ניט פון רעליגיע, האָבען זיך ליב משמח צו זיין ביי דער געלעגענהייט, און פסח איז טאַקע אַ יום-טוב, צו וועלכען יעדער פרייהייטס-ליבענדער מענש קען צושטיין מיט'ן גאַנצען האַרצען. יציאת מצרים מעג אין דער מאָדערנער שפּראַך באַטראַכט ווערען אלס די ערשטע „פּראָלעטאַרישע" רעוואָלוציע. אָפילו דער 40-יאָריגער וואַנדער אין מדבר און די קלענערע און גרעסערע מלוכות וועלכע האָבען אָנגעהאַלטען פאַר עטליכע הונדערט יאָר נאָך דער מתן תורה און נאָך משה'ן, קענען ניט אָפּווישען דעם רעוואָלוציאָנערען שפור, וועלכען די מצרים'ער „רעוואָלוציע" האָט איבערגעלאָזען.

די עטליכע צענדליג טויזענד דאָלער וועלכע ווערען די טעג פאַרטיילט צווישען אונזערע אַרבייטסלאָזע און נויטבאַדערפטיגע מיטגלידער — איבערהויפּט די אידישע — וועלען אָן צווייפעל העלפען אַריינברענגען אַביסעל פרייד אין אַ סך הייזער. מען וועט עסען מצה און טרינקען אַביסעלע וויין און פאַרגעסען, כאָטש אויף אַ ווילע, די שווערינקייטען און די גרויזאַמקייטען פון דער שלעכטער צייט, וועלכע מיר מאַכען אַצינד דורך.

די קאָמיטע, וועלכע איז ערוויילט געוואָרען צו פאַרוואַלטען דעם ספּעציעלען פאָנד, באַשטעהט פון די פאָלגענדע: מאַקס מעדווין און גאָלדי וואָלש פון „אַפּליטעד" דיסטריקט; משה קליין און פערל קלייזמאַן, פון „נעשאָנעל" דיסטריקט; סעם מאַלקין און אַלעקסאַנדער מאָדעל, פון „פּאָפּיולאַר" דיסטריקט; סיו סטאַירן, וויליאַמסבורג; העלען בינדער, באָראָ פּאַרק; סאַראַ ראַטקין, בראַנזוויל; דזשאָזעף ראַובוואָגעל, בראָנקס, און מייער בעילאָוויץ, טילי בילגאָר, עלדיקא ריידי, פּערל האַלפּערין, סעראַפּין וואַסקוועז, מאָריס סווידער, דאָראַ זוקער, מאַקס לייק און דאָראַ זוקער, פון דער עקזעקוטיוו באָארד.

מיר טאָרען ניט פאַרגעסען!

עס קומט אַ גרויסען דאַנק אונזער שוועסטער פּאַניאַ קאָהען, סעקרעטערין פון אינטערנעשאָנעל בילדונגס דעפּאַרטמענט, פאַר איר יערלאַכען יזכור נשמות איבער די 146 קרבנות, וועלכע זיינען אומגעקומען אין דער טראַגישער שרפה פון דער „טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני" דעם 25טען מאַרטש, 1911.

ווען ניט שוועסטער קאָהען'ס אַרטיקלען — אַמאָל לייַנגערע און מעהרסטענס קורצע — וואָלטען אָפילו אונזערע עלטערע מיטגלידער איינגאַנצען פאַרגעסען אַן יענער שרעקליכער טראַגעדיע, וועלכע האָט אויפגעטרייסעלט די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג.

נאַטירלאַך, איז גלייכער און מער אָנגענעם אַז מען שרייבט און מען רעדט וואָס וויניגער וועגן אַזאַ פּאַסירונג. עס לעבען נאָך אַ היבשע צאָל עלטערן און קרובים פון די אומגעקומענע, היינט צו וואָס זאָל מען אויפעפענען אַלטע וואונדען?

אונז שיינט אָבער אַז ניט אַלע מאָל איז די „גלייכע און אָנגענעמע" זאַך, די ריכטיגע זאַך. גיט, למשל, אַ פרעג די דורכשניטליכע מיטגליד פון לאָקאַל 22, ווי לאַנג איז עס זינט די טירען אין אונזערע שעפּער ווערען געהאַלטען אָפען אַ גאַנצען טאָג? ווי לאַנג איז עס זינט עס איז פאַרבאָטען צו האָבען הילצערנע און ניט באַלויכטענע טרעפּ אין די קאָרידאָרען פון אונזערע פאַבריק געביידעס? ווייסט איר וואָס דער ענטפער וועט זיין? „זינט די יוניאָן איז אָרגאַניזירט". און אַזוי ווי די מערסטע מיטגלידער פון דער יוניאָן זיינען אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע אין גרויסען ג. ר. א. סטרייק, מיינען זיי דערמיט זינט דעם יאָר 1933.

צום באַדויערען ווייסען ניט פילע פון אונזערע מיטגלידער, אַז דער פונדאַמענט פון אונזער יוניאָן איז געלייגט געוואָרען מיט 24 יאָר איידער אָט די נאָוואָבראַנצעס זיינען מיט'ן שטראָם פון דער ג. ר. א. אַריין אין אונזער אָרגאַניזאַציע; אַז פאַר די מענשלאַכע באַדינגונגען אונטער וועלכע אונזערע מיטגלידער אַרבייטען אַצינד, האָבען די פּיאָנערען פון אונזער יוניאָן טייער באַצאָלט מיט שווערער אַרבייט, מיט קלעפּ פון ברוטאַלער פּאָליציי, מיט דיסקרימינאַציע פאַר יוניאָן אַקטיוויטעט; בעסער באַקאַנט אונטערן אַמעריקאַנער אויסדרוק „די בלעקליסט", און פאַר דעם האָבען 146 יונגע פרויען באַצאָלט מיט זייערע לעבענס אין דעם „טרייענגל פייער".

ווען די טויזענדער נייע מיטגלידער וואָלטען געווען אַביסעל מער באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָלט מען זיך אפשר אַנדערש באַציגען צו די עלטערע דרעסמאַכער, וועמעס הענט און פיס זיינען שוין ניט אַזוי פלינק ווי זיי זיינען געווען מיט 20 און 30 יאָר צוריק און פאַר וועמען עס איז שווער, זעהר שווער, צו קריגען און צו האַלטען אַ דזשאָב. וואָלט אפשר די גאַנצע באַציאונג צו דער יוניאָן געווען אַן אַנדערע.

מיר דערמאָנען זיך אָן אַזאַ אינצידענט. דאָס איז געווען אין יאָר 1908. דער שרייבער פון די שורות איז געווען אַ שול-אינגעל און האָט געהאַט אַ נאָכמיטאָג דזשאָב ביי אַ פעדלער אין דער פאַבריק געביידע פון 71 פּייק סטריט. דאָס איז געווען אַ 7-שטאָקיגע פייער-פּאַסטקע, וועלכע איז באַשטאַנען פון קלאָוק און ווייסט שעפּער. מיר האָבען אַרויסגעהאָלפען דעם פעדלער מיט שלעפּען סאַפּאָנען סעלצער און פרישע קיכלאַך צו די אַרבייטער אין די שעפּער. אַ געוויסען נאָכמיטאָג האָבען מיר זיך אַליין אַרויסגעלאָזט אויפ'ן „ראַוט" און האָבען זיך געלאָזט געהן אין אַ נייעם שאָפּ, וואוהין אונזער בעל הבית האָט ניט געוואַגט אַריינצוגעהן. דאָס איז געווען אַ גרויסער ווייסט-שאָפּ, וואו עס האָבען געאַרבייט קרוב צו 100 מיידלאַך. שוין ביים אַריינגאַנג האָבען מיר באַמערקט אַז עפּעס איז דער שאָפּ אַנדערש פון אַלע אַנדערע. די שטילקייט האָט אויף אונז אָנגעוואָרפען אַ פחד. איין מיידעל האָט אַ וואונק געטאָן און געזאָגט „מען טאָר ניט", אַן אַנדערע איז בגנבה צוגעגאַנגען, געקויפט אַ קיכעלע פאַר אַ פּעני, האָט עס אַריינגעלייגט אין קעשענע און האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגען. אויף איר קוקענדיג איז נאָך אַן אַרבייטאָרין צוגעקומען און געבעטען אַ גלאָז וואַסער. אָבער איידער מיר האָבען אויסגעפּיעט אָנצופילען די גלאָז האָט זיך פון הינטער אַ קאַסטען דערהערט אַ מענערשע שטימע און באַלד איז צוגעלאָפען אַ מאַן, וועלכער האָט אַרויסגעריסען די גלאָז וואַסער פון אונזערע הענט און דאָס אויסגעגאָסען אין פּנים פון דער מיידעל וואָס האָט געוואָלט זיין אונזער קונה, און אַרויסכאַפּענדיג דעם קאָשיקעל מיט די קיכלאַך פון אונזער האַנט האָט ער עס אַ שמייס געטאָן אויפ'ן דיל, האָט אונז צוגעשלעפּט צום טיר און האָט אויסגעשריען: „דאָ טרינקט מען ניט, דאָ עסט מען ניט, דאָ אַרבייט מען".

איבער 30 יאָר זיינען זינט דאַן פאַרלאָפען. אָבער די מעשה לאָזט זיך ניט פאַרגעסען. וואָלט אַזאַ זאַך געקענט פּאַסירען אין אונזערען אַ שאָפּ היינט? געוויס ניט. יעס, ליבער לעזער, פאַר יעדען שטיקעל פרייהייט וואָס מיר האָבען היינט, האָבען אונזערע אַמאָליגע בויער און טוער באַצאָלט אַ האַרבען מקח. עס איז אונזער חוב צו האַלטען טייער דאָס וואָס מיר האָבען געירשענט; אַלע מאָל קעמפען און שטרעבען פאַר אַ שענערען און גרינגערען לעבען, אָבער קיין מאָל ניט פאַרגעסען די וועלכע האָבען דעם פונדאַמענט געגראָבען און די ערשטע ציגעל געלייגט פאַר דער פּראַכטפולער געביידע וועלכע רופט זיך — דרעסמאַכער יוניאָן.

קלאָוק אָפּערייטאָרס

שבת אָוונט, דעם 15טען אַפּריל, 1939, וועט דער קלאָוק אָפּערייטאָרס לאָקאַל 117, ברענטש 401, אַרבייטער רינג, פייערן זיין פיר יאָריגען יובילײ, מיט אַ באָל, אין דעם שעהנעם, גרויסען זאָל פון סענטראַל פּלאַזאַ, 111 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק.

דער איינקונפט גייט פאַר דעם צוועק צו שאַפען אַ פאָנד צו העלפען אונזערע קראַנקע מיטגלידער.

איר וועט אַלע פאַרברייגען אַן אמת פריילאַכען אָוונט, צוזאַמען מיט אייגענע און באַקאַנטע, איר אויך אייערע פאַמיליעס.

ביי דער געלעגענהייט ציהען מיר די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע קלאָוק אָפּערייטאָרס, וואָס זיינען נאָך ניט קיין מיטגלידער אין אַרבייטער רינג, אַז זיי דאַרפען אַלע זיך אָנשליסען אלס מיטגלידער און ווערען אַ טייל פון דעם גרעסטען אידיש-ראַדיקאַלען פראַטוירנאַל אָרדען. איר, אייער פרוי און קינדער קענט דאָרט זיך אויסלעבען אין אַ ראַדיקאַלער, קולטורעלער און געזעלשאַפטליכער אַטמאָספערע, יעדער איינער אויף זיין שטייגער, און דערביי אויך געניסען פון די בענעפיטען וואָס דער אַרבייטער רינג איז דער איינציגער וואָס האָט אַזעלכע בענעפיטען און אינסטיטוציעס איינגעפירט; ער האָט עס געשאַפען און געבויט פאַר דעם נוצען און וואוילזיין פון זיינע מיטגלידער.

פאַרגעסט ניט: אונזער באָל איז דעם 15טען אַפּריל. מאַכט ניט קיינע אַנדערע באַשטימונגען. איר וועט זיך גוט אַמוזירען און וועט דערביי אויך אונז העלפען שאַפען דעם פאָנד פאַר אונזערע ברידער, די קלאָוק אָפּערייטאָרס פון אונזער טרייד, וואָס באַלאַנגען אין אַרבייטער רינג.

די אַראַנדזשמענטס קאָמיטע.

ג. קאַטעל, סעקרעטער.

ביי אונז אין שיקאגא

פון וויס-פרעזידענט מארים ביאלים

דער אגרימענט מיט די בעלי בתים אין דער דרעס-אינדוסטרי איז אויסגעגאנגען דעם 28טען פעברואר. אונטער נארמאלע באדינגונגען וואלטען די קאנפערענצען זיך אנגעהויבען מיט עטליכע וואכען פריהער, איידער דער אגרימענט איז אויסגעגאנגען. צוליב דעם אבער וואס מיר זיינען פארוויקעלט געווארען פלוצלונג מיט דעם סטרייק געגען „הוירש און סאן", וועלכער האט אונז געהאלטען ביזי דורך די מאנאטען יאנואר און פעברואר, זיינען מיר געצוואונגען געווען אפצולייגען די פארהאנדלונגען אין דרעס טרייד. ביז איצט האבען מיר שוין געהאט דריי קאנפערענצען מיט די בעלי בתים. ווען די שורות ווערען געשריבען האלטען מיר נאך אבער גאנץ ווייט פון א פארשטענדיגונג. די אורזאך איז וואס סיי די יוניאן און סיי די אסאסיאיישאן זוכען ענדערונגען אין דעם אלטען אגרימענט.

מאנכע רעדען ביי אונז וועגען דעם וואס אין ניו יארק איז א קאלעקטיוו אגרימענט אין דער דרעס אינדוסטרי באניט געווארען פרידליך מיט וויניג ענדערונגען. די באדינגונגען אין די צוויי פלעצער זיינען אבער פארשידען. ביי אונז אין שיקאגא, ווען מיר האבען אונטערגעשריבען דעם אלטען אגרימענט מיט דריי יאר צוריק, האט עס אויסגעזען אז עס וועט ארבייטען. דורך דער צייט האבען מיר אבער אויסגעפונען, אז פילע פארשריפטען פון אגרימענט האבען ניט געארבעט צופרידענשטעלענד פאר דער יוניאן. די מאשינערי וואס דער אגרימענט האט איינגעשטעלט צו סעטלען פרייזען פאר דער ארבייט, צום ביישפיל, האט זיך ארויסגעוויזען זייער ניט צופרידענשטעלענד. לויט דער אראנזשמענט פלעגען די בעל מלאכות אנהויבען ארבייטען אויף נייע גארמענטס און די פרייז קאמיטע פלעגט סוף וואך מאכען א פארזוך צו סעטלען א פרייז פאר'ן סטייל. ווען זיי האבען זיך ניט געקענט אייניגען, פלעגט עס איבערגעגעבען ווערען צום ביזנעס אגענט פון דער יוניאן מיט א פארטרעטער פון דער אסאסיאיישאן; אויב אויך זיי האבען ניט געקענט איינשטימען פלעגט אריינגערופען ווערען א קאמיטע פון צוויי דייטיגע מענטשען, איינער פון דער יוניאן און איינער פון דער אסאסיאיישאן, צו סעטלען דעם פרייז. ווען נאך אלע איבסטאנצען האט מען זיך אלץ ניט געקענט אויסגלייכען האט מען די פראגע געדארפט איבערגעבען צו אן אומפארטייאישען פארמיטלער. אויף וועמען ביידע צדדים זאלען זיך אייניגען. דער פארמיטלער האט געדארפט זיין א מענטש וועלכער איז גוט באקאנט מיט דער אינדוסטרי, און מיט דער פראדוקציע פון דרעסעס און אבסאלוט אומפארטייאיש. ער האט געהאט דאס רעכט ארויסצוגעפינען אלע פאקטען, לאזען מאכען טעסטס אדער באנוצען וועלכע עס איז אנדערע מעטאדען פעסטצושטעלען דעם פאסיגען פרייז וואס מען דארף צאלען פאר דער ארבייט און זיין ענטשיידונג האט געדארפט זיין בינדענד פאר ביידע צדדים.

וואלט עס אלץ געווען גוט און וואויל. די צרה איז בלויז געווען וואס מען האט ניט געקענט געפינען אזא מענטשען דורך די דריי יאר, וואס זאל זיין גוט באקאנט מיט דער אינדוסטרי, זאל זיין אבסאלוט אומפארטייאיש און, וואס איז וויכטיגער פון אלץ, זאל האבען די אכטונג און צוטרויען פון ביידע צדדים. ניט האבענדיג אזא מענטשען איז דער רעזולטאט געווען אז די ארבייטער האבען געארבייט אויף ניט געסעטעלטע סטיילס א האלבען-לאנג וואס עס האט זיי געבראכט קליינע פארדינסטען און שאפ-סטאפעדזשעס. די יוניאן פאדערט דעריבער אז אין דער צוקונפט זאלען פרייזען אויף דרעסעס מוזען געסעטעלט ווערען ניט שפעטער ווי איין טאג נאך דעם ווי די ארבייטער הויבען זיי אן מאכען און אויב מען קען זיך ניט אייניגען, זאלען די ארבייטער האבען דאס רעכט צו ענטזאגען זיך ארבייטען אויף דעם סטייל ביז א פרייז וועט געסעטעלט ווערען. די יוניאן האט אויך פארלאנגט אז עס זאל געמאכט ווערען אן ערנסטער פארזוך צו געפינען א פאסיגע פערזאן פאר א פרייז ארביטרייטאר. די אסאסיאיישאן האט ביז איצט צוריקגעוויזען אט דעם פארלאנג. אזוי ווי אבער אויך זיי באגרייפען אז ווי עס האט געארבייט ביז איצט קען עס ווייטער ניט אנגיין, האבען זיי פארגעשלאגען אז פרייזען פאר דער ארבייט זאל מוזען געסעטעלט ווערען איידער מען הויבט אן ארבייטען אויף דעם סטייל. דאס קען מאנכע אויסזען א גאנץ גוטער פארשלאג, אבער די וואס זיינען באקאנט מיט דער סארט ארבייט וואס מיר האבען אין שיקאגא וועלען פארשטיין פאר וואס אונזערע דרעסמאכער זיינען ניט באגייסטערט פאר אזא פארשלאג. די ארבייט דא איז ארום 90 פראצענט אויף די 10.75 דאלער ליין און העכער. אויף די סארטען ארבייט איז זייער שווער צו סעטלען א פרייז איידער די בעל מלאכות האבען געמאכט דעם גארמענט און וויסען ווי לאנג עס נעמט אויפצומאכען.

די אנדערע פאדערונגען וואס די יוניאן שטעלט צום נייעם אגרימענט זיינען:

1) יעדער שאפ זאל מוזען באשעפטיגען קאטערס און די גאנצע ארבייט פון צושנידען זאל מוזען געמאכט ווערען בלויז פון מיטגלידער פון לאקאל 81. ביז איצט האבען בעלי בתים וואס האבען וויניגער ווי זעקס מאשינען ניט געמוזט באשעפטיגען קיין קאטערס. אפילו דארט וואו זיי האבען יא באשעפטיגט א קאטער פלעגט איינער פון די בעלי בתים אויך העלפען שניידען. דער רעזולטאט איז געווען אז מיר האבען דא כסדר געהאט ארבייטסלאזע קאטערס אפילו אין צייטען ווען אין טרייד איז געווען ביזי.

2) מיר פאדערען ענדערונגען אין אגרימענטס צו באשיצען ארבייטער וואס ווערען באשעפטיגט אין די קאנטראקטינג שאפס און קריגען פאר זיי בעסערע באדינגונגען. מיר פאדערען אויך א העכערונג אויף די שכירות.

3) מיר פאדערען אנערקענונג פאר די פעטערען מאכער פון לאקאל 74. מיר פארלאנגען אז די אסאסיאיישאן זאל אונטערשרייבען מיט זיי אן אגרימענט.

וואס פון די פארהאנדלונגען וועט ארויסקומען, וויסען מיר נאך פארלויפיג ניט. עס הענגט אין גאנצען אפ אן דער שטעלונג פון די בעלי בתים.

מיר קריגען בעק-פעי פאר ארבייטער

לעצטען סעזאן האבען מיר געמאכט א פארשטענדיגונג מיט „האמער סייסעס", א קלאוק דזשאבער, ארונטערלאזענדיג די פרייזען אויף שטיק ארבייט פאר א גאראנטי, אז ער וועט זיי געבען 16 וואכען ארבייט דעם סעזאן. די פירמע האט ניט ערפילט איר פארשפרעכען און מיר האבען געפאדערט בעק-פעי פאר די ארבייטער. ווען די פירמע האט אנטזאגט אונזער פאדערונג האבען מיר די קעיס איבערגעגעבען דעם לאיער פון דער יוניאן, פעטער זוסמאן צו פארקלאגען די פירמע אין געריכט. דער סיכסוך איז ענדליך געסעטעלט געווארען ווען די פירמע האט איינגעשטימט צוריקצאלען די ארבייטער אכט הונדערט דאלער. א העלפט האט זי שוין באצאלט און מיר האבען עס אויסגעצאלט צו די דרייסיג בעלי מלאכות וואס האבען דארט געארבייט. די צווייטע העלפט דארף די פירמע אין גיכען באצאלען.

מיר האבען אויך אויפגעמאנט 290 דאלער פעי פאר צוויי ארבייטער פון דער „קלינטאן גארמענט קאמפאני" פון קלינטאן, אייאווא, וועמען די פירמע האט אנטזאגט פאר יוניאן טעטיגקייט. דורך די לעצטע עטליכע מאנאטען האט די אינטערנעשאנאל דארט אנגעפירט אן ארגאניזאציאנס קאמפיין. די פירמע האט דאן אנטזאגט פון דער ארבייט פעני ריעלי און מעריאן בערגערמאן פאר זיין אקטיוו אין דער יוניאן. אונזערע ארגאניזירערס הערי רופער און רעי בלאטיאו האבען די פירמע פארקלאגט פאר דער לעיבאר רילעישאן באארד און די פירמע האט ענדליך געסעטעלט, צוריקנעמענדיג די צוויי מיידלאך צו דער ארבייט און באצאלט פעני ריעלי 165 דאלער און מעריאן בערגערמאן 125 דאלער בעק-פעי פאר דער פארלארענער צייט. די פירמע האט אויך געמוזט אויפהענגען אין שאפ א מעלדונג, אז זי וועט ניט שטערען די ארבייטער ארגאניזירען זיך און אנשליסען אן דער יוניאן.

פון יוניאן-לעבען אין לאס אנדזשעלעס

פון ה. רובינשטיין

ווי אזוי צו ארגאניזירען די גרויסע צאל דרעסמאכער אין לאס אנדזשעלעס, איז די וויכטיגסטע פראבלעם וואס אונזער יוניאן האט פאר זיך היינט צו טאג.

דער קאלעקטיווער אגרימענט וואס מיר האבען דא אין דרעס טרייד, גייט אויס דעם ערשטען יולי. איבער פארשידענע אורזאכען איז די דרעס אינדוסטרי דא אין שטאט ניט ארגאניזירט און געפינט זיך אין א דעמאראליזירטען צושטאנד. ווען מיר האבען אין 1936 אונטערגעשריבען דעם איצטיגען אגרימענט, זיינען געבליבען א טייל וויכטיגע שעפער אויסער דעם יוניאן-קאנטראל. מיר האבען געהאפט אז עס וועט אונז געלינגען די שעפער ארגאניזירען איינציגוויז שפעטער. צום באדויערן, איז די לאגע געווען זייער ניט גינסטיג דורך די פארגאנגענע דריי יאר. די אלגעמיינע אינדוסטריעלע לאגע אין לאנד; די ספעציפישע באדינגונגען אין טרייד אין לאס אנדזשעלעס; די רעאקציאנערע ארגאניזאציעס אין אונזער שטאט וועלכע באקעמפען יעדען פארזוך צו יוניאניזם; דער געזעץ געגען פיקעטינג, דאס אלץ האט געמאכט שווער עפעס צו דערגרייכען. דערצו נאך האבען זיך ביי אונז ניט געהאלטען קיין ארגאניזירערס. צוויי מענשען זיינען אנגעשטעלט געווארען אויף דער ארבייט איינער נאכן צווייטען און ביידע זיינען ארויס אין בלויז עטליכע מאנאטען. מיר זיינען געבליבען אן אן ארגאניזירער. פארשטייט זיך אז די געווינליכע בעאמטע וועלכע האבען געמוזט זייער מערסטע צייט אפגעבען אויף דרטינער ארבייט, האבען קיין סך ניט געקענט אויפטאן.

דער פאקט וואס א גרויסע צאל שעפער זיינען געבליבען ניט ארגאניזירט, האט נאטירליך געהאט אויך א שעדליכע ווירקונג אויף די יוניאן שעפער. די יוניאן האט געמוזט נעמען אין אנבאטראכט דעם אומשטאנד פון דער קאנקורענץ פון די ניט-יוניאן שעפער ביים ענפארסען דעם אגרימענט. דאס האט ארויסגערופען אומצופרידענהייט ביי געוויסע מיטגלידער וועלכע האבען ניט געקענט קריגען אלץ וואס זיי האבען ערווארטעט ווערענדיג מעמבערס אין דער יוניאן.

דער פועל יוצא פון דעם אלעם איז, אז איצט ביים באנייען דעם אגרימענט מוז אונזער יוניאן פאקטיש אנהויבען בויען אויף דאס ניי. מיר מוזען ארגאניזירען דעם דרעס טרייד. אונזער דזשאינט באארד האט דעריבער באשלאסען אנצואווענדען איר גאנצע ענערגי פאר דער ארבייט. די פראגע איז בלויז: וואו נעמט מען גוטע, פיהיגע ארגאניזירערס? מיר האבען שוין אליין געזוכט און זיך אפילו געווענדעט אין ניו יארק מיט א פארלאנג. עס ווייזט אבער אויס, אז אויך אין דער גרויסער שטאט ניו יארק איז נישטא קיין איבערפלוס אין גוטע ארגאניזירערס.

באין ברירה האבען מיר דערווייל איינגעשטעלט א גרויסע ארגאניזאציאנס קאמיטע פון קלאוק און דרעסמאכער און וועלען אפשר ארויסנעמען פאר א קורצער צייט א פאר פיהיגע מיידלעך פון די שעפער און זיי אנשטעלען אויף דער ארבייט אונטערן אויפזיכט פון אונזער רעגולערען סטאף. מיר ערווארטען נאטירליך די הילף פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער ארבייט. עס וואלט געווען צופיל צו ערווארטען אז די קלאוקמאכער אונזערע אליין זאלען טראגען די גאנצע לאסט פון דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין אין דרעס טרייד וועלכער איז גרעסער ווי דער קלאוק טרייד. די אינטערנעשאנאל האט אונז אלעמאל געהאלפען און מיר זיינען זיכער אז אין דעם קאמפיין וועט איר הילף זיין אויף א פיל גרעסערען מאסשטאב.

מיר אפעלירען צו אונזערע קלאוק און דרעסמאכער צו טאן זייער פליכט אין דעם קאמפיין. דרעסמאכער פון די יוניאן שעפער ווערען אויפגעפאדערט צו קומען צו די מיטינגען און העלפען אין דער ארבייט פון ארגאניזירען זייער טרייד. די וועלכע ארבייטען אין ניט-יוניאן דרעס שעפער דארפען זיך גלייך אנשליסען אן דער יוניאן. זיי מוזען באגרייפען אז ווי ניט צופרידענשטעלענד עס זיינען פארלויפיג די באדינגונגען אין די יוניאן שעפער איז עס הימעל-הויך איבער די קלעגליכע באדינגונגען וואס עס הערשען אין די ניט-יוניאן שעפער. שוין אפגערעדט וואס די באדינגונגען אין דער גאנצער אינדוסטרי וועלען נאטירליך פיל פארבעסערט ווערען אויב און ווען די גאנצע אינדוסטרי וועט ארגאניזירט ווערען.

צו די קלאוקמאכער, איז דענק איך, איבעריג צו רעדען. זיי וויסען ווי וויכטיג עס איז פאר זיי צו העלפען

מאנטרעאלער קלאוקמאכער ארבייטען דעם ערשטען אפריל פאר פליכטלינגע

מאנטרעאלער קלאוקמאכער, סיי די אידישע און סיי די קריסטליכע, האבען אויף א ווארימען אופן זיך אפגערופען צו טאן זייער פליכט פאר די פליכטלינגע פון אייראפע, די קרבנות פון פאשיסטישע און נאצישע פארפאלגונגען.

די קלאוקמאכער פון מאנטרעאל וועלען דעם ערשטען אפריל ארבייטען פאר די פליכטלינגע. דאס וועט זיין א שבת'דיגער טאג. זיי וועלען ארבייטען 8 שעה אויפן באזיס פון „טיים-ענד-העף". קריגענדיג באצאלט פאר 12 שעה וועט א דריטעל פון דעם לוין גיין פאר די ארבייטער און די אנדערע צוויי דריטעל, דאס איז דער לוין פאר 8 שעה, וועט גיין פארן פאנד צו העלפען די פליכטלינגע.

דער באשלוס צו ארבייטען פאר די פליכטלינגע איז איינשטימיג און ענטוזיאסטיש גוטגעהייסען געווארען ביי צוויי מיטינגען פון אונזערע מיטגלידער. דאנערשטאג, דעם 16טען האבען מיר אפגעהאלטען א גענעראל מיטינג פאר אלע אידישע מיטגלידער אין אדיטאריום האל. א טאג שפעטער האבען מיר אפגעהאלטען א ספעציעלען מיטינג מיט די מיטגלידער פון פראנצויזישען לאקאל 112. מיר האבען געפילט, אז עס איז וויכטיג דאס פאר די פראנצויזישע מיטגלידער זאל געמאכט ווערען קלארער דאס פראבלעם פון פליכטלינגע, א פראבלעם, צו וועלכער זיי שטעהען ניט אזוי נאענט ווי די אידישע מיטגלידער. דער פראנצויזישער מיטינג, אונטערן פארזיץ פון לאקאל טשערמאן, ראול ראביטאיל, איז אדרעסירט געווארען פון ברודער סעמועל קרייזמאן און פון מיין ווייניגקייט און פון ברודער קלאוד דזשאדוע, וועלכער האט אין פראנצויזיש איבערגעגעבען דעם תמצית פון מיינע און ברודער קרייזמאנ'ס רעדעס. מיר זיינען געווען צופרידען וואס זיי האבען זיך מיט סימפאטישער פארשטענדיגונג באצויגען צום דאזיגען פראבלעם—און זיך סאלידאריזירט מיט די אנדערע מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנעל אין דורכפירען אט די הילפס-ארבייט. זיי האבען איינשטימיג גוטגעהייסען דעם באשלוס צו ארבייטען דעם ערשטען אפריל פאר די קרבנות פון נאצי-רעזשים.

דער פארלאנג, אז די מאנטרעאלער קלאוקמאכער זאלען געבען א טאג ארבייט פאר די פליכטלינגע איז געמאכט געווארען פון אונזער פרעזידענט, דייוויד דובינסקי, בעת ער האט מיט עטלאכע וואכען צוריק באזוכט מאנטרעאל. ער האט דאן קאנפערירט מיט פארשטעהער פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן צו פארלאנגען זייער קאאפעראציע אין אט דער הילפס-ארבייט. אונזער פרעזידענט האט דאן אויך קאנפערירט מיט די פארשטעהער פון לאקאלען ארבייטער קאמיטעט אריינצוציען אין די ארבייטען פון דאזיגען קאמיטעט די אידישע ארבייטער ארגאניזאציעס פון מאנטרעאל.

פון בערנארד שעהן
גענעראל ארגאניזער א. ל. ג. וו. יוניאן

כדי צו לעזען דעם „אווערלעפינג" פראבלעם, פון וועלכען עס איז מיר שוין אויסגעקומען צו שרייבען אין מיינע באריכטען, האט די דזשאינט באארד פון אונזער אינטערנעשאנעל געשיקט א קאמיטע צו דער דזשאינט באארד פון דער „אמאלגאמייטעד ק. וו. א. א." צו פארלאנגען, אז די „אמאלגאמייטעד" מיטגלידער זאלען ניט ארבייטען די מעניש-מייד גארמענטס, וועלכע ווערען געמאכט אין א צאהל שעפער פון מענער-קליידער.

אויפ'ן גרונד פון אונזער פארלאנג איז באשלאסען געווארען, אז די מענעדזשערס פון בײדע יוניאנס, ווי אויך קאמיטעס פון בײדע יוניאנס זאלען זיך צוזאמענקומען און פארהאנדלען ווי אזוי צו לעזען אט דעם פראבלעם און מיר האפען, אז דאס פראבלעם וועט געלייזט ווערען צו דער צופרידענהייט פון אונזער יוניאן.

פאר ארבייטסלאזע מיטגלידער

דער פרעסער לאקאל 61 האט א צאל ארבייטסלאזע מיטגלידער. די צאל איז ניט גרויס, ארום 15, אבער עס איז אוממעגלאך אוועקצושטעלען זיי אויף פערמאנענטע דזשאבס צוליב די ניט-גינסטיגע באדינגונגען, וועלכע הערשען איצט אין טרייד. די פרעסערס האבען באשלאסען צו העלפען זייערע ארבייטסלאזע מיטגלידער.

דער קאטערס לאקאל 19 האט שבת אוונד, דעם 18טען מארטש, דורכגעפירט א טאנץ פאר זיינע ארבייטסלאזע מיטגלידער און געטעקסט יעדען ארבייטענדען מיטגליד מיט צוויי טיקעטס. ווען מיר שרייבען אט דעם באריכט, ווייסען מיר נאך ניט וויפיל די דאזיגע אונטערנעמונג האט אריינגעבראכט.

וואלען אין עמבראידערי יוניאן ווערען אויך אפגעלייגט

דער עמבראידערי לאקאל האט נאכגעפאלגט דעם ביישפיל פון אנדערע לאקאלען און האט אויך אפגעלייגט די וואלען אויף קומענדען יאר.

קאמף-שטימונג הערשט אויפין דרעס-פראנט

אויפ'ן דרעס-פראנט אין מאנטרעאל האט זיך די לאגע פארשארפט אין די לעצטע עטליכע וואכען און עס הערשט דארט אן ערנסטע קאמף-שטימונג.

די באציאונגען צווישען אונזער יוניאן און די בעלי-הבתים זיינען פארשארפט געווארען צוליב דעם וואס די בעלי-בתים האלטען ניט זייערווארט און מאנעווורירען אזוי, אז די „פעיר-ווידזש-באארד" זאל אריינקומען אין דרעס-טרייד. מיר שטעהען אויף דער וואך די דאזיגע מאנעווורעס צו צושטערען.

אלס רעזולטאט'פון אט די אבנארמאלע באציאונגען האבען מיר אין די לעצטע פאר וואכען געהאט דריי סטרייקס וועלכע מיר האבען אגב געסעטעלט.

דער לענגסטער פון אט די סטרייקס איז געווען געגען דער פירמע ליבאף ברידער. מיט 6 וואכען צוריק, ווען ס'איז ניט געווען קיין ארבייט, האט די פירמע אפגעזאגט א שאפ-טשערלידי און מאנעווורירט אזוי צו דיסארגאניזירען דעם שאפ. האבען מיר געווארט מיט געדולד ביז עס וועט זיך אנפאנגען וויזען ארבייט. שבת, דעם 4טען, האבען מיר אפגעשטעלט די קאטערס און מאנטאג, דעם 6טען, האבען מיר ארונטערגענומען דעם גאנצען שאפ.

נאך טעג סטרייקען האט די פירמע איינגעשטימט צו סעטלען מיט אונז. די טשערלידי איז רעאינסטייטעט געווארען, אן אפגעזאגטער קאטער איז אויך אריינגענומען געווארען צוריק; די סטרייקערס זיינען געקומען צוריק צו זייערע פלעצער און די סטרייק-ברעכער האבען דעם שאפ פארלאזען.

די בעלי-בתים פון קאפיטאל דרעס האבען געוואלט שניידען די פרייזען פון שטיק-ארבייט און רעדוצירען די ווידזשעס פון וואך-ארבייט. זיי האבען געמיינט, אז צוליב דער לאנגער סלעק-פעריאדע האבען די ארבייטער זיך אפגעפרעמדט פון דער יוניאן און מען קאן מיט זיי טאן וואס מען וויל.

שבת, דעם 18טען מערץ, האבען מיר ארויסגערופען אונזערע מיטגלידער אין סטרייק און ווען די פירמע האט געזעהן, אז איהר חשבון איז פאלש, אז די ארבייטער זיינען געבונדען צו דער יוניאן, האט זי נאך אין זעלבען טאג זיך געווענדעט צו אונז מיט'ן פארלאנג צו סעטלען דעם סטרייק. דער סטרייק איז באלד געסעטעלט געווארען און דער דאזיגער שאפ איז געווארען איינער פון אונזערע שטארקערע יוניאן-שעפער.

א סטרייק פון דריי שעה אין „עלעגאנט דרעס"

די „עלעגאנט דרעס", וואס איז א קאנטראקטינג שאפ פאר „באלפור דרעס", האט אויך געוואלט רעדוצירען דעם לוין פון די ארבייטער. נאר ווען די ארבייטער זיינען ארונטער האט די פירמע באלד געלאזט וויסען דער יוניאן, אז זי וויל סעטלען, און א סעטלמענט איז געמאכט געווארען שנעל. לענגער פון דריי שעה האבען די ארבייטער ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו סטרייקען.

די „עלדאראדא דרעס" האט אויך געמיינט, אז זי קען אויסנוצען די דעפרעסיע-באדינגונגען צו רעארגאניזירען איר שאפ אויף א ניט-יוניאן באזיס. נאר זעענדיג, אז אונזערע מיטגלידער גרייטען זיך צו געבען א ווידערשטאנד און זיינען גרייט צו א סטרייק, האט זי זיך צוגעאיילט צו סעטלען מיט דער יוניאן און אויסמיידען „טראבעל".

דער פראצעס פאר שאדענערזאץ, וועלכען מיר האבען פארפירט געגען דער „ראז דרעס", וועלכע האט געבראכען דעם אגרימענט מיט אונזער יוניאן, האט זיך אנטוויקעלט צו אזא פונקט, אז עס ציהט פיל אויפמערקזאמקייט אין דער אלגעמיינער פרעסע פון לאנד. ערשטענס, דערפאר, ווייל עס איז צום ערשטען מאל וואס א יוניאן זאל קלאגען א פירמע אין שאדענערזאץ צוליב דעם וואס זי דערקלערט א לאק-אוט, און צווייטענס ווייל אונזער פראצעס „טשאלענדזשט" א רעאקציאנערע ארבייטער-פיינדליכע לעגיסלאציע וואס די קוויבעקער לעדזשיסלייטשור האט געשאפען מיט א יאר צוריק.

דער דאזיגער בייער געזעץ איז פון פרעמיער דופלעסי געשאפען געווארען כדי צו געבען די ארבייטסגעבער א וואפען געגען די יוניאנס. ער ערלויבט די בעלי-בתים צו מאנען שאדענערזאץ פון א יוניאן, אויב זיי קענען איבערצייגען, אז די יוניאן האט זיי פאראורזאכט שאדען דורך אן אומגעזעצליכען סטרייק. האט אונזער יוניאן אנגענומען דעם שטאנדפונקט, אז אויב א יוניאן קען געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך פון בעלי-בתים פאר שאדענערזאץ, קען א יוניאן, לויט'ן זעלבען געזעץ, האלטען בעלי-בתים פאראנטווארטליך אויב די לעצטע פאראורזאכען שאדען דורך ברעכען אן אגרימענט.

פרייטאג, דעם 17טען מארטש, איז פארגעקומען א פארהער אין סופיריאר געריכט פאר ריכטער סורוועיאר און דארט האבען די לאיערס פאר דער פירמע ארויסגעבראכט די טענה, אז לויט'ן געזעץ קען א יוניאן זיין בלויז אן אנגעקלאגטע, אבער ניט קיין אנקלעגערין. אונזער לאיער, דזש. ספעקטאר, האט שטארק פראטעסטירט געגען אזא אויסטייטשונג פון געזעץ. דער פאקט וואס דער געזעץ איז פארמולירט אזוי דאס ער קען אויסגעטייטשט ווערען בלויז לטובת דעם בעל-הבית, האט געמאכט א סענסאציאנעלען רושם און די פרעסע האט דערפון געמאכט א גאנצען וועזען. ריכטער סורוועיאר וועט די טעג ארויסגעבען זיין ענטשיידונג וועגן דער דאזיגער פראגע.

אויפבויען א שטארקע יוניאן אין דרעס טרעיד. ערשטענס, באלאנגען מיר צו דער זעלבער יוניאן, צווייטענס, ארבייטען מיר אין די זעלבע געביידעס, דריטענס, הענגען אפ אונזערע באדינגונגען אן דעם גראד ארגאניזירטקייט פון די דרעסמאכער ווייל אויב עס זאל געלינגען די דרעס באסעס אנהאלטען ניט-יוניאן שעפער און נידעריגע סטענדערדס קענען נאך אונזערע קלאוק בעלי בתים זיך אויף זיי פארקוקען און פרובירען זיי נאכטאן...

די לאגע אין קלאוק טרייד.

אין קלאוק טרעיד האט זיך אין יאנואר אנגעהויבען דער סעזאן זייער גוט. דער טעלעפאן אין יוניאן אפיס האט געהאלטען אין איין קלינגען און בעלי בתים האבען געזוכט אפערייטארס, פרעסערס, פינישערס און קאטערס. מיר האבען זיך געפרייט און געווען זיכער אז אונזערע בעל מלאכות וועלען האבען א גוטען סעזאן. לײדער האט עס אבער ניט לאנג אנגעהאלטען. אין פעברואר איז אין די שעפער געווען סלעק און איצט, ווען איך שרייב די שורות אין מיטען מאנאט מארטש, איז עס ניט פיל בעסער. עס איז שוין באלד ערב פסח און פילע פון אונזערע מיטגלידער האבען נאך ניט געמאכט קיין פולע וואך ארבייט. וואס דאס מיינט פאר א קלאוקמאכער ניט צו ארבייטען קיין פולע וואך דורך א סעזאן דארף מען ניט שילדערן. עס מיינט נויט און זארג און אומצופרידענהייט. אין מאנכע פאלען מיינט עס פשוט הונגער. די יוניאן טוט נאטירליך אלץ וואס זי קען אז דאס ביסעל ארבייט זאל גלייך פארטיילט ווערען. וואו נאר מעגליך זוכען מיר ארויפצושיקען נאך בעל מלאכות. עס קומט אונז אויס מאנכעס מאל איבער דעם צו האבען צוזאמענשטויסען ניט נאר מיט בעלי בתים נאר אויך מיט די ארבייטער פון שאפ. אין אלגעמיין אבער קען מען זיך אויף אונזערע קלאוקמאכער ניט באקלאגען אין דעם זינען. זיי זיינען אויסגעפרובירטע יוניאן לייט און דער פרינציפ פון גלייכער צעטיילונג פון ארבייט איז שוין ביי זיי פעסט איינגעווארצעלט. דאס איז אבער בלויז אין באצוג צו די ארבייטער וואס זיינען אין שאפ. אויסצובריייטערן דעם פרינציפ אויך אויף די ארבייטער וואס האבען ניט קיין דזשאבס קומט אן א ביסעל שווערלעך. דאך טוט אונזער יוניאן וואס זי קען. אזוי האבען די פרעסערס פון לאקאל 97 זיך געטעקסט מיט א האלבען טאג שכירות פאר זייערע ארבייטסלאזע. כמעט אלע אונזערע לאקאלען האבען אויך ארבייטסלאזע און הילפס-פאנדען. אונזערע מיטגלידער שאצען עס אפ. דער פאקט איז, אז טראץ דער שלעכטער צייט איז אונזער ארגאניזאציע צווישען די קלאוקמאכער ניט אפגעשוואכט געווארען.

ביי די טאראנטער קלאוק און דרעסמאכער

פון ה. ד. לאנגער, מענעדזשער

דאנערשטאג, דעם 23טען פעברואר, האבען די היגע דרעסמאכער אונטערגעשריבען צום ערשטען מאל א קאלעקטיווען אגרימענט מיט די באלעבאטים.

לאקאל 72 פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן האט אונטערגעשריבען אן אגרימענט ניט מיט די אינדיווידועלע מאנופעקטשורערס, נאר מיט אן ערשט-געגרינדעטער אסאסיאיישאן פון ארום 45 ארבעטסגעבער, וועלכע באשעפטיגען ארום א טויזענט ארבעטער.

דער אגרימענט איז אויף דריי יאר, און שטעלט איין אן אפאראט פאר ארביטריישאן פון סכסוכים אין דער אינדוסטריע, מאכענדיג דורך דעם א סוף צו סטאפּעדזשעס, סטרייקס און לאקאוטס. דער אפמאך איז א פערבעסערונג איבער די פריהערדיגע אפמאכען.

דאנערשטאג נאכמיטאג האבען די דרעסמאכער געווארפען די ארבייט. 3 אזייגער ביינאג האבען זיי אפּגעהאלטען א מאסמיטינג אין לייבאר לייסעאום.

די פארזאמלונג האט געדויערט ארום 4 שטונדען. יעדער פונקט אין אגרימענט איז ברייט דיסקוטירט געווארען און סוף כל סוף איז דער אפמאך איינשטימיג ראטיפיצירט געווארען.

די מערסטע ארבייטער זיינען גלייך אויף מארגען אוועק צוריק אין די שעפער ארבייטען. בלויז אין איניגע שעפער, וועמעס באלעבאטים האבען נאך דעם אגרימענט ניט געהאט אונטערגעשריבען, זיינען די ארבייטער ניט צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט.

די פארהאנדלונגען וועגען דעם אגרימענט זיינען אנגעגאנגען 5 וואכען, אידער עס איז ענדליך אונטערגעשריבען געווארען פון ביידע צדדים. בר. ה. ד. לאנגער, מענעדזשער פון דער יוניאן, האט צוזאמען מיט ה. ריטשמאן, פ. פאסטער, ארט דאוסאן, מ. גאריק, ל. פייפערניק און ל. דאלפאו, פארהאנדעלט מיט א. פראד, וועלכער האט פארטראטען די מאנופעקטשורערס.

מיט'ן שליסען פון דעם אגרימענט, איז פאר דער אינדוסטריע אנגעקומען א פעריאד פון שלום און סטאביליטעט, און עס איז איצט צו האפען אז די אינדוסטריע וועט אנגעמען א נייעם לעבען און וועט זיך צוריקקערען אין טאראנטא פון וואנען זי האט לעצטענס געהאט א טענדענץ צו אנטלויפען.

סטרייק געגען די „ראוז דרעס"

די יוניאן אין מאנטראל האט דערקלערט א סטרייק געגען די „ראוז דרעס קאמפאני", וואס באשעפטיגט 125 ארבייטער צוליב א פארזוך מצד דער פירמע צו שניידען ווייזשעס אויף 10 פראצענט. אזוי גיך ווי מיר זיינען אינפארמירט געווארען, האבען מיר גלייך אנגעפאנגען פיקעטען די פירמעס שאו רומס אין טאראנטא, וואס געפינען זיך אין די דארלינג בילדינג, קארנער עדעלייד און ספאדינא.

די דרעסמאכער ביי א מאסן פארזאמלונג האבען אויך אנגענומען א באשלוס צו טעלעגראפירען דער מאנטרעאלער יוניאן זייער גרייטקייט צו העלפען אין דעם סטרייק מיט פינאנציעלע מיטלען אויב נויטיג.

קלאוקמאכער באנייען סקעדיול אונטער דעם „אינדאסטריעל סטענדערד עקט"

גלייך נאך דעם ווי דער קאלעקטיווער אגרימענט איז באנייט געווארען אינם קלאוקמאכער טרעיד האבען זיך אנגעהויבען די קאנפערענצען צו באנייען דעם סקעדזשול. די ניט יוניאן פירמעס האבען הינטער די קוליסען געארבעט מעשים ניט צו דערלאזען דערצו. פאר זיי האט עס געמיינט אן אונטערשייד אין טויזענטער.

די ס. איטאן קאמפאני, צום ביישפיל, האט אויסגעצאלט אין איין יאר איבער 45,000 דאלאר מער אין ווייזשעס צוליב דעם אינדאסטריעל סטענדארד עקט. איז עס נאטירליך אז זיי זאלען קערען וועלטען צו באקעמפען דעם סקעדזשול.

אבער די פאראייניגטע כוחות פון דער יוניאן און די ארגאניזירטע באלעבאטים דורך זייער אסאסיאיישאן האבען באזייטיגט אלע שטערונגען און איצטער פונקציאנירט די מאשינעריע.

לאגע אין קלאוקמאכער פאך

ביים אנפאנג סעזאן האט זיך געפילט די מורא אז צוליב די פארמאכטע און פארקלענערטע שעפער וועט די ארבייטסלאזיגקייט זיין אן אומנאטירליך גרויסע, אז די יוניאן וועט האבען גרויסע שוועריגקייטען זיי צו באזארגען מיט דזשאבס אדער מיט מאטעריעלע שטיצע.

אבער ארויסגעוויזען האט זיך עס גאנץ אנדערש. די פירערשאפט האט באוויזען דורך אינטענסיווער ארבעט צו געווינען די פולסטע קאאפעראציע פון די ארבעטענדע מיטגלידער און אויך פון די באלעבאטים און דזשאבס זיינען געשאפען געווארען פאר העכער הונדערט ארבייטסלאזע.

איצט זיינען נאך געבליבען א קלענערע צאל, כמעט די נארמאלע צאל, וועלכע מיר האפען נאך צו געפינען פלאץ פאר זיי.

נייע שעפער האבען זיך געעפענט, מאנכע שעפער האלטען זיך ביים פארגרעסערן, קורץ די אויסזיכטען זיינען בעסערע. מיר האלטען אן אונזערע פאזיציעס.

אווערלעפינג

מיר האבען אנגעפאנגען אן אקציע אפצושטעלען דאס אויסרינען פון די סוטס פון אונזערע שעפער צו די מענערשע שעפער. מיר האבען אפגעשטעלט פון דער ארבייט א האלבען טוצען פעקטארים. איניגע זיינען געצוואונגען געווארען צו באצאלען די פולע סומע פאר דער ארבעט אויף די סוטס וואס זיי האבען אויפגעמאכט אין די אמאלגאמייטעד שעפער, און אנדערע האבען איינגעליגט „קעש סעקיוריטי" אז זיי וועלען מער ניט ווידערהאלען די פראקטיק פון ארויסשיקען ארבייט.

ס'האט זיך דעם איצטיגען סעזאן ענדליך דורכגעריסען דער פון לאנג אנגעזאמעלטער צארן געגען דער אמאלגאמייטעד יוניאן מצד די ברייטע מיטגלידערשאפט פאר איר קאלטער נאכלעסיגער באציאונג צו די אווערלעפינג פראגע. קלאוקמאכער שטורעמען ביי די פארזאמלונגען די יוניאן זאל ארויס אין אן אפענעם קאמף געגען דער אמאלגאמייטעד פאר זייער ברויט. אן אלגעמיינע מעמבערשיפ פארזאמלונג דארף פארקומען דעם 28טען מארטש, וואו אן ענטגילטיגער באשלוס וועט אנגענומען ווערען, ווי אזוי צו לייזען דעם איבעל. מער וועגען דעם אין קומענדיגען ארטיקעל.

ארבייטסלאזע הילף

די באזונדערע לאקאלען האבען שוין אונטערגענומען אקציעס ארויסצוהעלפען זייערע ארבייטסלאזע. אזוי האט, צום ביישפיל, דער פרעסער לאקאל 92, וועלכער האט לעצטען סעזאן סאנאנדערגעטיילט זיבען הונדערט דאלאר, איצט זיך פארנומען שאפען צוועלף הונדערט דאלאר דעם סעזאן, די שטיצע ווערט אבער ניט געגעבען אין דער פארמע פון אויסצאלען טשעקס, נאר אויף פאלגענדען אופן: יעדער פרעסער וואס ארבעט איז פארפליכטעט אוועקצוגעבען עטלעכע טעג ארבייט אין סעזאן צו אן ארבייטסלאזען. דאס פארזיכערט א היבשע סומע וועכענטליך צו יעדען איינעם פון זיי, און פארמיידט די דעגראדאציע און געפיל פון שאנדע פון נעמען נדבות.

לאקאל 14, אפערייטארס עקזעקוטיווע פלאנט א גרויסע אקציע אויפן זעלבען געביט, דאסגלייכען לאקאל 94.

ס'איז ווערט צו באמערקען אז אפיציעל האט די קלאוקמאכער יוניאן ניט קיין ארבייטסלאזע אינשורענס אדער באשטענדיגע לאקאלע הילפס-אינסטיטוציעס, און ס'איז דארום צו באוואונדערען ווי ספאנטאן און ברידערליך די באשעפטיגטע מיטגלידער רופען זיך אפ אויף דער נויט פון זייערע ארבייטסלאזע מיטברידער.

די יוניאן מעג מיט רעכט זיין שטאלץ מיט אזא לאיאלען עלעמענט מעמבערס.

באליבטער ארבייטער י. גליקמאן געשטארבען אין עלטער פון 66 יאר

אין עלטער פון 66 יאר איז געשטארבען דער באליבטער קלאוקמאכער אין טאראנטא י. גליקמאן. שטיל און באשיידען, ווי ער האט געלעבט, איז ער אוועק פון דער וועלט, איבערלאזענדיג א ליידיגען פלאץ אין די הערצער און אין די נשמות פון אלע וועלכע האבען אים געקענט. ער איז געווען א ליבער, איבערגעגעבענער חבר און אן עצה-געבער און וועגווייזער צו אלע די מיט וועמען ער איז געווען פארבונדען.

דאנערשטאג איז פארגעקומען די לויה, פילע הונדערטע קלאוקמאכער און אנדערע פארערער האבען דעם באליבטען גליקמאנען אפגעגעבען דעם לעצטען כבוד.

ביי דער לויה האבען געהאלטען הספדים י. דעסער, ווייס-טשערמאן פון לאקאל 11, וואו גליקמאן איז געווען א מיטגליד, א. מעגערמאן, ביזנעס אגענט, האט גערעדט אין נאמען פון ה. ד. לאנגער, וועלכער איז געווען צופיל צובראכען צו קענען רעדען, און דער לעבענסלענגליכער פריינד און חבר פון דעם פארשטארבענעם א. קירזשנער.

דאנק רעזאלוציעס

די ארבייטער פון לואי ריצער'ס שאפ, האבען ביי א מיטינג באשלאסען צו העלפען זייער מיטארבייטער, ברודער קליינמאן, וועלכער איז קראנק אין האספיטאל, דורך צאהלען אים 15 דאלאר א וואך דעם גאנצען סעזאן אזוי לאנג ווי ער וועט ניט קענען ארבייטען.

ביי דעם מיטינג האבען די ארבייטער אויך אנגענומען א דאנק און אנערקענונג רעזאלוציע צו זייער ביזנעס אגענט, ברודער לענדאו, פאר זיין געטרייער ארבייט פאר די ארבייטער פון שאפ; צום שאפ-טשערמאן דזשאו לעווין און דער קאמיטע, די ברידער ריצער, גרוסקין און מעקס.

די שאפ קאמיטע.

מיר, די ארבייטער פון „אניטרא קאוטס, אינק.", 214 וועסט 39טע סטריט, דריקען אויס אנערקענונג צו אונזער ביזנעס אגענט, א. בעלסאן, פאר זיין גוטער ארבייט פאר די ארבייטער, וועלכע ער פארטרעט. מיט זיין באשיידענהייט און געזונטען פארשטאנד געווינט ער דעם צוטרויען פון אלע ארבייטער.

ביי דער געלעגענהייט, ווען עס ווערט געפייערט זיין 50טער געבורטסטאג, דעם 23טען נאוועמבער, פרעזענטירען מיר אים מיט א שיינער מתנה און ווינשען ער זאל דאס נוצען געזונטערהייט און דערלעבען נאך פילע פילע יארען און פארזעצען זיין גוטע ארבייט פאר א שענערען און בעסערען לעבען פאר די ארבייטער בכלל.

די קאמיטע:
הערי לעווענסאן, טשערמאן.
סעם פיטניק, אבר. דזשייקאבסאן און היימאן לעדערמאן, לאקאל 117; היימאן בעלקין, לאק. 35; אבר. קאהן, לאק. 9.

מיר, די ארבייטער פון דער „פאראמאונט קלאוק קאמפאני", פון לאס אנדזשעלס, קאליפארניע, פארזאמעלט ביי א דינער געגעבען אין ערע פון אונזער שאפ טשערמאן ברודער מאקס ווערניק, דריקען אויס אונזער אנערקענונג צו אים און פרעזענטירען אים מיט איין עלעקטריק שייווער, אלס אויסדרוק פון אונזער דאנק פאר זיין איבערגעבענקייט צו די ארבייטער פון שאפ און צו דער יוניאן אלס גאנצע.

מאקס מאסקאוויטץ און ה. סאקס
רעזאלושאן און אראנדזשמענט קאמיטע.

די ארבייטער פון „עלפיקא דרעס קא.", 336 וועסט 37טע סטריט, האבען פרעזענטירט זייער טשערמאן, ברודער הערי טילער, מיט א פראכטפול-שעהנעם ראדיא סעט אלס אנערקענונג פון זיין אומערמידליכער ארבייט אלס פראגרעסיווער יוניאן מאן און פאר זיין טעטיגקייט אין שאפ.

די קאמיטע:
סאלטאן, שרייער, פריינק און בערגמאן.

מיר, די ארבייטער פון ראזענטאל און פעטעלסאן, 246 וועסט 38טע סטריט, דריקען אויס אונזערע ווארימסטע געפילען און אנערקענונג צו אונזער ארגאניזיישאן דעפארטמענט, אונטער דער פירערשאפט פון א' ס. מילער, וועלכער האט אונז ארויסגעהאלפען צוריקצובעקומען די ארבייט ווען די באלעבאטים האבען געזוכט ארויסצושמוגלען דאס ביסעל ארבייט פון שאפ. דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט האט אויפין פלאץ אפגעשטעלט דעם שאפ און דאס האט געהאט א גוטע ווירקונג.

די קאמיטע: א. שוסטער, שאפ טשערמאן, ל. 177. הערי אהערמאן; דזשעק סטיינבערג, לאק. 117.

בריוו צום רעדאקטאר

ווערטער רעדאקטאר:

איך בין געווארען א מיטגליד פון דרעס פרעסערס לאקאל 60 אין 1933. אין יענער צייט האט געהערשט אין לאקאל א געוויסער טשערקיס, די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו־באארד און טשערמאן זיינען כמעט די זעלבע היינט צו טאג. מען האט נאטירלאך ניט געטארט זאגען קיין שלעכט ווארט אויף מיסטער טשערקיס'ן און זיינע פארבינדעטע, ביז וואגען גאט האט געהאלפען און די אינטערנעשאנעל האט אים געכאפט מיט די „גודס" און מיר זיינען פטור געווארען פון איהם. ביז מיט אקורצער צייט צוריק איז געווען איינער פון אונזערע הויפט־קנאקערס דער אסיסטענט מענעדזשער מיסטער לאנדסמאן, מען האט חס־וחלילה איהם אויך ניט געטארט קריטיקירען. לעצטע וואך ביים מיטינג פון לאקאל האבען מיר שוין געהערט, אז זיין רעזיגנאציע איז אנגענומען געווארען, איז „ברוך שפטרני", אבער פאר וואס האלט מען נאך אלץ אז די מיטגלידער פון לאקאל 60 זיינען ניט מעהר ווי „מוישעס", און מען האט זיך אנטזאגט אונז געבען דערקלערונגען וועגען די קלאנגען, וואס טראגען זיך ארום אין מארקעט, אז לאנדסמאן איז געצוואונגען געווארען צו רעזיגנירען פון אונזער אינטערנעשאנאל, און אז אונזער פרעזידעט, ברודער דובינסקי, איז געווען דער כירורג, וואס האט געמאכט די אפעראציע.

דער טשערמאן פון אונזער לאקאל, ברודער וואסיליעווסקי, פירט זיך ביי אונז ווי דער אליינהערשער, זיך ארומגערינגעלט מיט א סוויטע און טהוט וואס ער וויל, איז טאקע זעהר גוט, ווען א פירער פון א לאקאל יוניאן איז אן אויטאריטעט, אבער נאר דאן, ווען ער טהוט דעם ווילען פון די מיטגלידער און ניט ווען ער פארגוואלדיגט אלע קאנסטיטוציאנעלע רעכט פון די מיטגלידער. צ. ב. פינף יאר ווי איך טריי צו קריגען דעם פלאר צו רעדען, און ביז יעצט איז דאס מיר נאך ניט געלונגען. ווערט עפעס געבראכט פון דער עקזעקוטיוו־באארד, קען מען בשום אופן עס ניט בייטען און אפילו ניט מאכען קיין פארשלאג וועגען דעם. מאכט מען אן אפיל צום טשער, איגנארירט אונזער טשערמאן אלע אנגענומענע פארלאמענטארישע געזעצען, און ער אליין שטימט און פירט דעם טשער. שטימט מען וועגען עפעס און דער טשערמאן פאלט אדורך אין זיין רולינג, שטראשעט ער און נעמט עס אזויפיל מאל צו שטימען ביז זיינע ציילערס גיבען איהם א מעהרהייט. זיינען אין אלע לאקאלען אפענע עקזעקוטיוו־באארד מיטינגען, אבער ניט אין לאקאל 60. באקומט זיך א לאגע אז אין דער אינטערנעשאנאל־סקול האבען אלע דעפארטמענטס פון דער אינטערנעשאנאל אונז דערציילט „אינסייד" זאכען, כדי אונז אויסלערנען, אבער אין לאקאל 60 קאן מען זיך ניט אויסלערנען און זעהן ווי עקזעקוטיוו־מיטינגען ווערען געפירט. פארלאנגען מיר פינאנציעלע רעפארטס, וואס לויט דער אינטערנעשאנאל דארף מען זיי קריגען אלע 6 מאנאטען, קריגען מיר זיי איין מאל א יאהר און אויך ניט קיין צו קלארע. און וואגט איינער צו רעדען און פראטעסטירען, שטראשעט מען און מען פירט אויך אדורך דיסקרימינאציעס און דאס גלייכען ווען עס קומט צו דזשאבס. פרעג איך אונזער פרעזידענט און דער אינטערנעשאנאל, צו איז אזא לאגע דערלויבט און קען עס אזוי אנגיין?

א גרויסער טייל פון אונזערע מיטגלידער האבען פארלארען דעם גלויבען, אז וואסיליעווסקי און זיינס גלייכען קענען פירען אונזער לאקאל אויפן ריכטיגען טרייד־יוניאן וועג. איך האלט, אז אין דער פראגע פון ארויפלייגען טעקסעס אויף די מיטגלידער, רעכענט מען זיך איינגאנצען ניט מיט די ואמשטענדען פון די ארבייטער, און איבערהויפט רעכענט מען זיך ניט ווען עס קומט צו ספענדען די שווער פארהארעוועטע געלדער פון די מיטגלידער. דעריבער איז מעגלאך געווען, אז אונזער לאקאל 60 זאל מיט א מיטגלידערשאפט פון בלויז אריבער דריי טויזענט אויסגעבען 20 טויזענט דאלער אויף אויפפיקסען אן אפיס לעצטען יאהר, און קיין גענויען באריכט וועגען דער אומגלויבלאכער סומע האט מען אונז קיינמאל ניט געגעבען. יע, אונזער טשערמאן האט דאס אדורכגעפירט דעם זעהר און זעהר קאסטבארען גרויסען דזשאב.

רוף איך צו אונזער פרעזידענט, אז ער זאל אנפאנגען אריינקוקען אין לאקאל 60 און זעהן אפשטעלען די וואקכאנאליע, איידער ס'ווערט צו שפעט. אונזער לאקאל דארף און קען זיין איינער פון די מוסטערען אין אינטערנעשאנאל, נאר דאן ווען אונזערע באאמטע וועלען זיין פאראנטווארטלאך פאר יעדער טהאט זייערע צו די מיטגלידער. רעזיגנאציעס אלע יאהר אדער צוויי מיט אזא נאכגעשמאק זיינען זעהר אומגעזונט פאר א יוניאן און די נויטיגע דערקלערונגען מוזען געמאכט ווערען.

מיט ברודער גרוס,

הערדי ראזען, לעדזשער נומער 5

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט"!

ערלויבט מיר אויסצודריקען מיין דאנקבארקייט צו די אפערייטאר פון ווארט דרעס שאפ, 589 — 8טע עוועניו, פאר זייער ברידערליכער הילף אין דער צייט פון מיין קראנקהייט אריבער 5 מאנאטען. איך דאנק די אפערייטארס דעם שאפ־טשערמאן מיט דער קאמיטע פאר דעם באזוכען מיך און האספיטאל און אויך אין הויז, און ווינטש אלעמען א זיין געזונט.

מיט ברידערליכען גרוס,

אברהם ליבערמאן, לאק. 22.

טייערער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט":

ערלויבט מיר איינצולאדען די טויזענטער אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען נאך ניט קיין מיטגלידער אין ארבייטער־רינג, זיי זאלען זיך אנשליסען אין איינעם פון די אונטען־אויסגערעכענטע בראנטשעס, וועלכע זיינען פאר די לעצטע פאר יאר ארגאניזירט געווארען אין פארשידענע לאקאלען פון דער אינטערנעשאנאל.

דער פלאץ ערלויבט מיר ניט אויסצורעכענען אלץ וואס א טרייד בראנטש טוט פאר זייערע מיטגלידער. אויסער די הויפט בענעפיטען, וואס דער ארבייטער־רינג גיט, ווי מעדיצינישע באהאנדלונג, קראנקען בענעפיט סאנאטאריום און אנדערע זייער וויכטיגע בענעפיטען. א טרייד בראנטש פון א לאקאל איז א פריינד וואו א מיטגליד קען זיך ווענדען אין פאל פון קראנקהייט, אדער נויט, וואס מיר גארמענט ארבייטער שטייען אויס שוין צו פיל לעצטענס. אין א טרייד בראנטש געפינט מען א היים, און מענטשען, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט זייערע פראבלעמען און קריגען די נויטיגע

באריכט פון דער טויטען־בענעפיט קאמיטע פאר'ן חודש פעברואר

מיר בעטען אונזערע מעמבערס צו געדיינקען, דאס לויט אונזערע אנגענומענע רולס און רעגולײשאנס, זיינען מאן אדער פרוי, קינדער, עלטערן, שוועסטער און ברידער די געזעצליכע יורשים אין פאל ווען א מעמבער שטארבט, און דאס זיינען בלויז אט די אויסגערעכענטע בלוט־פארוואנדטע, וועמען מיר צאלען אויס די הונדערט און פופציג דאלער טויטען בענעפיט. אויב איינער איז אבער עלענט, און עס בלייבען ניט נאך אים קיינע פון די אויבען־אויסגערעכענטע קרובים, קען קיינער אפילו זיין בעסטער פריינד, ניט מאנען פון אונז די בענעפיט, סיידען דער פארשטארבענער האט איבערגעלאזען א דעזיגניישאן קארד, אין וועלכער ער האט אויסדריקליך באשטימט א בענעפישערי, צו וועמען די בענעפיט זאל אויסגעצאלט ווערען. פעטערס, מומעס, קאזינס, פלימעניקעס א. ד. ג., זיינען ניט אין דער קאטעגאריע פון בלוט־פארוואנדטע, און קענען זיין יורשים בלויז אויב זיי ווערען פון דעם פארשטארבענעם באשטימט דערצו.

טויטען בענעפיט אויסגעצאלט:

NAME	LOCAL	CITY	AGE	SEX	DIED	YRS. IN UNION	WKS. IN ARREARS	PAID TO
Ali, Carmela	89	New York	43	F.	1.25.39	6	10	Husband
Schwartz, Harry	22	New York	42	M.	11.27.38	5	11	Wife
Packerer, Morris	22	New York	47	M.	12. 4.38	26	13G.	Wife
Knobowitz, Max	22	New York	48	M.	1. 6.39	6	13G.	Wife
Huff, Ab.	22	New York	58	M.	10.29.38	5	13G.	Wife
Hacker, H.	60	New York	54	M.	1. 1.39	6	13G.	Wife
Berliner, Benjamin	155	Brooklyn, N.Y.	51	M.	10.17.38	2	7	Wife
Blumkin, Morris	117	New York	56	M.	12.18.38	4	13G.	Brother
Cutler, Lea	29	Cleveland	27	F.	1.14.39	6	0	Sister
Citronbaum, Sig.	155	Brooklyn, N.Y.	42	M.	1. 4.39	4	10	Wife
Goldstein, Ab.	35	New York	58	M.	2. 4.39	6	11	Wife
Tagliabue, Josephine	234	Easton, Pa.	53	F.	1.29.39	3	10	Sister
Finkelstein, Oscar	35	New York	57	M.	1.25.39	4	10	Wife
Forman, Nathan	60	New York	51	M.	12.25.38	5	13	Wife
Desti, Basilio	48	New York	59	M.	11.30.38	28	0	Wife
Eibershutz, Louis	22	New York	67	M.	1. 5.39	6	6	Wife
Morochnick, Harry	22	New York	61	M.	12.27.38	5	12	Wife
Adorno, Juanita	22	New York	33	F.	1.11.39	6	O.W.	Husband
Fiedler, Barbara	106	Baltimore	42	F.	1.20.39	5	12	Mother
Colonna, Sam	66	New York	40	M.	1.20.39	6	10	Mother
Eisenberg, Morris	60	New York	50	M.	2. 4.39	6	13G.	Wife
Thaler, Joseph	22	New York	50	M.	2. 6.39	4	13	Wife
Goldman, Hyman	22	New York	42	M.	2. 5.39	3	5	Wife
Moldanado, Frances	60	New York	45	F.	2. 3.39	6	0	Local
Leiblein, Juda	35	New York	59	M.	2. 9.39	23	6	Wife
Lockett, George	102	New York	39	M.	1.29.39	6	9	Father
Slatoff, Fannie	22	New York	43	F.	2. 8.39	6	9	Sister
Fludd, G.	102	New York	38	M.	11.22.38	5	0	Daughter
Olbinski, Florence	188	Milwaukee, Wis.	26	F.	2. 7.39	5	7	Husband
Byanskas, John	118	Chicago, Ill.	67	M.	2. 9.39	6	6	Wife
Spielman, Ottillio	38	New York	46	F.	2. 9.39	11	5	Daughter
Checkers, Meyer	22	New York	50	M.	1. 7.39	6	2	Wife
Toltzis, Harry	45	Philadelphia	46	M.	1.30.39	6	3	Wife
Costravinci, Nunzio	48	New York	70	M.	2. 4.39	22	5	Wife
Hudes, Louis	22	New York	57	M.	2.15.39	17	6	Wife
Slatkowitz, Morris	5	Chicago, Ill.	60	M.	2.20.39	11	6	Wife
Ruble, Lelia	100	Chicago, Ill.	43	F.	2.19.39	6	11	Husband
Freidlander, Morris	10	New York	60	M.	10.11.38	4	9	Wife
Wolinsky, Aaron	59	Chicago, Ill.	61	M.	2.16.39	6	7	Wife
Sosnofsky, Harry	35	New York	58	M.	2.21.39	12	12	Wife

צוריקגעוויזען:

NAME	LOCAL	CITY	AGE	SEX	DIED	YRS. IN UNION	WKS. IN ARREARS	REASON FOR REJECTION
Angelucci, Amedio	79	Philadelphia, Pa.	51	M.	1.31.39	1	N.R.	Short Memb.
Bizell, Alma	267	Memphis, Tenn.	50	F.	1.22.39	1-11m.	32	" "
Blatt, Max	22	New York	57	M.	12.11.38	5	62	In Arrears
Carder, Ethel	279	Lima, Ohio	40	F.	1. 8.39	1-8m.	3	Short Memb.
DeCicco, Giuseppe	48	New York	35	M.	12.18.38	3	31	In Arrears
Flash, Rose	22	New York	N.R.	F.	12.11.38	4	41	" "
Garcia, Ledema	60	New York	51	F.	1.16.39	6	24	" "
Gittens, Elfreda	33	New York	40	F.	12.23.38	5	33	" "
Goldberg, Samuel	60	New York	62	M.	11. 9.38	5	28	" "
Guiteres, Mollie	8	San Francisco	42	F.	12.24.38	4	25	" "
Harris, Samuel	10	New York	55	M.	7.10.38	9	28	" "
Heller, Sam	60	New York	65	M.	12. 5.38	5	22	" "
Horn, Joseph	60	New York	62	M.	12.22.38	5	26	" "
Kalman, Myron	9	New York	61	M.	12.25.38	6	42	" "
Karp, David	21	Newark, N. J.	73	M.	12.17.38	5	24	" "
Katz, Abraham	117	New York	51	M.	12. 1.38	1-3m.	2	Short Memb.
Kosmensky, Morris	158	Passaic, N. J.	62	M.	1.11.39	0-8m.	14	" "

אונזערע יוניאנס ענטפערן הילפס־רוף פון נאצי־פליכטלינגע

די מיטגלידער און פירער פון די לאקאל יוניאנס און דזשאינט באארדס, וואס זיינען אנגעשלאסען אן אונזער אינטערנעשאנעל, האבען אלעמאל זיך ווארים אפגערופען אויף יעדער הילפס־אקציע סיי דא אין לאנד און סיי פאר קרבנות אין אנדערע לענדער. אונזערע מיטגלידער האבען אלעמאל מיט א ברייטער האנט געשטיצט יעדע וויכטיגע אונטערנעמונג. אויך אין דעם איצטיגען קריזיס אין אייראפע, ווען הונדערטער טויזענדער קרבנות פון פאשיסטישע רעזשימען ווערען געיאגט און געטריבען פון לאנד צו לאנד און קענען קיין פלאץ ניט געפינען וואו זייערע מידע קעפ אוועקצולייגען, ווען הילף און שנעלע הילף איז אזוי באזונדערס נויטיג צו ראטעווען אזוי פיל לעבענס ווי מעגליך, האלטען אן אונזערע מיטגלידער זייער טראדיציע און שטייערן ביי מיט א ברייטער האנט.

אויף פרעזידענט דובינסקי'ס דרינגענדען רוף צו אלע לאקאלס און דזשאינט באארדס פון אונזער אינטערנעשאנעל פאר ביישטייערונגען צום הילפס־פאנד, האבען זיך אלע ווארעם אפגערופען. מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל, אידישע און ניט אידישע, האבען פאקטיש איינשטימיג זיך באשטייערט מיט באדייטענדע סומען, טראץ דער שווערער עקאנאמישער לאגע אין לאנד, פון וועלכער אונזערע מיטגלידער ליידען נאך אפשר מער ווי ארבייטער פון אנדערע טריידס.

מיר פארצייכענען דא די באשלוסען פון אונזערע ארגאניזאציעס, ווי אזוי צו העלפען די נאצי־קרבנות, וואס זיינען אונז באריכטעט געווארען ביז איצט. מאנכע פון די לאקאלס האבען שוין זייערע בשטייערונגען געזאמעלט און אריינגעשיקט. אנדערע וועלען די באשלוסען זייערע דורכפירען אין דער נאענטער צוקונפט. מיר זיינען זיכער אז אויך די וואס האבען איבער איין אורזאך אדער א צווייטער זיך אביסעל פארשפעטיגט, וועלען אויך טאן זייער פליכט.

די ניו יארקער קלאוקמאכער האבען, אויף דער רעקאמענדאציע פון זייער דזשאינט באארד, וועלכע איז גוטגעהייסען געווארען פון אלע לאקאלס, געארבייט שבת, דעם 18טען מארטש, און יעדער מיטגליד שטייערט ביי פון פינף ביז זיבען דאלאר, לויט זיינע פארדינסטען, צום פאנד. מאנכע שעפער האבען שוין אריינגעשיקט די ביישטייערונגען אין דער יוניאן. די גאנצע געלט וועט אין גיכען אריינקומען און וועט זיכער באטרעפען א באדייטענדע סומע.

דער ווייטגודס מאכער לאקאל 62, אונטער דער פירערשאפט פון ברודער ס. שאר, איז געווען דער ערשטער לאקאל פון דער אינטערנעשאנעל צו זאמלען און אריינשיקען דאס געלט. די מיטגלידער פון לאקאל, וועלכע זיינען אגב ניט אידיש אין זייער גרויסער מערהייט, האבען געארבייט א שבת און האבען שוין ביז איצט אריינגעשיקט איבער 9,000 דאלאר פאר'ן הילפס־פאנד. ווי שאר ערקלערט, ערווארטעט ער אז נאך ארום 2,000 דאלער וועט אריינקומען.

דער בלאוז און ווייסט מאכער לאקאל 25, וואו וויס־פרעזידענט קריינדלער איז מענעדזשער, האבען געארבייט דעם 18טען מארטש און צאלען איין צום פאנד פארשיידענע סומען, יעדער לויט זיינע פארדינסטען. די בעלי בתים האבען אויך ביישטייערט צען פראצענט פון זייער פעי־ראל.

א. שניידער, מענעדזשער פון דער קארסעט און בראזיר ארבייטער יוניאן לאקאל 32, וואו עס באלאנגען אויך צום גרעסטען טייל ניט־אידישע מיטגלידער, מעלדעט אז זיין לאקאל האט באשלאסען צו ארבייטען שבת א האלבען טאג דורך דעם אדער קומענדען מאנאט און ביישטייערן פאר די נאצי־קרבנות.

א מיטינג פון דער טשילדרען דרעסמאכער יוניאן לאקאל 91 האט באשלאסען בייצושטייערן דעם איינקונפט פון עטליכע שטונדען ארבייט. הערי גרינבערג, מענעדזשער פון לאקאל ערווארטעט, אז עס וועט אריינקומען א באדייטענדע סומע געלט.

דער קינסטליכער בלומען ארבייטער לאקאל 142 האט שוין געשאפען 300 דאלער פון ביישטייערונגען, און אב. טאווים, מענעדזשער פון לאקאל, פארשפרעכט צו שאפען מער.

די עמבראידערי ארבייטער יוניאן לאקאל 66 האט באשלאסען אז די ארבייטער זאל ערלויבט ווערען צו ארבייטען א שבת און א העלפט פון די שכירות פאר דעם טאג, איינגעשלאסען די עקסטרא באצאלט פאר אווערטיים, זאל אוועקגעגעבען ווערען פאר דעם פאנד. א טייל ארבייטער פון דעם טרייד אין שעפער וואו זיי האבען געהאט ארבייט, האבען שוין דעם שבת געארבייט. אנדערע שעפער וועלען ארבייטען דעם טאג די אדער נעקסטע וואך.

דער ניט־גודס לאקאל 155 האט געארבייט שבת, דעם 18טען מארטש. ווי לואיס נעלסאן, מענעדזשער פון לאקאל, שאצט, וועט דער לאקאל אריינגעמען פאר'ן פאנד ארום 2,000 דאלאר, טראץ דעם וואס אין פילע שעפער איז ניטא קיין ארבייט.

די שיקאגער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן האט שוין אריינגעשיקט פאר'ן פאנד 1,700 דאלאר. 1,500 דאלאר איז געזאמעלט געווארען אין די שעפער און 200 דאלאר האט די יוניאן ביישטייערט פון איר קאסע.

וויס־פרעזידענט קאטאווסקי, פון קליוולאנד, לאזט וויסען אז די יוניאן האט שוין אריינגעשיקט 3,500 דאלער פאר די נאצי־פליכטלינגע.

די פילאדעלפיער קלאוק דזשאינט באארד האט באשלאסען אז יעדער ארבייטער זאל ביישטייערן איין טאג שכירות. די דרעסמאכער יוניאן פון פילאדעלפיע האט אריינגענומען פון ביישטייערונגען פון די ארבייטער און די מאנופעקטשורערס 23,000 דאלאר פאר'ן הילפס־פאנד.

י. לוצקי, מענעדזשער פון דער קלאוק דזשאינט באארד פון לאס אנדזשעלעס, מעלדעט, אז זיי האבען איינגעטיילט די שעפער אין דריי טיילען פאר ארבייטען שבת פאר'ן הילפס־פאנד. די ערשטע גרופע האט געארבייט שבת דעם 11טען מערץ און אריינגעבראכט טויזענט דאלאר. די צווייטע גרופע האט געארבייט דעם 18טען מערץ און די דריטע גרופע וועט ארבייטען דעם 25טען מערץ.

אין מאנטרעאל איז אפגעהאלטען געווארען צוויי באזונדערע מיטינגען, איינער פון די אידישע ארבייטער און איינער פון די פראנצויזישע ארבייטער באזונדער. ביידע מיטינגען איז איינשטימיג באשלאסען געווארען צו ארבייטען שבת דעם 1טען אפריל פאר'ן הילפס־פאנד. ב. שעהן, אינטערנעשאנעל פארשטייער פון מאנטרעאל, קען זיך ניט אפלויבען פון דעם אמת פיינעם גייסט וואס די פראנצויזישע ארבייטער, די מיטגלידער פון לאקאל 112, האבען ארויסגעוויזען ביי דער אפשטימונג איבער דעם פארשלאג בייצושטייערן א טאג ארבייט פאר די קרבנות פון פאשיזם. קיין איין איינציגער פון זיי האט ניט גערעדט אדער געשטימט געגען דער ביישטייערונג.

הילף ווען נויטיג. עס איז די פליכט פון אייך, פאר אייך אלעמען, און פאר אייערע פאמיליעס אז איר זאלט ווערען איינער פון די גרויסע אינטערנעשאנאל ארבייטער־רינג משפחה.

אין אונזער ארבייט העלפען אונז די וויכטיגסטע טוער פון אונזער אינטערנעשאנאל, אונזער פרעזידענט דוד דובינסקי אריינגערעכענט, וועלכער איז א מיטגליד פון ארב. רינג.

די פאלגענדע בראנטשעס זיינען גרייט אייך אריינצונעמען:

דרעסמאכער לאקאל 22 — — — —	א. ר. בר. 122
דרעס פרעסערס לאקאל 60 — — — —	א. ר. בר. 760
דרעס פרעסערס פרויען בר. 60 —	א. ר. בר. 661־עי
קאטערס לאקאל 10 — — — — —	א. ר. בר. 310
קלאוקמאכער לאקאל 117 — — — —	א. ר. בר. 401
קלאוק פרעסערס לאקאל 35 — — — —	א. ר. בר. 535
קלאוק פינישערס לאקאל 9 — — — —	א. ר. בר. 509

אין גיכען וועט אינסטאלירט ווערען א בראנטש אין ניט־גודס לאקאל 155, ווי אויך אין א פאר אנדערע לאקאלען. מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל פאר אייגענע אינטערעסען קלערט ניט קיין סך און שליסט זיך אן אן איינעם פון די ארבייטער רינג בראנטשעס און ווערט א טייל פון די ארבייטער רינג טרייד יוניאן משפחה.

פאר אינפארמאציע קענט איר זיך ווענדען אין אייערע לאקאלע אפיסעס, אדער צום טרייד יוניאן קאמיטעט, אין ארבייטער רינג, 175 איסט בראדוויי.

דוד אלטמאן, סעקרעטאר.
ארבייטער רינג אינטערנעשאנאל יוניאן קאמיטע,
מיטגליד בר. 122, לאקאל 22, אינטערנעשאנאל.

פון דער רעדאקציע.

סעם לייוו, לאקאל 22. — ווען איר וואלט פריער געשטעלט אייערע פראגען צום מענעדזשער ביים מיטינג אדער פריוואט, וואלט איר פארשפארט פרעגען די קשיות עפענטליך אין א טעגליכער צייטונג און נאכדעם שרייבען אין דער „גערעכטיגקייט", אז איר זייט געווען אומגערעכט און האט חרטה. לאמיר האפען, אז דאס וועט זיין א לעקציע פאר דער צוקונפט ניט צו זיין איבערגעאיילט און ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט מיט קריטיק אין צייט פון פארהאנדלונגען מיט בעלי בתים.

ווענדונג פון דער קאיאווסקי הילפס־קאמיטעט.

מיט איניגע וואכען צוריק האט דער טויט אוועקגעריסען פון אונז א. קאיאווסקי, בלאק טשערמאן פון 8טע עוועניו און אקטיווער מיטגליד פון לאקאל 117.

אלע, וועלכע האבען געקענט ברודער קאיאווסקי, האבען צוליב זיין פיינעם כאראקטער, ערליכקייט און איבערגעגעבענקייט צו זיינע פריינד און מיטארבייטער אין דער יוניאן, האבען פאר אים געהאט דעם העכסטען רעספעקט און פריינדליכסטע געפילען. טראץ זיין לאנגיאריגע מאטעריעלע ליידען און אפטע קראנקהייט, האט ער שטענדיג באגעגענט פילע פריינד מיט א שמייכעל און אויף דעם גוטמוטיגסטען און פריינדליכסטען אופן.

א צאל נאענטע פריינד זיינע האבען זיך ארגאניזירט אין א קאמיטע צו שאפען א פאנד פאר דער פרוי און קינד פון אונזער באליבטען פריינד קאיאווסקי, וועלכע זיינען געבליבען אין א שרעקליך עקאנאמיש־געדריקטער לאגע. די קאמיטע וועט זיך ווענדען צו די לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל און דורך א ראפעל צו די ארבייטער אין די שעפער.

מיר אפעלירען צו אלעמען אויפצונעמען די פארטרעטער פון דער קאמיטע אויף דעם פריינדליכסטען אופן און אין דורך זיי העלפען פארלייכטערן די נויט און ליידען פון דער פאמיליע.

הילפס־קאמיטעט פאר דער קאיאווסקי פאמיליע:
ר. צוקערמאן, טשערמאן,
א. ס. מילער, וויס־טשערמאן,
י. סטענזאר, טרעזשורער,
א. קאהען, סעקרעטאר.

אלע ווענדונגען צו דער קאמיטע זאלען געמאכט ווערען אויף דעם אדרעס פון לאקאל 117, 142 וועסט 33טע סטריט.

גוטע ארבייט ווערט אנערקענט.

די ארבייטער פון דער מאלבערן דרעס קא., 580 8טע עוו., האבען פרעזענטירט זייער שאפ־טשערמאן ברודער הערי בערגמאן, וועלכער פארנעמט זיין אמט שוין איבער 4 יאר מיט א ווערטפולען פרעזענט. א דאנק איז אויך ארויסגעדריקט געווארען צו שוועסטער פעני דזשאקעל. די שאפ־קאמיטע וועלכע האט זיך מעסק געווען מיטן ענין איז באשטאנען פון די ברידער: דזשאזעף גראס און הערי בודאף.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
718 Bergen Ave., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. WAtkins 9-6868

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XXI. No. 4. April, 1939

Entered as Second Class Matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 25, 1919.

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Volume XXI. No. 5. Jersey City, N. J., May, 1939 Price 10 Cents

דער ערשטער מאַי

מיר באַגעגענען אויך דאָס יאָר דעם ערשטען מאַי, דעם אינטער־נאַציאָנאַלען אַרבייטער יום טוב, מיט ניט קיין פרעהליכען האַרצען. אונזערע האָפנונגען, אַז עס וועט בעסער ווערען זיינען ניט פאַרווירקליכט גע־וואָרען. אין געגענטייל, אין פיל פּרטים איז עס ערגער געוואָרען. דער פאַשיזם און נאַציזם זיינען געוואָרען ברוטאַלער און חוצפה'דיגער. די גאַנצע וועלט געפינט זיך, צוליב דער ברוטאַליטעט און חוצפה פון דעם פאַ־שיזם און נאַציזם, אונטער דער שרעק פון מלחמה. די דעמאָקראַטיע האָט געליטען אַ גרויסען פאַרלוסט דורך דעם פיראַטישען איבערפאַל פון היטלער'ן אויף טשעכאָ־סלאָוואַקיע, וועלכע ער האָט דערשטיקט. די וועלט האָט דורך דעם פאַרלאָרען איינע פון די שעהנסטע דעמאָ־קראַטישע מלוכות פון אונזער צייט. מוסאָליני איז ווי אַ וואַלד־רויבער באַפאַלען די קליינע, שוואַכע אַלבאַניע און האָט איר פאַרשקלאַפט. יאַפּאַן געהט ווייטער אָן מיט איר מאָרד־מאַרש אין כינע. די צווי בלוטיגע באַרבאַרישע דיקטאַטאָרס און יאַפּאַן האָבען אָפּגעמעקט די עלעמענטאַרסטע אינטערנאַציאָנאַלע געזעצען וועגען די געגענזייטיגע באַציהונגען צווישען פעלקער און האָ־בען אויף זייער פּלאַץ איינגעפירט די ברוטאַלע מאַכט פון פיראַטען און רויבער באַנדעס. די מורא וואָס אַט די פיראַטען האָבען אַרויפגעוואָרפען אויף דער וועלט, האָט געפירט צו אַן אַלגעמיינע, פיבערהאַפטע באַוואָפ־נונג. די איצטיגע באַוואָפנונג שטייגט ווייט איבער די באַוואָפנונג פון פאַר דער גרויסער וועלט־מלחמה. די וועלט איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין איין גרויסען מיליטערישען לאַגער.

דאָס אומגליקליכע שפּאַנישע פאָלק ליגט איצט צום גרויסען טייל דערטרונקען אין זיין אייגען בלוט. און דאָס וואָס איז געבליבען פון דער גרויסער בלוט־באָד איז אונטער פראַנקאָ'ס פאַרבלוטיגטע באַיאָנעטען איינ־געשפּאַנט געוואָרען אין דעם פאַשיסטישען וואָגען צו העלפען פאַרפינסטערען די וועלט.

עס איז זעהר אַ טרויעריג בילד און עס ווילט זיך אים ווייטער ניט מאָלען. עס ווילט זיך בעסער זוכען אַ טרייסט און אַ האָפנונג, אַז די פינסטערניש, די ברו־טאַלע מאַכט האָט דערגרייכט איר העכסטען פּונקט און זי מוז אָנפאַנגען פאַלען. און אַזאַ טרייסט און אַזאַ האָפנונג איז אויך פאַראַן.

דאָס בילד זעהט אויס אַזוי טרויעריג, אַזוי פינ־סטער, ווען מען קוקט אויף צוריק. עס זעהט אָבער אויס אַ ביסעל פרעהליכער און ליכטיגער ווען מען קוקט אין פאָראויס. עס זיינען גראָד אין די לעצטע וואָכען פאָרגעקומען ענדערונגען צום בעסערען, וואָס גיבען אונז האָפנונגען, אַז דער רויבער־מאַרש פון די פיראַ־טען וועט אָפּגעשטעלט ווערען און עס וועט געשאַפען ווערען אַ געניגענדער ווידערשטאַנד געגען דעם אָנגריף פון פאַשיזם און נאַציזם. די שטאַרקערע פאַראייניגונג פון די דעמאָקראַטישע לענדער, זייערע גרויסע צוגריי־טונגען צו באַגעגענען יעדען נייעם אָנגריף פון היט־לער'ן און מוסאָליני'ן, האָבען אַרויסגערופען טרייסט און האָפנונג אין אַ סך פאַרטרויערטע און צושראָקענע הער־צער.

עס שטאַרקט זיך די האָפנונג, אַז דאָס ערגסטע איז שוין פאַראיבער און אַז עס קומען אָן בעסערע צייטען פאַר דער וועלט. די מורא, אַז דעמאָקראַטיע און פריי־הייט ווערט אָפּגעמעקט פון דער וועלט און אַז דעם פּלאַץ פאַרנעמט דער באַרבאַרישער, פינסטערער און אַכזריות'־דיגער נאַציזם און פאַשיזם, האָט אָנגעפאַנגען פאַר־שווינדען.

דער אַרבייטער קלאַס אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיל שווערע קרבנות אין דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פרייהייט, האָט געקוקט מיט דער גרעסטער שרעק אויף דעם רויבער־מאַרש פון פאַשיזם און נאַציזם. די אַרבייטער האָבען געזעהן, אַז דאָרטען,

אויף צום ערשטען מאַי!

•

מאַרש־ליד פון מאַני לייב.

•

שוועסטער, ברידער פון דער נידער,
בויער, שניידער, שניצער, שמידער, —
ערליכע אין יאָך אין שווערן,
מיט דעם שווייס אויף אייער שטערן,
מיט מאַזאָליעס אויף די הענט
און געבונדענע אין פּענט, —
מוטיג, ברידער, איר זייט פריי
אין דעם טאָג פון ערשטען מאַי!

אין דעם שוואַרצען שטראָם פון יאָרן
איז דער ערשטער מאַי געבאָרן,
קנעכט און אַרבעט צו באַפרייען,
אונזער רוף אַרויסצושרייען:
„שטונדען פאַר דער אַרבעט—אַכט!"
האָבען מיר דעם זיג געבראַכט.
היינט, אין אונזער ערשטען מאַי
פאָדערט זעקס! און שפּעטער—דריי!"

ווער קען איינשטילן די ים'ען,
שטראָמען מיט דער האַנט פאַרצאַמען?
ווער קען בינדען אונזער ווילען?
ווער קען אונזער צאָרן שטילען,
ווען אין שטעט מיר קומען אָן
מיט דער פרייער, רויטער פאָן
אין דעם מאַרש פון ערשטען מאַי?
צוואַנג, צי שנאה, אָדער בליי?

ניט מיט בליי און נאָר מיט ליגען
קען דער שונא אונז באַזיגען;
זעט: אין לענדער ליגען ברידער
אָפּגענאַרטע אין דער נידער, —
אונזער פאָן געשלאָגען ליגט, —
און מיר זיינען דאָרט באַזיגט
אין די טעג פון שקלאַפעריי,
אויך אין טאָג פון ערשטען מאַי.

אַלזאָ, שוועסטער, ברידער, מוטיק
אונזער פאָן — זי פלאַטערט בלוטיק;
אויף, פאַר ברידער די באַטריגטע,
אויף, פאַר ברידער די באַזיגטע,
אויף, פאַר יעדען וואָס ליידט,
אויף, פאַר אַלע אַרבעטסלייט —
אויף, אין אונזער ערשטען מאַי
פאַר דער שיינער פרייער פריי!

וואו דער פאַשיזם און נאַציזם האָט אַ פוס אַריינגע־שטעלט, זיינען זיי, די אַרבייטער, די ערשטע קרבנות געוועזען. אַלע זייערע פרייהייטען, אַלע זייערע אויסגע־קעמפטע רעכטען זיינען פאַרניכטעט געוואָרען און זיי זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין שקלאַפען. און די אַרבייטער ווייסען, אַז כדי צו קעמפען ערפאָלגרייך פאַר אַ בעסערע און גערעכטערע וועלט, וואו עס וועלען ניט זיין קיין אונטערדריקער און קיין אונטערדריקטע, קיין עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע, איז נויטיג דעמאָ־קראַטיע און פרייהייט.

דער ערשטער מאַי איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם טאָג, אין וועלכען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרביי־טער קלאַס זאָל דעמאָנסטרירען זיינע כחות און זיינע פאָדערונגען פאַר אַ בעסערער און גערעכטערער וועלט. די איינצעלנע פאָדערונגען, וואָס ווערען אַרויסגעשטעלט אין די דעמאָנסטראַציעס פון ערשטען מאַי, זיינען ניט אַלע מאָל די זעלביגע. זיי ענדערען זיך מיט דער צייט, מיט די באַדינגונגען און מיט די צושטענדען אין פאַר־שיידענע לענדער. ביז ניט לאַנג צוריק איז איינע פון די פאָדערונגען צום ערשטען מאַי געוועזען די אָפּשאַפונג פון מיליטערישער באַוואָפנונג. אין דעם היינטיגען ער־שטען מאַי וועלען עס די אַרבייטער ניט פאָדערען. די הויפּט־פאָדערונג פון היינט איז דער קאַמף געגען פאַ־שיזם און נאַציזם און די באַשיצונג פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט. מיר ווייסען אָבער, אַז פאַר דעם קאַמף געגען פאַשיזם און נאַציזם און פאַר דער באַשיצונג פון דעמאָקראַטיע מוז מען האָבען וואָפען, ווייל היטלער און מוסאָליני פאַרשפּרייטען די הערשאַפט פון נאַציזם און פאַשיזם און פאַרניכטען די דעמאָקראַטיע מיט דער הילף פון וואָפען. עס איז די גרויסע באַוואָפנונג פון היטלער און מוסאָליני, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף די דעמאָקראַטישע לענדער.

צום גליק איז אין דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און געגען פאַשיזם און נאַציזם דער אַרבייטער קלאַס ניט אַליין. אַלע ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע עלעמענ־טען זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם קאַמף. מען דאַרף בלויז באַדויערען, וואָס דער אַרבייטער קלאַס אַליין איז צושפּאַלטען און קעמפט ניט מיט פאַראייניגטע כחות. דער קאַמף וואָלט געוועזען פיל ווירקזאַמער און ערפאָלג־רייכער, ווען די כחות פון די אַרבייטער וואָלטען געוואָ־רען פאַראייניגט.

נאָר לאָמיר האָפען, אַז דער גייסט אין וועלכען דער יום טוב פון ערשטען מאַי איז געשאַפען געוואָ־רען — דער גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם, פון אַר־בייטער איינינקייט און אַרבייטער סאָלידאַריטעט וועט ענדליך באַהערשען די מוחות און די הערצער פון אַלע אַרבייטער און זיי וועלען מיט פאַראייניגטע כחות און אין פאַראייניגטע רייהען אָנפירען זייער גרויסען באַ־פרייאונגס־קאַמף און זייער זיג וועט זיין ניט בלויז זיכער נאָר אויך נאָהענט.

און זאָלען מיר טאַקע ביי דער היי־יאָריגער ער־שטער מאַי פייערונג דערמאָנען, ווי גרויס עס זיינען געוועזען די האָפנונגען און די באַגייסטערונג פון די אַר־בייטער, ווען די זיינען מיט 50 יאָר צוריק, אין יאָר 1889, אַרויס צום ערשטען מאָל פייערען דעם אינטער־נאַציאָנאַלען אַרבייטער יום טוב. זאָל אַט דער דאַמאָלס־דיגער גייסט אויפלעבען אין אונז היינט און פאַרשטאַר־קען אונזערע כחות צו דעם גרויסען קאַמף, וואָס מיר דאַרפען פירען און אים ברייננען וואָס גיכער צום זיג.

***

דער אינטער־נאַציאָנאַלער גייסט אין אונזער יוניאָן

עס איז אַ גרויסע רעקאָמענדאַציע פאַר די מיטגלידער פון דער אינ־טערנעשאַנעל ווי וואַרעם זיי האָבען זיך אָפּגערופען אויף דעם אַפּיל פאַר די פליכטלינגע, די קרבנות פון היטלער'ס באַרבאַריזם און ווי פרייגעביג זיי האָבען זיך אַרויסגעוויזען אין זייער הילף.

עס איז גוט באַקאַנט די שווערע, געדריקטע לאַגע פון די קלאָוקמאַכער. די לאַנגע קריזיס יאָרען און די כראָנישע אַרבייטסלאָזיגקייט האָט די קלאָוקמאַכער גאַנץ באַזונדערס שווער געטראָפען. דאָך ווען עס איז גע־קומען דער רוף צו געבען אַ טאָג אַרבייט פאַר די פליכט־לינגע איז דער ענטפער געווען אַ העכסט וואַרימער.